STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09492

MAYN LUBLIN

Róza Fiszman-Sznajdman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רוזשאַ פישמאַן־שניידמאַן

*

מיין לובלין

רוזשאַ פישמאַן־שניידמאַן

מיין לובלין

בילדער פונעם לעבנס־שטייגער פון ייִדן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״ב — 1982

Róża Fiszman-Sznajdman
MAIN LUBLIN

I.L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL
פארלאג י.ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14

©
All rights reserved by
Róża Sznajdman
Sulitelmagatan 3 F
41671 Göterborg
Sweden

Printed in Israel 1982
נדפס בישראל, תשמ״ב

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

עטלעכע ווערטער וועגן דעם בוך און זיין מחברטע

איך האָב מיט גרויס אינטערעס איבערגעלייענט דאָס בוך פון מיין געוועזענער שילערין רוזשאַ פישמאַן־שניידמאַן, געווידמעט איר יוגנט, וואָס איז אַפּגעלאָפן אין לובלין. געבוירן אויף דער לובאַרטאָווסקע־גאַס, האָט זי ביזן מאָמענט ווען זי איז אויסגעוואַקסן, כמעט נישט פאַרלאָזט דעם טייל שטאָט וואָס איז געהאַט באַוווינט געוועזן דורך יידן.

קודם כל באַשרייבט זי דאָס הויז ווו זי איז געבוירן און ווו זי האָט געלעבט מיט איר משפחה ביזן אַריינקומען פון דייטש. דערנאָך קומען די באַשרייבונגען פון די נאָענטסטע שכנים פונעם פערטן שטאָק אין דעם זעלבן הויז, און שפּעטער, פון די שכנים פון די אַנדערע שטאָקן. דאַן גייען באַשרייבונגען פון אַנדערע גאַסן מיט אַ יידישער באַפעלקערונג, פון כאַראַקטעריסטישע פאַרשוינען און אויך פון געשעענישן.

ס׳באַקומט זיך פון אירע באַשרייבונגען אַ קאָלירפול בילד פונעם לעבן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע אין לובלין, פון זייער שטייגער, פון די פאַמיליע־פאַרהעלטענישן, פון די יידישע פרנסות, פון דעם טאָג־טעגלעכן ראַנגלען זיך פונעם יידישן האַרעפּאַשניק, פונעם בעל־מלאכה, הענדלער מיט דעם יידנפיינטלעכן פוילישן שטייעראַמט און אין דער זעלבער צייט, זיינע באַמיִונגען צו געבן די קינדער די נייטיקע דערציִונג, צו פאַרזיכערן זיי אַ געהעריקע בילדונג און דאָס, פאַרן פרייז פון די גרעסטע מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען, וואָס שטייגן אָפט מאָל אַריבער זיינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. עס קומט אין רוזשקע שניידמאַנס זכרונות צום אויסדרוק דער אומבויגזאַמער ווילן פון דער יידישער יוגנט זיך צו לערנען, צו פאַרענדיקן כאָטש אַ פאָלקסשול און, אויב מעגלעך, אַ מיטלשול — און דאָס אין די ערגסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, ווען ס׳טרעפט אַפילו אַז דער שילער אָדער די שילערין מוז מיט גרויס חרפּה פאַרלאָזן דעם קלאַס ווייל דער פאָטער האָט נישט געקענט אַריינטראָגן דעם שכר־לימוד פאַרן חודש.

און ווען דער אידעאַל ווערט שוין דערגרייכט און דער שילער אָדער די שילערין באַקומט שוין די געגאַרטע מאַטורע — נאָך דער אויסערגעוויינלעכער שפּאַנונג אין משך פון לאַנגע וואָכן פאַר און בעת די עקזאַמענס — אַנטפּלעקט זיך ערשט אָפט די גאַנצע אויסזיכטלאָזיקייט פון דער יידישער יוגנט וואָס האָט מערסטנטיילס נישט קיין מעגלעכקייט ווייטער צו שטודירן —

צוליב די אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען אויף די הויכשולן — אָדער דער אומ־מעגלעכקייט צו באַקומען וועלכע נישט איז באַשעפטיקונג צו וועלכער מ׳זאָל קענען אויסנוצן די אַזוי שווער דערגרייכטע מאַטורע.

זעען מיר ווי אַזוי די יוגנט נעמט אויסנוצן די ענערגיע אירע אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט און שליסט זיך אָן אין דער „לינקער" באַוועגונג, שטייט אויס פּאָליציייִשע רדיפות און פאַלט נישט איין מאָל אַריין אין תפיסה.

מ׳פילט אַרויס פון יעדער שורה פון רוזשקע שנײַדמאַנס בוך איר וואַרעם מענטשלעך און יידיש האַרץ, איר געפיל פאַר יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט, איר מיטפילן מיט די באַעוולטע און גערודפטע.

איך באַוווּנדער דעם גוטן זכרון פון דער מחברטע, וואָס געדענקט אַזוי גענוי ערטער, נעמען און געשעענישן און באַשרײַבט כמעט יעדן פּרט און פּרט, באַנוצנדיק זיך דערבײַ מיט אַ שיינעם און ריינעם יידיש.

די מחברטע דערמאָנט דערבײַ אויך מײַן נאָמען. זי איז נעמלעך געווען אויך מײַן שילערין די לעצטע צוויי יאָר אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע וווּ איך בין געווען לערער.

*

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט קיין לובלין דעם גאַליציאַנער פּראָפעסאָר ד״ר מאיר באַלאַבאַן און ער האָט אין לובלין אָנגעשריבן זײַן באַוווּסט ווערק „אַ יידנשטאָט לובלין". די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך אַ כוואַליע פון לאַנדסמאַן־ביכער, קודם כל „דאָס בוך פון לובלין", אַרויסגעגעבן אין פּאַריז בשותפות דורך אַ ריי לובלינער לאַנדסמאַנשאַפטן, צווישן זיי פראַנקרייך, אַמעריקע און ישראל. שפּעטער איז אין ישראל דערשינען אין עברית אין דער סעריע קאָלעקטיווע זאַמלביכער „אנציקלופדיה של גלויות" דער באַנד „לובלין". אויך יחידים האָבן אַרויסגעגעבן ביכער וועגן זייער היימשטאָט לובלין, זייערע איבערלעבונגען אין דער מלחמה־צייט.

צו די לעצטע ביכער קומט איצט צו דאָס פאָרליגנדיקע בוך פון רוזשקע פישמאַן־שנײַדמאַן וואָס גיט אַ קאָלירפולע שילדערונג פון דער שטאָט יידן אין לובלין צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

נחמן בלומענטאַל

פאַרוואָרט

אין משך פון אַלע יאָרן, זינט די מלחמה האָט מיך אַרויסגעיאָגט פון מיין היים צו נע ונד, טראָג איך דאָס געשטאַלט פון מיין געבוירן־שטאָט לובלין אין האַרץ און נשמה. מיר האָבן נישט אויפגעהערט חלומען זיך אירע גאַסן אויף וועלכע ס'איז פאַרלאָפן מיין קינדהייט און מיין יוגנט; די הייזער און זייער אויסזען און איבערהויפּט יענע וואָס זענען באַוווינט געווען אין גרויס ענגשאַפט פון די פשוטע פאָלקסמענטשן — בעל־מלאכות, האַרעפּאַשניקעס — צווישן וועלכע איך בין געוואַקסן און ווו ס'האָט זיך געפורעמט מיין באַוווסט־זיין. די שפּראַך אין וועלכער די מענטשן האָבן אויסגעדריקט זייער פרייד און לייד האָט שטענדיק געקלונגען אין מיינע אויערן.

שרייבנדיק דאָס בוך בין איך נישט אויסן געווען קיין ליטעראַרישע שאַפונג. איך האָב אויך נישט פּרעטענדירט צו געבן אַ פּילזייטיק, אויסשעפּלעך בילד פון דער שטאָט. דערפאַר האָב איך עס אָנגערופן „מיין לובלין", דאָס הייסט לובלין אַזאַ ווי איך האָב זי געקענט ביז דעם חורבן. און דאָך האָף איך, אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר מיינע בני־עיר צו דערמאָנען זיך דאָס געשילדערטע, דעם שטייגער, די מענטשן, די משפּחה־קרייזן, די פאַרשידענע גרופּירונגען, די סאָציאַלע סטרוקטור, דאָס שולוועזן, די לערערס מיט זייערע מעלות און שוואַכקייטן, די מיטשילערס, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געחברט, די וווּנדערלעכע אינטעלעקטועלע און אידעאַליסטישע יוגנט וואָס האָט אַריינגעהויכט אַ גייסטיקן אינהאַלט אין דער שטאָט און זי דינאַמיזירט געזעלשאַפטלעך מיט איר טעטיקייט.

כאָטש באַגרינדעט בלויז אויפן זכרון, איז דאָס געשילדערטע געגעבן ווי ווייט מעגלעך אויטענטיש. ס'איז דאָ גאָרנישט איבערגעטריבן און גאָרנישט פאַרמינערט, געשריבן מיט געטריישאַפט צו דער שטאָט און צו די ייִדן וואָס האָבן דאָרט געוווינט, וואָס מיר דערמאָנען מיט נאָסטאַלגיע און מיט אַ ווייטיקלעכן קלעם אין האַרץ פון צער צוליב דעם וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן און צוליב די חרובע און פאַרניכטעטע ווערטן, וואָס האָבן צוגעגעבן „מיין לובלין" אַזוי פיל חשיבות און חן.

איך האָב אויך איינגעשלאָסן אַ טייל פאָטאָגראַפיעס פונעם פאַרמלחמה־דיקן לובלין. איך האָף אַז די וועלן דערגאַנצן דאָס וואָס איך האָב נישט דערזאָגט.

וועגן לובלין איז שוין געשריבן געוואָרן זייער פּיל. איך בין נישט די ערשטע און איך מיין אַז אויך נישט די לעצטע.

זאָל „מיין לובליך" זיין נאָך איין פלעמעלע צום נר־תמיד פאַר מיינע און אונדזערע נאָענטע, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע ייִדן פון לובלין.

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק דעם דיכטער מאָטל סאַקציער פאַר זיין הילף ביים צוגרייטן דאָס בוך. דוד שטאָקפישן, דעם פאַרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט און חיים קליגער, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער פון לובלין דאַנק איך האַרציק פאַר זייער הילף ביים פאַרשפּרייטן דאָך בוך.

די מחברטע

לובאַרטאָווסקע 21, איר הויף, די בעלי־בתּים, די לאָקאַטאָרן, מיין משפּחה

מיין לובלין האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער גאַס לובאַרטאָווסקע 21, וואַרשיינלעך דערפאַר ווייל דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, דאָרט האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדער־און יוגנט־יאָרן, ביזן יאָר 1939, ווען היטלער האָט פאַרנומען די שטאָט. דאָס הויז איז פּאַקטיש באַשטאַנען פון פיר הייזער, וועלכע האָבן פאַרמאַכט דעם אַזוי גערופענעם הויף מיט דעם שמוציקן „טואַלעט", וועלכער האָט געמוזט דינען אַלע לאָקאַטאָרן פון די פיר הייזער (אַחוץ די צוויי בעלי־בתּים, וועלכע האָבן די סאַניטאַרע אַפּטריט־ערטער געהאַט אין דער היים).

אין דעם הויז האָבן געוווינט הויפּטזאַכלעך אָרעמעלייט. זיי האָבן געהאַט אייביקע דאגות פון „ווו נעמט מען פּרנסה" פאַר זייערע גרויסע הויזגעזינדן. וויניק האָבן געהאַט באַשטענדיקע הכנסות. פאַר אַלע איז דירה־געלט געווען אַ ווייטיקלעך פּראָבלעם. כּמעט אַלע זענען שטענדיק געווען שולדיק דעם בעל־הבית עטלעכע חדשים.

די בעלי־בתּים האָבן געוווינט אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק, אין פראָנט. צום פיינלעכסטן איז עס אָנגעקומען יענע, וועלכע האָבן געוווינט איבער זיי. מיט אַ פאַרקלעמטן האַרץ פלעגן זיי פאַרבייגיין די טירן, און דערלייכטערט אָפּגעאָטעמט, אויב זיי האָבן זיך נישט געטראָפן פּנים אל פּנים מיט עמעצן פון די בעלי־בתּים, אָדער מיט צוקערפּיינס געטרייען דינסט־מיידל.

די אייגנטימער האָבן געהאַט אויסגעפּרוּווטע מעטאָדן צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די שכנים, ביי זיי האָט זיך שטענדיק געפונען דער שליסל צום בוידעם, ווו אַלע האָבן געמוזט טריקענען די וועש. ווער ס'האָט נישט באַצאָלט קיין דירה־געלט האָט זיך נישט געקאָנט באַנוצן מיט דעם בוידעם.

און וועש האָט מען געמוזט וואַשן אָפּט, ווייל די משפחות זענען געווען גרויסע און צו פיל וועש האָבן זיי נישט געהאַט.

אַ צווייטער מעטאָד צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די שכנים איז געווען: פאַרמאַכן דאָס וואַסער. דעמאָלט האָבן אַלע געמוזט גיין צום איינציקן פּלומפּ אויפן אַזוי גערופענעם פישטאַרג, אויף דער זייט פון לובאַרטאָווסקע. דאָרט האָבן זיך געמערט לאַנגע רייען און מ׳האָט געמוזט גאַנץ לאַנג וואַרטן ביז מ׳האָט זיך דערשלאָגן צום קראַן. באַצאָלן פאַר יעדן עמער וואַסער, זיך טראָגן מיט דער משׂא אַ גאַנץ היפּשע שטרעקע. די איינוווינער פון פערטן שטאָק וועלכע האָבן נאָך געמוזט בייקומען עטלעכע און צוואַנציק טרעפּ, איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

זומער איז געווען לייכטער. אָבער ווינטער, ווען די פראָסט האָט זיך גע־שטעלט און ס׳איז גליטשיק געוואָרן, איז די וואַסער־פּלאָג געווען אומגעהייער.

דאָס פאַרמאַכן דאָס וואַסער איז פאַר די אייגנטימער געווען אויך אַ מיטל צו שפּאָרן געלט. דעריבער האָבן זיי דאָס אָנגעווענדט זייער אָפּט. האָט זיך נאָך געמאַכט און ס׳האָט געפּלאַצט אַ רער פון דער וואַסערלייטונג, איז דאָס שוין געווען אַ קללה פון גאָט. וואָכן האָט געדויערט ביז מ׳האָט די רער פאַרראַכטן, נישט איין מאָל האָבן די שכנים זיך צונויפגעלייגט און באַצאָלט, כאָטש דאָס איז געווען דער חוב פון די בעלי־בתים.

כמעט שטענדיק איז דער קעלער, ווו די וואַסערלייטונג איז אַדורכגע־גאַנגען, געווען פול מיט וואַסער. מע פלעגט עס אויספּלומפּעווען גלייך אויפן הויף. צוזאַמען מיטן שמוץ פונעם אָפּטריט האָט זיך געשטעלט אין הויף אַ געדיכטע שטינקענדיקע, געלע פליסיקייט.

נאָכן פאַראייניקן די לובאַרטאָווסקע (ייִדן האָבן די גאַס גערופן די לעוואַרטאָווער) מיט דער נאָווע, האָט דאָס הויז געטראָגן דעם נומער 47, אָבער ביי מיר איז עס געבליבן אויף שטענדיק ביים פריִערדיקן נומער.

דריי בלאָקן זענען געשטאַנען צוזאַמען. „מיין" הויז איז געלעגן צווישן 19 און 23. גערופן האָט מען עס חיים קאַשעמאַכערס הויז, כאָטש אין דער צייט ווען מיר האָבן דאָרט געוווינט האָט עס געהערט צו זיינע יורשים: וואָלף צוקערפיין און סילקעלע זייפשטיין. וואָלף צוקערפיין איז אין קעגנזאַץ צו זיין אויסערגעוויינלעך דיקער פרוי געווען אַ מאָגערער מאַן. אַחוץ מיטן עקספּלואַטירן דעם טייל פונעם הויז, האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּראָ־דוצירן און פאַרקויפן וויין און ליקער. זיין געשעפט אויף שווענטאַ־דוסקע

האָט זיך גוט פונאַנדערגעבליט, געגעבן גרויסע הכנסות און דערמעגלעכט זיין פאַמיליע צו פירן אַ גוט לעבן.

זיין פרוי האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיטן הויז, צו מאַטערן די שכנים מיט די פּריזער דערמאָנטע מעטאָדן. אין דער אַרבעט האָט איר אַ סך צוגע־האָלפן איר דינסטמיידל, וועלכע האָט געדינט ביי איר לאַנגע יאָרן, און אין באַצוג צו די שכנים זיך שוין געפירט ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ שטיקל בעל־הביתטע פונעם הויז.

דאָס פּאָרל האָט געהאַט צוויי טעכטער און איין זון. מענטשן האָבן גע־האַלטן, אַז גאָט האָט זיי געשטראָפט מיט נישט־געראָטענע קינדער פאַר די צרות וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן די שכנים. די עלטסטע טאָכטער, סימע, איז נישט געווען פון די שיינהייטן, געוואַרט לאַנג אויף איר זיווג, און ווען ס׳האָט זיך שוין געפונען אַ חתן, איז זי שוין געווען ווייט אַריבערגעוואַקסן אין די יאָרן און אומצופרידן מיטן אויסוואַל.

די צווייטע טאָכטער, טאַבטשע, האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די לימודים. נישט די שילערס פון קלאַס, נישט די קינדער פון הויז האָבן זיך געוואָלט חברן מיט איר. איין אויסנאַם איז געווען — אַ מיידל פון לובאַרטאָווסקע 22 מיטן נאָמען מאַשע איינשטיין, וועלכע האָט איר פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל געהאָלפן מאַכן די לעקציעס. נאָך מאַשעס אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע (ווי מ׳האָט דעמאָלט גערופן דאָס לאַנד) איז זי געבליבן אין גאַנצן איינזאַם. די מוטער האָט דעמאָלט געמוזט אַראָפּקוקן און אַן דערפּאָלג געזוכט פאַר איר חברטעס צווישן די שכנישע קינדער.

דער איינציקער זון האָט געהאַט אַ חנוודיק פּנים, אָבער אין אַלץ איז ער געווען מיידליש. באַזונדערס מאָדנע האָט געקלונגען זיין קול. אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק און דאָס קול — אַ קינדעריששס. פאַרשטייט זיך, אַז חברים האָבן אים נאָכגעקרימט, געחוזקט פון אים. די עלטערן האָבן דערפאַר אים אַוועקגעשיקט ערגעץ ווו צו אַ ספּעציאַליסט, און ערשט נאָך אַ דורכגעפירטער אָפּעראַציע האָט זיך זיין קול פאַרבעסערט.

ביז היינט געדענק איך ווי צוקערפּיין האָט עטלעכע מאָל געדראָט מיינע עלטערן מיט אַן עקסמיסיע, אַרויסוואַרפן פון דער דירה, הייסט עס. אין 1936 אָדער 1937 האָט ער איינגעגעבן אונדז אין געריכט. ווי אַזוי מיר האָבן זיך קעגן דעם געוועהרט שרייב איך אויף אַן אַנדער אָרט; דאָ וויל איך דערמאָנען בלויז אַ סצענע פון געריכטזאַל.

ס'האָבן זיך דאָרט געשטעלט פון איין זייט מיינע עלטערן מיט מיר, פון דער צווייטער זייט וואָלף צוקערפיין, דער בעל־הבית. צום געריכט בין איך געקומען אין אַ נייעם פּאַלטן, דער אַלטער איז זיך פּשוט שוין צעפּאַלן, און מיין נייעם פּאַלטן האָט מיין מוטער גענומען אויף אויסצאָלן פּאָר די פונעם מויל אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס. דער פּאַלטן האָט מיינע עלטערן געקאָסט נישט איין וואָכנאַכט, באַזונדערס מיין מוטער. דעם פּאַלטן האָט צוקערפּיין געוואָלט בעת געריכט אויסנוצן ווי אַ באַווייז פון מיינע עלטערנס בייזוויליקייט. דער ריכטער האָט אים איבערגעריסן, אָבער דעם פּסק אויף עקסמיסיע האָט צוקערפּיין געוווּנען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך צוקערפּיינען געטראָפן אין טראַגישן מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו לובלין. זיי האָבן די שטאָט באָמבאַרדירט. און קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט צו בלייבן אין די וווינונגען, איבערהויפּט אויף די העכערע שטאָקן; אַלע פלעגן בעת די אַלאַרמען פאַרלאָזן די וווינונגען און זיך אַראָפּלאָזן אונטן, ביים אַריינגאַנג אין הויז. צוקערפּיין האָט דעמאָלט געבעטן די שכנים זיי זאָלן אים נישט פאַרלאָזן. ער האָט גערופן צום יידישן געוויסן. קיין נקמה־געפיל האָט קיינער נישט איבערגעלעבט, ווייל אַלע האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל געפונען אין דער זעלבער לאַגע.

סילקעלע, די צווייטע אייגנטימערין פון הויז, אַ הויכע, אויסגעדאַרטע יידענע, האָט מיט איר חלק הויז זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זי האָט אויך נישט געקענט זיך באַגיין מיט לאָקאַטאָרן אַזוי אומרחמנותדיק ווי איר קרוב. ווי נאָר די קינדער זענען אויסגעוואַקסן, האָט זי צעטיילט זיי וווינונגען און געוועלבן אין איר טייל פון הויז. איר גופא איז קיין סך נישט געבליבן.

דער עלטסטער זון, אַן אויסגעדאַרטער חסידיש געקליידטער יונגערמאַן, מיט זיין אויסגעמאַטערטער און פּריצייטיק פאַרעלטערטער פרוי און עטלעכע קינדער, האָט פּריער פאַרנומען אַ וווינונג אין דער אָפיצינע, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טאַרגאָווע. דערנאָך, ווען די קליינוועקלערס און טורנעס האָבן פאַרלאָזט די וווינונג אויפן פערטן שטאָק האָבן זיי פאַרנומען די וווינונג.

אויפן ערשטן שטאָק האָט געוווינט סילקעלעס אַ טאָכטער מיט איר מאַן און צווי קינדער. זיי האָבן זיך אויסגעהאַלטן פון דעם אַזוי גערופענעם „סקלאַד אַפּטעטשני״, אייגנטלעך, אַ געוועלב פון קאָסמעטיק אויף לובאַר־

טאָווסקע. די דייטשן האָבן אין די ערשטע טעג נאָכן פאַרנעמען לובלין צעראַבעוועט די סחורה פונעם געוועלב און דערצו האָבן זיי פּישן געזוכט כּדי צו באַשטראָפן אים פאַרן פאַרמאַכן דאָס געשעפט. די פאַמיליע האָט זיך פריִער באַרימט געמאַכט צוליב אַן אומגליק וואָס האָט געטראָפן מיט זייער טאָכטער: אין עלטער פון אַ צען יאָר איז זי אַראָפּגעפאַלן פונעם באַלקאָן און אַ לאַנגע צייט נאָך דעם געלעגן אין שפּיטאָל און אין דער היים.

די צווייטע טאָכטער האָט נישט געוווינט אין הויז, זי האָט געווים גענומען איר טייל אין מזומן.

דער יינגסטער זון האָט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געוווינט מיט דער מוטער צוזאַמען. אויך ער האָט געהאַט אַ „סקלאַד אַפּטעטשני" אין זעלבן הויז, וואָס האָט געהאַט הצלחה. סילקעלע האָט אַ געוויסע צייט אויך פאַר־דונגען אַ טייל פון איר וווינונג צו אַ דאָקטער וועלכער האָט געהאַט אַ פרוי און אַ טאָכטער אַ סטודענטין. דער דאָקטער מיטן נאָמען גייער האָט נישט געהאַט, ווי מ'האָט געזאָגט, קיין מזל צו פּאַציענטן. שולדיק אין דעם איז זיכער געווען די וווינונג און די גאַס. מ'האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ גוטער דאָקטאָר קען וווינען און פּראַקטיצירן אין אַ שותּפותדיקער דירה. דאָס האָט געווירקט אַז דער דאָקטאָר גייער, אַ זייער סימפּאַטישער און גוטהאַרציקער מענטש, האָט נישט דערוואָרבן קיין גרעסערן קרייז פּאַ־ציענטן ער זאָל פון זיין פּראַקטיק קענען אויסהאַלטן די פאַמיליע. זיין סוף איז געווען אַ טראַגישער. ער איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד, סמענדיק זיך מיט ציאַנקאַלי. זיין זעלבסמאָרד האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע לובלינער געזעלשאַפט, באַזונדערס די שכנים, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ זייער סימפּאַטישן און גוטן מענטש.

אַ גרויסע צאָל דאָקטוירים האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען אים צו ראַטעווען, די אַרטיקע פּרעסע האָט יעדן טאָג געמאָלדן וועגן זיין צושטאַנד, אָבער... אומזיסט. טויזנטער מענטשן האָבן אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג. געבליבן איז נאָך אים זיין פרוי מיט דער טאָכטער, אָן מיטלען צום לעבן.

די בעלי־בתים האָבן געהאַט צו הילף דעם אַזוי גערופענעם „זשאַנדצע", ציגעלמאַן האָט ער געהייסן. זיין באַוויזן זיך האָט שטענדיק אַרויסגערופן אַ פּאַניק. ער איז געווען אומברחמנותדיק. אויב ביי צוקערפּייגען האָט מען נאָך אַ מאָל געפּועלט צוצוואַרטן אַ פּאָר טעג אויפן דירה־געלט, איז דאָס

קיין מאָל נישט געלונגען ביי ציגעלמאַנען. ער האָט געהאַט שלעכטע ניגונגען. מ׳האָט געקענט זען ווי צופרידן ער פלעג זיין ווען ער האָט געקענט פאַרפאַלגן אַ לאָקאַטאָר. זיין רויט, אַפּאָפּלעקטיש פּנים געדענק איך ביז היינט.

מיין שילדערונג פון דעם הויז וועט אָבער נישט זיין גאַנץ, אויב איך וועל אויסמיידן איין וויכטיקן דעטאַל, דעם פּיקאַנטסטן, מיט וועלכן איך האָב אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל. דאָס איז — דער „טואַלעט״.

דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער באַדינונגס־אינסטיטוט פאַר די באַדערפעניש פון די שכנים, און וועלכער איז זיי געלעגן גוט אין טעם. איין און איינציקע איינריכטונג פאַר דער גאַנצער היפּשער באַפעלקערונג פון דעם הויז — איז זי שטענדיק געווען איבערגעפּולט, און דער געלער שמוץ האָט אַריבערגערונען און זיך צעגאָסן אין הויף, ווו די קינדער פלעגן פאַר־ברענגען.

כדי צו באַזוכן דאָס דאָזיקע אָרט האָט מען געמוזט געאיבט זיין אין אַלערליי אַקראָבאַטישע קונצן, און באַזונדערס — כדי זיך אַרויסבאַקומען פון דאָרט אין אַן אָנשטענדיקן צושטאַנד, נישט רעדנדיק שוין פון די פּרעכ־טיקע מייז, שטשורעס און קעץ וועלכע האָבן דאָרט פראַנק און פריי אַרומגעשפּרונ־גען און געווימלט.

באַזונדערע צרות האָבן געהאַט אויסצושטיין מיידלעך. ס׳האָבן זיך אָפט געפונען ווייסחברהלייט, בעלנים אָפּצוּוואַרטן אויף זייער באַזוך און דורך אייגנס דורכגעבויערטע לעכער כאַפּן אַ קוק אויף אַ מיידלשן נאַקעטן חלק.

די רייניקונג פון דעם איינציקן טואַלעט איז אַריינגעגאַנגען אין שׂכר־דירה, דאָס הייסט, אויפן חשבון פונעם בעל־הבית. אָבער ער האָט געשפּאָרט זיין געלט און גערייניקט זעלטענער. דערפאַר אָבער ווען דער „גליקלעכער״ מאָמענט איז שוין יאָ געקומען, איז דאָס געווען אַ גיהנום ממש. די ספּע־ציעלע רייניקער־קאָמאַנדע פלעג קומען מיט פעסלעך אויסשעפּן דעם טואַ־לעט־אינהאַלט און דער ריח־ניחוח האָט זיך צעטראָגן נישט נאָר אין הויף און איבער די שטיגן. ער האָט פאַרסמט אויך די גאַנצע גאַס. מ׳האָט געמוזט פאַרמאַכן פעסט די פענצטער, ביז דער ריח וועט זיך אויסוועפן. דער ריח און דער רויש פון די פעסלעך האָבן געקאָנט אויפוועקן אַ טויטן.

די לאָקאַטאָרן פון דעם הויז האָבן געבילדעט כמעט ווי איין פאַמיליע.

באַזונדערס געבונדן איז געווען דער דריטער און פערטער שטאָק. די מענטשן האָט פּאַראייניקט זייער געמיינזאַמע לאַגע, די זעלבע שטענדיקע דאגות־פּרנסה און די זעלבע אויסזיכטלאָזיקייט. די זעלבע אינטערעסן האָבן צעמענ־טירט זייער פריינדשאַפט, און די שטרעבונג קעגנזייטיק זיך צו העלפן. און אויב האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנדערע מעגלעכקייטן בייהילפיק צו זיין, זענען זיי כאָטש געקומען מיט אַ גוט וואָרט.

יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען האָבן געפילט אַז זיי האָבן צו ווענדן זיך צו ווענדן ווען ס'איז זיי געווען שווער אויפן האַרץ. פאַרשטענדלעך אַז ס'האָבן זיך געשאַפן אויך קאָנפליקטן און צדדים, אָבער זיי האָבן קיין מאָל נישט לאַנג געדויערט, ס'האָט שטענדיק געוווּנען די באַדערפעניש פון קעגנ־זייטיקע גוטע באַציִונגען.

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, האָבן דעם דריטן און פערטן שטאָק באַוווינט אָרעמערע מענטשן, די אונטערשטע צוויי שטאָק — מענטשן מיט אַ בעסערן מעמד. די קאָנטאַקטן צווישן די העכערע און נידעריקע שטאָקן זענען נישט געווען אַזוינע פעסטע, ווי צווישן די אויבערשטע צוויי.

דאָס רוב וווינונגען אויף די העכערע צוויי שטאָק זענען באַשטאַנען פון קליינע צוויי צימערלעך מיט אַ קיך. איין וווינונג פון דריי צימערן מיט אַ קיך האָט פאַרנומען איטשע דער קצב, מיטן צונאָמען האַלצהעקער. אין דעם לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר, לינקס פון די שטיגן, האָט זיך געפונען די צווייטע גרעסערע וווינונג, וועלכע ס'האָט פאַרנומען די פאַמיליע שוואַרץ. דער טאַטע פון דער משפחה — אַ גרויסער חסיד, האָט שטענדיק געוועקט ביי מיר אַ געפיל פון שרעק, ווייל ער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט קוקן אויף אַן אישה. צום נשים־מין האָט ער צוגערעכנט אַפילו די קלענסטע מיידעלעך. ווען מיר האָבן זיך געשפּילט אויף די שטיגן האָט ער נישט געוואָלט אַדורכ־גיין, ביז מיר האָבן נישט אָפּגעטרעטן פונעם פּלאַץ.

קעגן די שטיגן האָט געוווינט די פאַמיליע ניסנבוים, דער פאָטער פון דעם געזינד איז געווען אַ תבואה־סוחר. ווען די געשעפטן זענען געווען גוטע האָט זיין פאַמיליע זיך נישט געחברט מיט די אַנדערע איינוווינער. שפּעטער האָבן זיי זיך געדונגען אַ גרעסערע וווינונג אַנטקעגן, ביי קאָצענעלבויגן, לובאַרטאָווסקע 24, ווו עס האָבן געוווינט בעסער איינגעאָרדנטע מענטשן.

אויפן זעלבן שטאָק האָט געוווינט די פאַמיליע פּערל, ער — אַן אַנגע־

שטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, האָבן דערפאַר זייניקע זיך אויך געהאַלטן פאַר „עפּעס בעסערס". ערשט ווען די עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן געשלאָגן און די קראַנקייט פון דער פרוי האָט זיך געפּערלעך פאַר־ערגערט, האָט די פאַמיליע פּערל זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו די אַנדערע שכנים.

צו דעם שטאָק האָט געהערט נאָך איין פאַמיליע — עלטערן, צוויי טעכטער און אַ זון. די עלטערע טאָכטער, פעסטקע, האָט עטלעכע יאָר גע־לערנט אין שפּערס גימנאַזיע. זי האָט מיט מיר אַ געוויסע צייט געלערנט פּויליש, ווייל מיינע עלטערן האָבן געוואָלט אַז איך זאָל פאַרן אַריינטריט אין שול קענען אַ ביסל די שפּראַך. איר פאָטער האָט געהאַנדלט מיט היי, אָבער די געשעפטן זיינע זענען געגאַנגען ערגער און ערגער.

די יינגערע טאָכטער האָט געהאַט אַ רייד־פעלער, און צוליבן פעלער איז זי געווען, ווי מען זאָגט, אַ „בעל מום רע". זי פלעג שלאָגן אַלע קינדער. מיר האָבן געמוזט פאָלגן אַלץ וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, און אויב נישט, האָבן אונדז קיין צרות נישט געפעלט. וואָרשיינלעך האָב איך איר צו פאַר־דאַנקען, וואָס איך זע אויף איין אויג שוואַכער. זי האָט אַ מאָל שטאַרק צע־שלאָגן מיין ברודער אשר. איך אַלס עלטערע שוועסטער האָב געוואָלט דער־פאַר באַשטראָפן אונדזער פאַרפאָלגערין. זי האָט געוואַשן די פאָדלאָגע ביי זיך אין קיך, און ווען איך האָב מיך באַוויזן, האָט זי לאַנג נישט געטראַכט און מיט דער ברודיקער פאָדלאָגע־שמאַטע מיר אַ שמיץ געטאָן איבערן פּנים. פון דעם, ווייזט אויס, האָט זיך אָנגעהויבן מיין צרה מיטן אויג. אַ גאַנץ יאָר האָב איך אויף דעם אויג גאָרנישט געזען. נאָך אַ יאָר האָט זיך עס אַ ביסל פאַרבעסערט, אָבער די ראיה איז מיר פאַרבליבן אַ שוואַכערע.

אויך פאַר דעם בן־יחיד פון דער פאַמיליע האָבן די קינדער געציטערט. אַחוץ דעם שלאָגן און שרייען האָט ער נאָך געהאַט אַ שוואַכקייט צו קליינע מיידעלעך, וועמען ער פלעגט פאַרפירן אויפן בוידעם... אַלע עלטערן האָבן געוואָרנט זייערע קינדער צו זיין פאַרזיכטיק מיט אים.

מיר האָבן געוווינט „צענטראַל" (נ. 27) אַנטקעגן די שטיגן. די טיר איז ביי אונדז שטענדיק געווען אָפן. אַלע, וועלכע האָבן געוווינט אין די צוויי קאָרידאָרן, אויף רעכטס און לינקס, פלעגן אַריינקומען צו אונדז. מיין מוטער איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געמוזט זען די „מציאות" וואָס

די שכנטעס האָבן איינגעהאַנדלט אויפן פישטאַרג, נישט ווייט פונעם הויז. צו מיין מוטער איז מען אויך אָפט געקומען בארגן אַ גלאָז מעל, אַן איי, אַ פעטרושקע, אַ מערל, און אַ פּאָר גראָשן, וועלכע האָבן שטענדיק אויס־געפעלט.

מיין מוטער האָט שטענדיק געבאָרגט און גאַנץ אָפט די הלוואה נישט צוריקבאַקומען. זי האָט אָפט מאָל זיך געשוואָרן נישט צו לייען, אָבער ווען די שכנה איז געקומען עפּעס לייען, אָבי זי האָט געהאַט, האָט זי נישט געקענט אָפּזאָגן. צו מיין מוטער פלעגן די שכנטעס קומען אויך כדי זי זאָל נייען זייערע קליידער. האָט זי דעריבער קיין מאָל קיין פרייע מינוט נישט געהאַט. געפינענדיק דעם מאָדעל איז געווען אַ וועלטפּראָבלעם, דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע מיט מעסטן. אין די פריערדיקע יאָרן, נאָך דעם וואָס דער שטייעראַמט האָט צוגענומען אונדזער אַזוי גערופענעם טרעמאָ־שפיגל, איז דאָס מעסטן געוואָרן אַ מאַטערניש.

דאָס שאַפן זיך אַ ניי קלייד איז ביי די איינוווינער פון דעם הויז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. מ'האָט געשפּאָרט אַ גראָשן צו אַ גראָשן פון די שוואַכע, נישט גענוגנדיקע איינקונפטן. דעריבער איז געווען אַ טראַגעדיע, אויב דאָס נייע קלייד האָט זיך אַ מאָל נישט איינגעגעבן, אָדער נישט געפונען חן אין די אויגן פון אַלע שכנים און באַקאַנטע, און דער מאַמעס עגמת־נפש איז געווען אין לשער. זי האָט געאַרבעט פון די פריסטע שעהען ביז שפּעט ביי נאַכט. די קליענטקעס פלעגן קומען ווען זיי האָבן נאָר געוואָלט און מיין מוטער האָט זיי געמוזט אויפנעמען. דאָס האָט געקענט זיין אין דער צייט פון עסן, שלאָפן, אָדער ביי אַנדערע אָנגעלעגנהייטן. צוליב די אומשטענדן האָבן מיר, די קינדער, נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוגרייטן די לימודים, עסן אָדער שלאָפן צו דער צייט. דאָס אַלץ האָט פאַרדראָסן מיין פאָטער און ווען ער האָט אָנגעהויבן בעסער פאַרדינען נאָכן צוריקקומען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער געצוווּנגען מיין מוטער זיך אָפּצולאָזן פונעם געניי.

אַוודאי האָט מיין מוטער געהאַט מער צייט פאַר אונדז און דאָס לעבן האָט זיך פאַרבעסערט, אָבער דאָס האָט, לײדער, געהאַלטן נישט לאַנג. מיין פאָטערס פאַרדינסטן פון אַ קאָמאַשנמאַכער האָבן זיך אָנגעהויבן איינשרימפּן, ס'האָט גענומען קנאַפּ זיין מיט פרנסה. מיין מוטער האָט געטראַכט זיך צוריק נעמען צום געניי, אָבער פאַרדינען מיט שניידעריי איז פאַר איר שוין געווען

שווער. קיין אָפּענעם וואַרשטאַט מיט אַ שילד און אַ פּאַטענט האָט זי קיין מאָל נישט געפירט. דאָס וואָלט איר דאָך נישט געלוינט. די שטייערן וואָלטן אויפ־געגעסן אירע פאַרדינסטן. אויפהערנדיק נייען האָט זי אויך פאַרלוירן די קליענטקעס, אויך איר געזונט־צושטאַנד איז נישט געווען פון די בעסטע.

מיין פאָטערס אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיטן סעזאָן; ער פלעגט זיך אָנהויבן עטלעכע וואָכן פאַר פּסח און דויערן לאַנג אין זומער אַריין. דער צווייטער סעזאָן האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן פאַר די ימים־נוראים ביז לאַנג אין ווינטער אַריין. אָבער אין די דרייסיקער יאָרן זענען די סעזאָנען געוואָרן כּסדר קירצער ביז זיי האָבן זיך כּמעט ווי נישט אָנגעהויבן.

אין צייט פון סעזאָן פלעגט מיין פאָטער אָנהויבן אַרבעטן 4—5 פאַרטאָג און ענדיקן 11—12 ביי נאַכט. אַזוי האָט ער געהאָרעוועט און קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט. ער האָט דאַן קיין מאָל נישט געהאַט קיין צייט צו עסן, וואָס מיין מוטער פלעגט אים טראָגן אין וואַרשטאַט אַריין, און דאָס האָט שטענדיק געוואַרט אויף אים שעהענווייז ביז ער האָט געפונען אַ ביסל צייט אָפּצועסן.

נאָך דער מלחמה האָט ער געעפנט אַ וואַרשטאַט אויף דעם פּאַקסאַל, ווי די גאַס וועלכע האָט געפירט צו דער באַן־סטאַציע האָט צו יענער צייט געהייסן. אַהין פלעגן מיר, אַלע קינדער, גיין מיט דער מוטער יעדן נאָך מיטאָג אים טראָגן דאָס עסן, דאָרט האָבן מיר ביז שפּעט אין אָוונט געוואַרט ביז דער פאָטער אונדזערער האָט געשלאָסן דעם וואַרשטאַט. אָפט מאָל האָבן מיר אָבער געמוזט גיין אַהיים אָן אים, ווייל ער האָט נאָך געהאַט עפּעס וואָס צו טאָן.

פון דער פּאַקסאַלנע האָט מיין פאָטער איבערגעטראָגן זיין וואַרשטאַט אויף דער רוסקע 18. דאָרט האָט ער דעם וואַרשטאַט געהאַט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צו דער רוסקע איז אונדז שוין געווען נענטער צו באַזוכן דעם פאָטער, פלעגן מיר דאָרט פאַרברענגען אַלע אָוונטן, געשפּילט זיך מיט די אַרומיקע קינדער, געשפּרונגען. דאָרט אויפן פּלאַץ פלעגן זיך אָפּשטעלן די פויערישע פורלעך און די אָרעמע פאַמיליעס פלעגן קויפן מציאות ביי די פויערים. מ׳האָט געקויפט ביליקער אייער, עופות, גרינוואַרג, מילך, קעז. מיין פאָטער פלעג אויך מיט גרויס פרייד אַהיימ־ברענגען אַן עוף און, כּדי אָנצוטאָן איר פאַרגעניגן, זאָגן דער מוטער אונדזע־רער אַז ער האָט עס געקויפט בחצי חינם.

די קלינעטן פון מיין פאָטער זענען געווען שוסטערס. ער האָט פאַר זיי געמאַכט די כאַליעוועס. איניקע האָבן באַשטעלט מיט זייער לעדער, אַנדערע מיט מיין פאָטערס. זיי האָבן זעלטן געקענט באַצאָלן ביים אָפּנעמען די אַרבעט, זיי האָבן געמוזט וואַרטן ביז זייערע קלינעטן האָבן אויסגעקויפט די שיך און אויך דעמאָלט האָבן זיי געהאָט טויזנטער לעכער פאַרן פדיון. די גרעסטע טייל שוסטערס זענען געווען אָרעם, זיי האָבן קוים אויסגעהאַלטן זייערע משפחות, און ווען די קלינעטן האָבן באַצאָלט האָבן זיי שטענדיק געהאָט די דילעמע: קויפן דאָס נויטווענדיקסטע אָדער באַצאָלן פאַר די כאַליעוועס.

דער צווייטער אויסוועג איז שטענדיק געשטאַנען אויפן לעצטן אָרט. אַזוי אַרום האָט מיין פאָטער פאָרמעל געהאָט געלט, אָבער אין דער פּראַקטיק זענען די איינקונפטן געווען באַגרענעצטע. אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, אָדער פרייטיק פאַר נאַכט פלעגט ער גיין צו די שוסטערס איינמאָנען די חובות. אָפט מאָל אָנשטאָט איינצוקאַסירן אַ ביסל מזומן פלעגט ער נאָך איבערלאָזן אַ פאָר גראָשן אויף שבת. ער האָט נישט געקענט צוזען די נויט ביי די באַזוכטע שוסטערס. דאָרט ווו זיי האָבן געוווינט, האָבן די געהאָט אויך דעם וואַרשטאַט. אָפט איז די וווינונג באַשטאַנען פון איין צימער. ביים פענצטער, טיף אין דער ערד פלעגט זיך געפינען דער וואַרשטאַט — צוויי בענקלעך — איינס פאַרן מייסטער ,דאָס צווייטע פאַרן קלינעט. אויפן טישל — טשוועקעס, שטיקלעך לעדער און אַ ביסל קלייסטער, אין אַ בלעכענער פושקע. אין דער זייט פון טישל זענען געהאַנגען צוואַנגלעך און העמערלעך. די פאָדלאָגע אַרום איז געווען פאַרוואַרפן מיט לעדעראָפּפאַל. אין איבעריקן טייל פונעם צימער, זענען געשטאַנען בעטן, אַ טיש, עטלעכע בענקלעך. אויף אַ ספּעציעלער רעם האָט געהאַנגען אַ ביסל קיך־געשיר. דאָרט האָבן זיך געפונען די קינדער, דאָרט האָבן זיי זיך געשפּילט, געמאַכט די לעקציעס, געשלאָפן. אין זעלבן צימער האָט אויך די בעל־הביתטע געקאָכט די מאָל־ציַיטן, אויב ס׳איז געווען פון וואָס.

מיין פאָטערס וואַרשטאַט וואָס איז געווען באַזונדער פון אונדזער וווינונג, איז אין פאַרגלייך מיט אָט די שוסטער־וואַרשטאַטן געווען אַ פּאַלאַץ. ווי דער „פּאַלאַץ" האָט אויסגעזען איז שוין אָן אַנדערע פראַגע. דאָס איז געווען אַ שמאָל צימער, וואָס מיין פאָטער האָט צעטיילט אויף צוויי טיילן. אין דעם ערשטן האָט ער געאַרבעט און אויפגענומען קלינעטן, דאָרט איז ער ביי אַ ספּעציעל ברעט, וואָס ער האָט געמוזט פון צייט צו צייט הובלעווען, גע־

שטאַנען אויף די פיס גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט און צוגעשניטן די כּאַליעוועס. די אַנדערע אָפּעראַציעס — פֿאַלצעווען, אויסקלעפּן, צוזאַמענ־נייען פֿלעג אויספירן אַ געזעל, שפּעטער, מיין ברודער אָשר, וועלכער האָט גענייט אויף דער מאַשין.

אין צווייטן טייל האָט זיך געפונען אַ שטיקל מאַגאַזין. דאָרט האָט מיין פֿאָטער געהאַלטן דאָס ביסל לעדער, פּאַדשעווקע, קלייסטער, דאָרט האָט ער אויך געגעסן דעם מאַלצייט וועלכן מיר פֿלעגן ברענגען. דאָרט האָט אויך געגעסן דער געזעל.

לובלין האָט ביזן יאָר 1926 נישט געהאַט קיין שטאָטישע עלעקטרישע סטאַציע. אַ ביסל ענערגיע האָט צוגעשטעלט די טורמע און אַ פּריוואַטע סטאַציע אויף לובאַרטאָווסקע 24. פֿון די עלעקטרישע סטאַציעס האָט ווינציק ווער גענאָסן. מ׳האָט זיך געמוזט נוצן מיט נאַפּטלאָמפּן. זומער, ווען די טעג זענען גרעסער איז געווען גרינגער, אָבער ווינטער איז דאָס געווען אַ פּראָ־בלעם. מ׳האָט געמוזט אָפּט ברענגען נאַפּט, פּוצן די גלעזלעך פֿונעם לאָמפּ. און נאָך אַלעמען איז די באַלייכטונג אין וואַרשטאַט געווען אַ שוואַכע, נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם, אַז דער לאָמפּ פֿלעג אָפּט מאָל קאָפּטשען, טשאַדען, אָנפֿילן דאָס צימער מיט אַ נישט אָנגענעמען ריח. געהייצט האָט מען מיט אַן אייזערן אייוועלע, וואָס האָט נישט געוואַרעמט גענוג, מיט וועלכן די פּיערלעשער האָבן פֿאַרבאָטן זיך צו באַנוצן, צוליב דער געפֿאַר פֿון אַ שׂריפֿה.

צו די כּאַליעוועס האָט מען גענוצט פֿאַרשידענע שמאַטעס. קויפֿן פֿלעג מען זיי אין דער אַזוי גערופֿענער „קאַשטשעפּאַלניע״, אויף דער קאַלינאָוו־שטשיזנע. אַהין פֿלעג איך מיטגיין מיטן געזעלן. גאַנצע בערג שמאַטעס האָבן זיך דאָרט געפֿונען און ס׳איז ביז גאָר שווער געווען צו געפֿינען די ריכטיקע „סחורה״. די ערשטע צייט נאָך דער מלחמה פֿלעגן דאָרט זיין בערג מיט שמוציקע וועש פֿון דער צעפֿאַלענער צאַרישער אַרמיי. די העמדער און גאַטקעס האָבן געטראָגן צייכנס פֿון לייז, פֿליי און וואַנצן. די „קאַשטשע־פּאַלניע״ איז געווען געצוווּנגען זיי צו דעזינפֿעקטירן און וואַשן.

צום קלעפּן זענען געווען דריי סאָרטן פּאַפּ: פֿון קאַרטאָפֿל, פֿון געווינט־לעכן מעל, און פֿון קאַוטשוק. די ערשטע צוויי סאָרטן פֿלעגן מיר קאָכן אין דער היים, דאָס איז געווען מיין אויפֿגאַבע.

אַחוץ די צרות מיט די שוסטערס האָט מיין פֿאָטער, ווי אַלע אַנדערע האַנטווערקער, געהאַט נאָך אַ באַזונדער צרה — די שטייערן. ווי גרויס ס׳איז

דער טאָג האָט ער זיך געמוזט היטן פאַר די באַאַמטע פון שטייעראַמט („אוזשאַנד סקאַרבאָווי"). אייניקע פון זיי זענען געווען אומרחמנותדיקע. זיי האָבן פאַרשריבן אַלץ וואָס האָט זיך אין וואַרשטאַט געפונען. דער אַזוי גערופענער סלופּ (מאַשין צו ספּעציעלע אָפּעראַציעס), און דאָס ביסל לעדער זענען שטענדיק געגאַנגען אויפן ערשטן פּייער. נאָך אַזאַ וויזט איז די גאַנצע אַרבעט געוואָרן פּאַראַליזירט. מיטן פאַרשריבענעם האָט מיין פאָטער זיך נישט געטאָרט באַנוצן, ס'האָט שוין צו אים נישט געהערט. איין מאָל האָט מיין פאָטער אַנגענומען ביים קאָלנער איינעם אַזאַ נישט געוווּנטשענעם גאַסט און אים אַרויסגעוואָרפן פון וואַרשטאַט. דאָס האָט געשמעקט מיט געריכט און מיט אַ האַרבער שטראָף. עטלעכע וואָכן האָבן מיר געלעבט אין געפּער־לעכער שרעק פאַר די פאָלגן. צו קיין פּראָצעס איז נישט דערגאַנגען. ווי אַזוי מיין פאָטער האָט עס דערליידיקט געדענק איך נישט.

די שטייער־באַאַמטע האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט קאָנטראָלירן דעם וואַרשטאַט. זיי פלעגן אויך אַנפאַלן אין דער היים, מאַכן „זאַיענטשעס" און אָפּשרייבן דאָס ביסל מעבל. אויב האָבן זיי אין דער היים געפונען עפּעס מער ווי בעטן און אַ טיש, איז דאָס „איבעריקע" געווען זייערס. אַזוי האָבן זיי אונדז באַרויבט פון אונדזער קרעדענץ, פון אַ שאַנק פאַר מלבושים און פון דעם טרומאָ־שפּיגל.

מיר פלעגן אַכטונג געבן (און דאָס האָט געהערט צו אונדז, די קינדער) צי די סעקוועסטראַטאָרן באַווייזן זיך נישט אויף די שטיגן. יעדער פּויליש וואָרט וואָס מ'האָט געהערט אויף די שטיגן, האָט אַנגעזאָגט געפאַר — דער שטייער־באַאַמטער דערנענטערט זיך. זענען מיר שנעל אַרויסגעשפּרונגען אויפן פערטן שטאָק און פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל. זאָל דער סעקוועס־טראַטאָר מיינען, אַז קיינער איז אין דער היים נישטאָ.

די שפּיל אין קאַץ און מויז האָט אָבער לאַנג נישט געהאָלפן. דער באַאַמ־טער פלעגט צוריקקומען אין אַ שעה צי אין טעג אַרום און געטאָן זיין פליכט.

אין איינעם אַן אין דער פרי האָט ער דאָס אָפּגעשריבענע מעבל, נאָך דעם ווי מיר האָבן די שטייערן נישט באַצאָלט, אַרויסגעשטעלט אויף ליצי־טאַציע. לאַנגע וואָכן איז עס געשטאַנען אויף זאַמאָיסקע 12 אין שטייעראַמטס־מאַגאַזין. דורכן פענצטער האָבן מיר עס געקענט זען צוזאַמען מיטן מעבל פון אַנדערע „בייזוויליקע" „אַנזעצערס" פון שטייעראַמט.

קויפן מעבל פון די ליציטאַציעס האָבן מענטשן געהאַלטן פאַר אוממאָ־

ראַליש. דאָך האָבן זיך געפֿונען געוויסע פֿאַרדאַרבענע ספּעקולאַנטן וועלכע האָבן געמאַכט פֿון דעם אַ לעבן. ביז הײַנט האָב איך אַ ווידערווילן צו קויפֿן עפּעס אויף אַ ליציטאַציע. דאָס דערמאָנט מיר די אַמאָליקע איבערפֿאַלן פֿון די שטײַער־יעגערס און די צרות פֿון די מענטשן, וועלכע פֿלעגן באַרויבט ווערן פֿון די רעשטלעך פֿון זייער אָרעמקייט.

דער טאָג, ווען מען האָט בײַ אונדז צוגענומען דאָס מעבל האָט זיך אײַנגעקריצט אין זכּרון אויף שטענדיק. אַלע שכנים זענען אונדז געקומען אויסדריקן זייער מיטלייד און אונדז געטרייסט. מיר האָבן זיך געפֿילט, ווי עמעץ וואָלט געשטאָרבן. דאָס ביסל קליידער און וועש איז געלעגן אין מיטן שטוב, עס איז נישט געווען אויף וואָס צו עסן. ס׳האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש, אָדער ווי נאָך אַ שׂריפֿה. פֿון די אַנגעוואָלגערטע זאַכן איז די ענגשאָפֿט, וועלכע איז שטענדיק געווען אונדזער צרה, געוואָרן נאָך גרעסער. מיר האָבן זיך נישט געקענט קיין אָרט געפֿינען. די צווי קלײנע צימערלעך האָבן זיך נאָך פֿאַרקלענערט. אָבער מיר האָבן געפֿונען אַ לעזונג: בײַ אונדז אין עסצימער זענען געווען צוויי פּראַמוגעס. האָבן מײַנע עלטערן אַרײַנגעבויט אין זיי צוויי שענק, אײַנע פֿאַרן וועש, די צווייטע פֿאַר מלבושים. די דאָזיקע שענק האָבן געהאַט צוויי מעלות, זיי זענען געווען ביליקערע און דער שטײַעראַמט האָט זיי נישט געקענט צונעמען. עטלעכע אָוונטן האָט געאַרבעט אַ ווײַטער קרוב, אַ סטאָליער, אַרײַנגעפּראַוועט עטלעכע פֿאַלקעס און צוויי טירן. די טירן האָט ער געפּורעמט ווי בײַ מעבל. איצט האָט מען געדאַרפֿט שאַפֿן אַן אָרט צום עסן פֿאַר דער פֿאַמיליע פֿון זעקס פּערזאָן. מײַנע עלטערן האָבן געקראָגן אַ קלײן טישל, דער סטאָליער האָט עס אויסגעברייטערט מיט עטלעכע ברעטער. אויף דעם טיש האָבן מיר אויך געשפּילט פּינג־פּאָנג. אַזאַ טיש האָט דעם שטײַעראַמט נישט געלוינט צו פֿאַרנעמען, ער האָט אונדז געדינט ביז די דײַטשן האָבן חרוב געמאַכט אונדזער היים. דעם טיש האָבן מיר שטענדיק איבערגעדעקט, ער זאָל נישט דערמאָנען דעם פֿאַרלוסט.

איך האָב פֿריִער דערמאָנט, אַז דירה־געלט איז געווען די ווײַטיקלעכסטע פּאָזיציע אין פֿאַמיליע־בודזשעט. באַזונדערס האָבן מײַנע עלטערן אין די דרײַסיקער יאָרן זיך נישט געקענט דערמיט קיין עצה געבן. האָט דער בעל־הבית אײַנגעגעבן אויף אַן עקסמיסיע און ער האָט געוווּנען. די עקסמיסיע האָט מען אָבער נישט געטאָרט אויספֿירן אין ווינטער און נישט אין פֿאַל

ווען עמעץ פון דער משפחה איז געווען קראַנק, דאָ איז מיין מוטערס צושטאַנד געקומען צו „הילף“. זי איז דאָך זייער אָפט געצוווּנגען געווען צו ליגן אין בעט, און דעמאָלט ווען זי האָט זיך געפילט בעסער פלעגן מיר שטיין אויף דער וואַך. ווען דער קאָמאַרניק האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר גלייך צו וויסן געטאָן און מיין מוטער האָט זיך באַלד אַריינגעלייגט אין בעט. אַזוי האָבן מיר דערצויגן ביז דער מלחמה.

געבונדן די שכנים פונעם פערטן שטאָק האָט אַחוץ די קעגנזייטיקע הילף אויך דאָס פאַרברענגען בוזאַמען די פרייע צייט. מ׳האָט געשמועסט, מ׳האָט געשפילט טערניטשקע* אָדער קאָרטן; פעדערן פליקן פלעג מען אין איינעם. אַזוי פלעג מען פאַרברענגען די צייט, באַזונדערס אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן. אין קינאָ אָדער טעאַטער איז מען געגאַנגען זעלטן.

די פרויען און קינדער פלעגן צווישן זיך קאָנקורירן מיט דער צאָל אויסגעפליקטע פעדערן. יעדער האָט געוואָלט אַרויסווייזן אַ גרעסערע גע־שיקטקייט. קיינער האָט אָבער נישט געקענט קאָנקורירן מיט דער שכנה אַלטמאַנס דינסטמיידל טאָבטשע, וועלכע האָט די קונץ זיך אויסגעלערנט אין איר היימשטעטל אָסטראָווע, נישט ווייט פון לובלין. טאָבטשע און אַ צווייט דינסטמיידל, עלקע פון איזביצע, האָבן נאָך פאַרמאָגט אַנדערע סגולות מיט וועלכע זיי האָבן געוווּנען אונדז, די קינדער. זיי האָבן ביידע געקאָנט אַן אָ שיער מעשׂיות. איך האָב שטענדיק געהאַט אַ חשד, אַז אונדזער עלקע פלעגט אַ סך פון די מעשׂיות אַליין אויסטראַכטן, ווייל זייער אָפט זענען זיי געווען ענלעכע איינע צו דער אַנדערער. פאַר אירע דערציילונגען האָבן מיר געקענט אַלץ מקריב זיין. ווען זי האָט אונדז צוגעזאָגט עפּעס צו דערציילן, האָט זי אַלצדינג געקענט ביי אונדז פּועלן. ביים אָנהויב זענען די מעשׂיות געווען פאַרשידנאַרטיקע, שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן זיך איבערחזרן. אָממייניסטן האָט זיך געהאַנדלט אין זיי וועגן גזלנים. אַזעלכע מעשׂיות האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס געמישט מיט שרעק און שפּאַנונג. מיר פלעגן זיצן ווי פאַרשטאַרט, נישט רירן זיך פון אָרט, און ווען זי פלעג איבעררייסן, פלעגן מיר פילן אַ פיזישן ווייטיק, ממש.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט דער פערטער שטאָק געהאַט צוויי קאָרידאָרן, איינער רעכטס פון די שטיגן, דער צווייטער לינקס, דער לעצטער

---

* טערניטשקע — לאָטאָ.

האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קלענערן קאָרידאָר. לענג אויס יעדן קאָרידאָר האָבן זיך געפונען וווינונגען. אין דעם קאָרידאָר אויף רעכטס האָט געוווינט די פאַמיליע שפּיעוואַק, חיים־יאַנקל און מאַלטשע. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. זיי האָבן דאָס איבערגעלעבט ווי אַ טראַגעדיע, ווייל קינדער האָבן זיי זייער ליב געהאַט, אָבער געוואָלט האָבן זיי האָבן אייגענע. די פרוי פלעגט יעדן זומער פאָרן קיין נאַלענטשווו און נעמען בעדער. ס'האָט נישט געהאָלפן מיר, קינדער, האָבן שטאַרק געוווּנען פון זייער קינדערלאָזיקייט. איך בין געווען זייער ליבלינג, איך האָב זיך ביי זיי געפילט ווי אין דער היים.

פון 1914—1918, פיר יאָר נאָך אַנאַנד איז מיין פאָטער געווען אין דער מלחמה און מיין מוטער איז געבליבן אַליין מיט מיר. מיר האָבן זיך אויס־געהאַלטן פון איר שניידעריי. די שפּיעוואַקעס זענען איר שטענדיק באַהילפיק געווען. ס'האָט זיך געטראָפן אַז איך בין קראַנק געוואָרן און גראַד דעמאָלט איז געווען דער אַזוי גערופענער „סטאַן וואַיענני״, דאָס הייסט קריגצושטאַנד — דער פאַרבאָט אַרויסצוגיין פון שטוב, פון די פריִע אָוונטן ביז די מאָרגן־שעהען. מיין מוטער איז געווען פאַרצווייפלט, זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. איז חיים־יאַנקל, נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר וואָס האָט באַדראָט יעדן ווער ס'האָט עובר געווען אויף די פאַרשריפטן, געגאַנגען נאָך אַ דאָקטאָר און אים געבראַכט צו מיר.

איין מאָל בין איך געווען ביי די שפּיעוואַקס מיט מיין מוטער. דאָרט זענען געווען נאָך עטלעכע קינדער, צוויי פון זיי האָבן זיך צעשלאָגן און אָנגעהויבן וויינען. האָב איך אַליין אויסגעמוסרט די שלעגערס, אַז זיי מאַכן קאַליע די מלאכה פון זייערע טאַטעס. דעם באַטייט פון די ווערטער האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשטאַנען, איך האָב נאָר געזאָגט דאָס, וואָס אַנדערע פלעגן אין אַזאַ פאַל זאָגן. אָבער די פרוי שפּיעוואַק האָט זיך אויפגערעגט און געזאָגט, אַז איך רעד מיאוסע רייד. אַ פאַרשעמטע האָב איך נישט געוווּסט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. נאָך דעם דורכפאַל מיינעם, האָב איך שוין מער נישט באַנוצט קיין אויסדרוקן, וועלכע איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

די שפּיעוואַקעס האָבן געוווינט באַקוועם אויף אונדזער גאָרן. זיי האָבן געהאַט נאָר צוויי צימערלעך מיט אַ קיך, אָבער פאַר צוויי פערזאָן איז דאָס געווען גאַנץ גענוג. איין חסרון האָט די וווינונג יאָ געהאַט; איין צימער און די קיך זענען געווען פינצטערע, אָן פענצטער.

חיים־יאַנקל שפּיעוואַק האָט געהאַט צוויי גרויסע פעלערן, וועלכע האָבן אים שטענדיק געמאַטערט. ער האָט געהונקען אויף אַ פוס. ער האָט וואַר־שיינלעך קינדוויז זיך צעבראָכן דעם פוס. געוווינט האָבן זיי דעמאָלט אין מאַרקושאָוו, אַ קליין שטעטל נעבן לובלין. פאַרן קיין לובלין צו אַ דאָקטאָר האָבן זיינע עלטערן זיך נישט געקענט דערלויבן, איז דער פוס זיך שלעכט צוזאַמענגעוואַקסן אונטער דער קני. פון דאַן האָט ער זיך געמוזט אין צווייען איינבייגן ביי יעדן טראָט. אַ צווייטע צרה איז אויף אים געקומען אין די שפּעטערע יאָרן. ס'האָט אים געדראָט בלינד צו ווערן. ער איז געבוירן שטאַרק קורצזיכטיק, און אָן דער הילף פון ברילן האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, אָבער אין גאַנצן בלינד צו ווערן וואָלט פאַר אים געווען אַ פולקאָמע קאַטאַסטראָפע. דאָקטאָר זיידמאַן האָט אים געהייסן ליגן אין בעט עטלעכע וואָכן און אַבסאָלוט נישט לייענען. מיר, אַלע שכנים, האָבן דאָס שטאַרק איבערגעלעבט און מיר פלעגן אים פאָרלייענען אַ צייטונג לינדערנדיק דעם פאַרבאָט פון דאָקטאָר. צום גליק איז צו אָן אומגליק בלינד צו ווערן נישט דערגאַנגען, אָבער ער האָט שוין שטענדיק געזען גאָר שוואַך. איך האָב ביי אים שטענדיק געלייענט די „פאָלקסצייטונג", וואָס ער, אַ בונדיסט, פלעג אַבאָנירן. ביי אונדז האָב איך נאָר געהאַט דעם „לובלינער טאָגבלאַט" און דאָס אויך נישט שטענדיק, ווייל נישט שטענדיק האָבן מיר זיך דאָס געקענט דערלויבן. ווען ס'איז געוואָרן מאָדערן אַ פריזור מיט לאָקן, האָט מיר שפּיעוואַק געפלעגט ברענגען שטריקלעך די לאָקן צו מאַכן. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט באַמערקט, אַז איך בין שוין געוואָרן אַ „גאַנצע פריילין"... ווען ס'איז געוואָרן אַקטועל מיין איבערגאַנג פון שפּערס גימנאַזיע אין דער הומאַניסטישער, האָט חיים־יאַנקל דורך זיין ברודער פישל, אַ מיטגליד אין דער שול־פאַרוואַלטונג, מיר געהאָלפן צו קריגן אַ הנחה אין שכר־לימוד. אָן דעם וואָלט איך נישט געקענט פאַרזעצן מיין בילדונג.

די צווייטע גרעסטע הילף פון דעם פאַרפאָלק האָב איך באַקומען אין לעצטן זומער פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין לובלין פלעג דער „טאָז" (געזעלשאַפט פאַר אָפּהיטן דאָס געזונט) איינאָרדענען זומער־קאָלאָניעס אויף די וואַלער „לאָנקעס" פאַר די אָרעמע קינדער. אין די שווערסטע באַדינגונגען, אונטער דעם פרייען הימל, האָבן דאָרט געאַרבעט די לערערס פון דער יידישער פאָלקשול. זיי זענען געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן, כּדי צו קענען אויסהאַלטן זיך אין די זומער־חדשים. זייערע לוינען

אין שול זענען געווען קליינע, דערצו פלעגן זיי קיין מאָל זיי נישט באַקומען צו דער צייט. דער לוין אויף די קאָלאָניעס איז אויך געווען זייער אַ נעבעכ־דיקער, אָבער אין מיין לאַגע, ווען איך האָב קיין אַנדערע מעגלעכקייטן צו פאַרדינען נישט געהאַט, איז דאָס געווען אַ גרויסע הילף. חיים־יאַנקל איז געווען באַקאַנט מיט ד״ר הערשענהאָרן, די „נשמה״ פון דער קאָלאָניע און פון „טאָז״ בכלל. ד״ר הערשענהאָרן איז געווען איינער פון די מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן צו העלפן דער יידישער אָרעמקייט און פאַרלייכטערן זיי אין דער נויט. ער האָט כמעט נישט געהאַט קיין צייט צו פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר. זיין פּריוואַטע פּראַקטיק האָט ער פאַרנאַכ־לעסיקט און מיט לייב און לעבן זיך געווידמעט דער טעטיקייט אין „טאָז״ און פון די זומערדיקע האַלבקאָלאָניעס פאַר די קינדער, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון 3 וואָכן געהאַט צו דער זעט צו עסן. האָבן די שפּיעוואַקעס געפועלט ביים ד״ר הערשענהאָרן ער זאָל מיך אַנגאַזשירן אַלס גרופּע־פירער אויף דער האַלבקאָלאָניע. 3 וואָכן האָב איך דאָרט געאַרבעט, פאַרדינט 75 זלאָטעס, און מיט דער סומע האָב איך פאַרלאָזט לובלין.

אין די פריערדיקע יאָרן האָט שפּיעוואַק געאַרבעט ביי זיין ברודער משה־יאָסל אין זיין „הורטאָווניע״ פון הערינג אין הויף אויף לובאַרטאָווסקע 13. ווען דאָס געשעפט האָט זיך פונאַנדערגעבליט האָט משה־יאָסל געדאַרפט אַ געהילף צום אָפּנעמען די סחורה און דערנאָך אויך צושטעלן זי צו זיינע אָפּנעמערס, די אייגנטימערס פון די גראָשנדיקע יידישע געוועלבלעך. ווען דאָס מסחר האָט זיך פאַרערגערט און חיים־יאַנקל האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שטעלע, האָט ער זיך איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדער, גאַנץ פאַרשפּרייטער „פּראָפעסיע״ צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. ער איז געוואָרן אַ בורר.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ פּראָפעסיע? אויב צוויי צדדים האָבן געהאַט אַ סיכסוך, האָבן זיי זיך גענומען צוויי בוררים, יעדער פון זיי, איינעם, צו וועלכן זיי האָבן געהאַט צוטרוי. אין פאַל ווען די בוררים האָבן נישט געקענט קומען צו קיין איינהייטלעכן פּסק, האָבן זיי זיך געמוזט ווענדן צו אַ דיין. חיים־יאַנקל שפּיעוואַק איז אַנגעגאַנגען פאַר אַ קלוגן און דערפאַרענעם מענטש, און אַ בקי אין די קליינע אותיעלעך. זיין שטענדיק גוטער הומאָר און זיין נייגונג זיך צו וויצלען האָבן אים אָפט מאָל געהאָלפן צו לייזן די שווערסטע קאָנפליקטן צווישן די צדדים. געווען צייטן ווען די פּרנסה איז ביי אים געגאַנגען גאַנץ גוט. דאָס פאַרפאָלק האָט דאַן געפירט אַ גאַנץ גוט

לעבן. די פרוי איז געפאָרן אויף אַ גאַנצן זומער זיך קורירן קיין נאַלענטשווו. אָבער צוליב דער שווערער קריזיסצייט איז אויך בוררות געוואָרן איבעריק און פאַר דער פאַמיליע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 זענען זיי געווען אָן מיטלען צום לעבן, און אָן אויסזיכט אויף פאַרדינסטן.

אין זעלבן קאָרידאָר, רעכטס פון די שטיגן, האָט אויך געוווינט אַן אנדער פאַמיליע, פאַקטיש עטלעכע פאַמיליעס, אַ מוטער מיט קינדער, וועלכע האָבן שוין געהאַט אייגענע פאַמיליעס. די אַלטיטשקע איז געשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען גאַנץ קליין. די שוועסטער מיט זייערע געזינדן האָבן געוווינט צוזאַמען אין די צוויי צימערן מיט דער קיך. איין צימער, אַ פינצ־טערס, אָן פענצטער, האָט פאַרנומען ברכה מיטן מאַן און איר איינציקע טאָכטער. איר מאַן דוד איז געווען אַפּנים גייסטיק אַ ביסל הינטערשטעליק, מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נאַר און מ׳פלעגט פון אים אָפּלאַכן. דאָס פאַרפאַלק האָט געזוים צונויפגעפּאָרט אַ שדכן. זי האָט געהאַט אַ גרויסן הויקער און געפּאַכעט מיט דער נשמה. מיט זייער טאָכטער, זייער אויג אין קאָפּ, פלעג איך מיך חברן, אָבער לאַנג האָט זיך ברכה מיט איר טאָכטער נישט געפרייט. זי איז געפערלעך קראַנק געוואָרן און מ׳האָט זי נישט געקענט אָפּראַטעווען. וויזט אויס אַז זי האָט באַקומען סקאַרלאַטינע, צו אָט דער שלאַפקייט זענען נאָך דעמאָלט נישט געפונען געוואָרן קיין תרופות. זענען קינדער מאַסנווייז געשטאָרבן. נאָך חיהלעס טויט האָט זיך ברכה שוין קיין מאָל נישט געטרייסט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט געטראָפן אַ צווייט אומגליק, אויך דוד איז אומגעריכט געשטאָרבן. ברכה איז געבליבן אַליין און אַליין האָט זי געפירט איר געוועלבל, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן הויז, רעכטס פון אַריינגאַנג.

דאָס געוועלבל איז געווען גאַנץ קליין, אומבאַקוועם, ווייל לאַנג און שמאָל, אָבער קריגן דאָרט האָט מען געקאָנט פון אַלע סאָרטן שפּייזמיטלען. די קניות זענען געווען זייער קליינע, לויט די מעגלעכקייטן פון די קונים. מ׳האָט געקויפט (לויט דער אַלטער צאַרישער וואָג, ד.ה. אויף פונטן) אַ $\frac{1}{4}$ גרויפּן, אַ לויט געטריקנטע שוואָמען, אַן $\frac{1}{8}$ אָדער אַ $\frac{1}{4}$ פּוטער, אַ שטיקל הערינג, אַ שטיקל זייף. קיינער פון אירע קונים האָט זיך נישט געקאָנט

דערלויבן איינצוקויפן אויף עטלעכע טעג. די קונים זענען מערסטנס געווען די איינוווינער פון הויז. קויפן פלעגט מען ביי איר דער עיקר אויף קרעדיט און אין אַ קלענערע מאָס פאַר מזומן. אויף אַ טשוואָק, איבערן בופעט האָבן ביי איר געהאָנגען שטיקלעך פּאַפּיר, מיט די חשבונות פון אירע קליִענטן.

נאָך דודס טויט האָט ברכה געמוזט אַלץ טאָן אַליין; קויפן סחורה און זי פאַרקויפן און פירן די רעכענענונגען. דאָס אַלץ איז געווען איבער אירע כוחות. האָט דאָס געוועלבל ביסלעכווייז זיך איינגעשרומפּן און די הכנסות זענען געוואָרן כסדר קלענער, איבערהויפּט ווען זי האָט געקראָגן אַ קאָנ־קורענט, די אַלטערס — אין זעלבן הויז.

די צווייטע שוועסטער האָט געהאַט 3 זין מיט וועלכע איך האָב מיך געחברט, כאָטש אַלע זענען געווען עלטער פון מיר. באַזונדער גוט בין איך אויסגעקומען מיטן יִינגסטן, חיימל, וואָס מיט אים פלעג איך מיך שפּילן, ער פלעג מיר מאַכן פאַרשידענע שפּילצייגן, איינס איז אים באַזונדערס געלונגען. דאָס איז געווען אַ רעם פאַר קיכגעשיר, לויטן מאָדעל פון דעם אומבאַדינגטן שטיקל מעבל אין יעדער קיך צו יענער צייט. אין דער רעם האָבן זיך אויך געפונען שופלאָדן פאַר בשׂמים. חיימל איז געווען זייער אַ פֿעיִק יִינגל, ער איז אָבער געווען קראַנק אויף שקראָפולן, וועלכע זענען שטענדיק געווען פיכט פון אייטער. די הענט האָט ער דעריבער שטענדיק געהאַט פאַרבונדן. ערגער איז געווען מיטן פּנים און האַלדז. ער האָט פון דעם שטאַרק געליטן, נישט אַזוי פיזיש ווי מאָראַליש. קינדער האָבן אים אויסגעמיטן. ער האָט זיך אין די שפּעטערע יאָרן אויסגעלערנט שניידעריי, חתונה געהאַט מיט אַ שוועסטער פון מיינער אַ חברטע פון דער פאָווּשעכנע שול. די שקראָפולן האָבן זיך פאַרהיילט. עס זענען נאָר געבליבן צייכנס.

חיימל פלעג אַ מאָל מיר אויך פאַרשאַפן צרות. ער האָט ליב געהאַט מיך צו שרעקן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די עסטרייכער האָבן פאַרנומען לובלין, האָבן זיי רעקווירירט ביי דער באַפעלקערונג מעטאַל־אויסאַרבעטונגען פון מעש, מערזערס, קליאַמקעס פון טירן. קומט איין מאָל חיימל און רעדט מיר איין, אַז ביי מיין זיידן וועט מען אַרויסנעמען זיין אייניציקן גאָלדענעם צאָן און פון אונדזער טיר, וועט מען אַראָפּנעמען די „גאָלדענע״ קליאַמקעס. לאַנג נישט געטראַכט, בין איך געפלויגן צו מיין שטאַרק געליבטן זיידן אים ראַטעווען פון דער געפאַר. אַזוי ווי מיין מוטער איז נישט געווען אין דער היים און איך האָב נישט געהאַט דעם שליסל צו

דער שטוב, האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין אַזוי ווי איך בין „געשטאַנען און געגאַנגען" אינעם בלויזן קליידל, מיט די זומערדיקע לעטשעלעך אויף די פיס. דעם וועג צו מיין זיידע־באָבע, אויף שעראָקע 52 האָב איך גוט געקענט, אָבער דעם הויכן רינשטאָק אויף רוסקע, נעבן קצבים־בית־מדרש האָב איך נישט געקאָנט אַריבער. איך בין דאָרט לאַנג געשטאַנען אומבאַהאָלפן מיט מיינע צוויי שטייפע אָפּשטייענדיקע צעפּעלעך. אַן עלעגאַנט־געקליידטער מאַן האָט מיר געהאָלפן אַריבערגיין. האַלב לעבעדיק האָב איך מיך דערשלאָגן צו מיין זיידן. מיין זיידע האָט מיר שנעל אָנגעהויבן איינרייבן די פאַרגליווערטע הענט, און ער האָט זיך באַמיט מיך באַרויקן. מיין מוטער, אויסער זיך פון שרעק פאַר מיין געזונט, און פון מיין איינפאַל, האָט מיך געוואָלט מכבד זיין מיט קלעפּ, אָבער מיין זיידע האָט מיך פון דעם אָפּגעראַטעוועט.

ווייזט אויס אַז חימל האָט פאַר דעם שפּאַס באַקומען זיין פּסק.

דער צווייטער זון, עזריאל, איז געווען אַלס קינד זייער אַ פריילעך יינגל. ער האָט געקענט נאָכמאַכן פאַרשידענע מענטשן, חיות און פייגל. ער האָט זיך אַליין אַ נאָמען געגעבן „ביף". די קינדער האָבן געזוכט זיין געזעלשאַפט. מיט אים איז אונדז געווען פריילעך און ער פלעג אונדז מאַכן לאַכנדיק. פּלוצעם האָט עזריאל זיך געענדערט, ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע, אַ דעפּרעסיע, ווי מע זאָגט עס היינט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיטן טויט פון זיין מוטער, די אלמנה אָדער די גרושה. איך קען דאָס נישט זאָגן גענוי, איך ווייס נאָר אַז איר מאַן האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן. שווער צו זאָגן וואָס ס'איז מיט אים געשען. הדסל האָט זיך דאָס קיין מאָל נישט דערוווּסט, זי האָט געמוזט אויסהאַלטן זיך און אירע דריי זין. פריִער האָט זי געהאַלטן אַ שפּייז־געוועלבל אויף לובאַרטאָווסקע 31, און אין די שפּעטערע יאָרן איז זי געשטאַנען מיט אַ טיש מיט עסנוואַרג אויפן פישטאַרג. יעדן פאַרטאָג האָט זי די קראָם אַרויסגעטראָגן און פאַר נאַכט אַריינגעטראָגן די גאַנצע סחורה אין אַ געוועלב, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל. דאָס איז געווען אַ שווערע האַרעוואַניע פאַר דער קליינוווּקסיקער שוואַכער פרוי.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי געהאַט די אַזוי גערופענע „קאָנצעסיע" אַרויסצוגעבן שפּייז פאַר די באַרעכטיקטע לויט קוויטלעך. ספּעציעלע רעכט צו אַ ביסל פּראָדוקטן לויט די קאַרטלעך האָבן געהאַט פרויען וועמענס מענער זענען געווען מאָביליזירט. מיין מוטער האָט אויך

געהאַט אַזאַ מין „זאַפּאַסנע ביכל״. הדסל האָט געמוזט די קוויטלעך באַווייזן פאַר אַ קאָנטראָל. צוגרייטן די קוויטלעך פלעגן מיר, די קינדער. יעדן אָוונט האָבן מיר זיך געזאַמלט ביי אַ גרויסן טיש אין דעם איינציקן ליכטיקן צימער פון דער בשותּפותער וווינונג. מיר האָבן אַלע פאַרנומען ערטער אַרום דעם טיש, ווער שטייענדיק, ווער זיצנדיק, און געקלעפּט שעהענוויז אויף גרויסע ספּעציעלע קאַרטן, וועלכע מיר האָבן געציילט, און צוזאַמענגעבונדן. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ שפּיל און אויך אַ סימן, אַז מיר זענען זייער וויכטיקע פאַרשוינען, וועלכע ברענגען נוצן. מיר פלעגן צווישן זיך קאָנקורירן ווער ס׳וועט קלעפּן שנעלער און מער.

די צווייטע אַרבעט ביי וועלכער מיר פלעגן צוהעלפן איז געווען קלעפּן בייטעלעך פאַר די פּראָדוקטן. געוויס האָט מען געקענט קויפן גרייטע, אָבער פאַר הדסהלען זענען זיי געווען צו טייער. דעריבער האָבן מיר אַלע קינדער די בייטעלעך געקלעפּט אין די אָוונטן. די אַרבעט איז ביי אונדז געגאַנגען גאַנץ שנעל. מיר האָבן געהאַט צווישן זיך אַן אַרבעט־פאַרטיילונג, אַ טייל האָבן געשמירט דעם פּאַפּ, געמאַכט פון מעל, אַנדערע האָבן געקלעפּט. מיר פלעגן זייער אָפט ציילן ווי פיל מיר האָבן פאַרטיק געמאַכט. מיר זענען געווען נייגעריק צו וויסן ווער פון אונדז האָט באַוויזן מער צו מאַכן.

ווען הדסל האָט ליקווידירט איר געוועלבל און געשאָפן זיך דעם טיש אויפן פישטאַרג, פלעגן מיר איר העלפן אַרויסטראָגן און אַריינטראָגן איר סחורה אין געוועלב צום שכן, אויף איבער דער נאַכט. ווען הדסל איז געשטאָרבן, האָט זיך עזריאל פלוצעם פאַרענדערט. פון דעם פריילעכן און לעבנסלוסטיקן ייִנגל איז קיין זכר נישט געבליבן. ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצן אינטערעס צום לעבן. ער איז אַרומגעגאַנגען כּסדר טרויעריק און האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. ער פלעגט שוין דעמאָלט גאַנץ גוט פאַרדינען, וואָס איז געווען גאַנץ זעלטן ביי אַ בחור אין זיין לאַגע. ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט די מלאכה פון פריזירער און ער האָט געהאַט אַרבעט, אָבער ס׳איז אים גאָר נישט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער איז קראַנק אויף טובערקולאָז און שפּעטער אויף אַ ווענערישער שלאַפקייט. ער איז געגאַנגען פון איין דאָקטאָר צום צווייטן, געמאַכט אַנצאָליקע אַנאַליזן און כאָטש אַלע אונטערזוכונגען האָבן באַוויזן, אַז ער האָט נישט קיין שום קראַנקייט, איז ער דאָך געווען זיכער, אַז ער איז קראַנק. צום סוף האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַגיין זעלבסמאָרד. דאָס איז שוין געווען אין די שפּע־

טערדיקע יאָרן, ווען ער איז געבליבן ווינען אַליין מיט זיין מומען ברכה, אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ קליינעם שטיבל.

איין מאָל, גאַנץ פרי, ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען פונעם פערטן שטאָק, האָב איך געטראָפן עזריאלן אַרויסקומען פונעם פינצטערן קאָרידאָר אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעטרונקען עפּעס אַ סם. מיין ערשטע רעאַקציע איז געווען, אַז דאָס איז נישט אמת. אָבער באַלד האָב איך באַמערקט, אַז מיט אים איז עפּעס אומנאַטירלעכס געשען. ער האָט אָנגעהויבן פאַלן און אַ שוים האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. אַ דערשראָ־קענע האָב איך געפּרוווט אַרויסבאַקומען פון אים מיט וואָס ער האָט זיך פאַרסמט, כדי מע זאָל וויסן ווי אַזוי אים צו ראַטעווען. קיין ענטפער האָב איך שוין נישט באַקומען. פאַרצווייפלט בין איך אַראָפּגעלאָפן צו זיין מומען אין געוועלבל. זי איז גלייך אַרויף צו אים און איך האָב דערווייל געקלונגען נאָך דער גיכער הילף, וועלכע האָט אים אָוועקגעפירט אין שפּיטאָל „באַזשעגאָ יאַנאַ", אויף דער באָניפראַטערסקע. מ'האָט אים אויסגעפּומפּעט דעם מאָגן און אים געהאַלטן אין שפּיטאָל עטלעכע טעג. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין שטענדיק געליטן אויפן מאָגן. דער סם, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען האָט אים אויסגעברענט ווונדן.

אַרויס פון שפּיטאָל, איז ער אָוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָרט האָב איך אים עטלעכע מאָל געטראָפן. זיין גורל איז געווען דער זעלבער, ווי פון אַלע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען ביי די נאַציס.

דער עלטסטער ברודער, אליעזר, האָט פרי אָנגעהויבן פאַרדינען, ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס בוכהאַלטער אין אַ געוועלב ערגעץ ווו אויף גראָדזקע. וועגן אים געדענק איך נאָר, ווי שטאַרק ער האָט זיך באַמיט זיך צו באַפרייען פון מיליטער. דריי מאָל האָט ער זיך צוגעשטעלט צו אַ קאָמיסיע אין משך פון דריי יאָר. ווער ס'האָט נישט געהאַט די געהעריקע וואָג דריי יאָר נאָך אַנאַנד, איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטערדינסט. ער, ווי אַנדערע יונגעלייט, פלעגט עטלעכע וואָכן פאַר דער קאָמיסיע זיך אָנגעטאָן „געברענטע לייד", כדי צו פאַרלירן עטלעכע קילאָ. ער פלעגט פאַסטן, אָדער עסן אַזעלכע מאַ־כלים, וועלכע האָבן אַרויסגערופן שילשול. צוליב דעם פלעג ער אויך טרינקען ריצנאייל, נישט שלאָפן גאַנצע נעכט, נאָר שפּאַצירן שעהענווייז. מיר האָבן אים שטאַרק מיטגעפילט. צום מיליטער האָט מען אים טאָקע נישט גענומען.

ווען ער איז שוין געווען זיכער, אַז צום מיליטער וועט מען אים נישט נעמען, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן חתונה האָבן. נאָך דער חתונה האָט ער געוווינט ערגעץ ווו אויף דער גראַדזקע גאַס.

וואָס איך האָב דאָך פאַרגעדענקט אין צוזאַמענהאַנג מיט אים איז פאַרבונדן מיט די טראַגישע געשעענישן אין לובלין אַרום 1920, ווען אַ באַנדע אויסוואָרפן איז באַפאַלן יידן אויף דער קאָוואַלסקע און לובאַרטאָווסקע. אייניקע פחדנותדיקע מענער האָבן זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמס און אין קעמערלעך. אליעזר איז געווען צווישן זיי. זיי האָבן געהאָפט, אַז די אויסוואָרפן וועלן שוינען פרויען און קינדער. עטלעכע טרעגערס בראש מיטן אייגנטימער פון אַ „פלאַטפאָרמע", דעם באַקאַנטן זייער שטאַרקן מאַן, וועלכער איז געווען פאָפולער אונטערן צונאָמען „הויזשע בו", האָבן אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ און האָבן די פאָגראָמשטשיקעס פאַריאָגט אידער זיי האָבן באַוויזן זייערע מעשׂים טובים אַדורכצופירן. צוגעהאָלפן האָט אויך זייער אַ סך דער „גיבור", משה־יאָסל שפּיוואַק מיין שכנס ברודער אין דער צייט איז מיין מוטער אין איין שרעק געשטאַנען ביים פענצטער פאַרשטעלט מיט די גאַרדינען, די אָנפאַלערס זאָלן זי נישט באַמערקן און זיך נישט אַריינרייסן אין שטוב אַריין. מיין מוטער האָט געציטערט פאַרן גורל פון אירע צוויי קינדער, פון וועלכע איינס איז נאָך געלעגן אין וויגעלע.

אין דער זעלבער וווינונג האָבן נאָך געוווינט צוויי שוועסטער, פאַרזעסענע מיידלעך. איינע, גענענדל, האָט סוף כל סוף געפונען אַ חתן, תּנאים געשריבן און חתונה געהאַט מיט אַ שטובן־מאָלער. ער פלעגט מאָלעווען ביי די שכנים. פון מאָלעריי האָט ער אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן די משפּחה, וועלכע האָט אָנגעהויבן שנעל וואַקסן. דעריבער האָט גענענדל געעפנט אַ שפּייז־געוועלבל, ווי עס איז געווען אין דער טראַדיציע פון דער משפּחה. דאָס געוועלב האָט זי איבערגענומען פון דער שוועסטער הדסל. דעם פראָנט, אַ קליין צימערל, מיט אַ טיר צו דער גאַס האָבן זיי אויסגענוצט פאַרן געוועלבל. אין הינטערגעוועלב האָט די פאַמיליע געוווינט אין אַ געפּערלעכער ענגשאַפט. קיין לייכט שטיקל ברויט האָט די פאַמיליע נישט געהאַט. די סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט זיי שטענדיק געדראָט מיט פאַרמאַכן דאָס געוועלבל. לויט די פאַרשריפטן, איז געווען פאַרבאָטן צו האַלטן די וווינונג צוזאַמען מיטן געוועלב. די שרעק פאַרן צונעמען די דערלויבעניש איז שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ פון גענענדלען מיט דער פאַמיליע.

די לעצטע שוועסטער האָט חתונה געהאַט גאַנץ שפּעט. דער מאַן אירער האָט געהאַט אַ „סקלאַד״ מיט קוילן און האָלץ. מע פלעגט ביי אים קויפן 1—2 פוד קוילן און עטלעכע פונט האָלץ די קוילן פונאַנדערצוברעכן. קיין גרעסערע צאָל האָבן זיינע קונים נישט געקענט קויפן. די קוילן מיטן האָלץ האָבן זיינע קונים זייער געשפּאָרט און אָפט געליטן קעלט אין שטוב. די קוילן און דאָס האָלץ פלעגן צופעליקע טרעגערס אָפּטראָגן אַהיים. צו דער אַרבעט האָבן זיך גענומען די אָרעמסטע מענטשן. זייערע פאַרדינסטן זענען געווען גראָשנדיקע און דערצו נאָך גאַנץ צופעליקע.

מיר האָבן געוווינט, ווי איך האָב שוין פריִער דערציילט, אַנטקעגן די שטיגן. די צוויי צימערלעך מיט דער קיך, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען, האָבן געוויס צוזאַמען נישט געהאַט מער ווי 25—30 מעטער. אַזוי לאַנג, ווי איך בין געווען דאָס איינציקע קינד, איז דאָס געווען גאַנץ גענוג. ווען ס׳האָבן אָבער אָנגעהויבן צוקומען קינדער און, צוזאַמען מיט די עלטערן, זענען מיר געוואָרן 6 פּערזאָן, איז שוין קיין אָרט נישט געווען ווו זיך צו רירן. באַזונדערס שווער איז געווען מיטן שלאָפן. קיין אָרט אויף בעטן פאַר אַלע האָט זיך נישט געפונען. מיר זענען געווען געצוווּנגען אויף ביי נאַכט אויפ־צושטעלן ספּעציעלע אַזוי גערופענע „פּאָלאָוועּ״ בעטלעך, וועלכע זענען געווען זייער נישט קיין באַקוועמע. די צוויי בעטן, וועלכע האָבן געדינט די עלטערן האָבן צוגענומען די יינגערע קינדער, איך מיט מיין ברודער זענען לאַנגע יאָרן געשלאָפן אין אַ קינדער־בעטל, ווו מיר האָבן קיין אָרט נישט געהאַט פאַר די אַלץ לענגערע פיס. די לעצטע יאָרן האָב איך געפונען אַ מקום־מנוחה אין אַזאַ „פּאָלאָווע״־בעטל, מיין ברודער — אין קיך, אויף דער שלאַפבאַנק, וואָס האָט אין די בעסערע צייטן געדינט פאַר אַ דינסט־מיידל. די ענגשאַפט איז געווען נישט צו דערטראָגן. אומעטום זענען גע־שטאַנען פאַרשידענע זאַכן, נויטווענדיקע פאַרן געברויך פון אונדזער פאַ־מיליע, איבערהויפּט אונטער די בעטן (מיט די ניקלנע גאָלקעס) וואָס האָבן פאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע צימער. גאָרנישט שטעלן אונטער די בעטן איז געווען אין די באַדינגונגען אַ לוקסוס.

דאָס צווייטע אָרט, וואָס מ׳האָט אויסגענוצט צו „פאַרשטופן״ פאַרשידענע זאַכן, איז געווען אונטער דער שאַנק, צווישן דנאָ און דער פּאָדלאָגע. ס׳איז נאָך כּדאי צו דערמאָנען די באַהעלטענישן אויף דער שאַנק און אויוון. דאָרט פלעגט מען האַלטן דאָס פּסחדיקע געפעס אַ גאַנץ יאָר, און יום־טוב, דאָס

חמצדיקע. דאָס ריין מאַכן אונטער די בעטן און שאַנק האָט פאַרנומען אַ סך צייט, די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף מיין מוטער. דערנאָך האָב איך דאָס איבערגענומען אַלס די עלטסטע פון די קינדער.

איך האָב מיך געוואָלט פאַרמעסטן מיט גליקל ראַפּאַפּאָרט, אַ טאָכטער פון שכנים אין קאָרידאָר. גליקל פלעגט אַלע אירע כּוחות אַנווענדן צו האַלטן די וווינונג (די זעלבע גרייס, ווי אונדזערע) ריין און פאַרפּוצט. איך האָב נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק. נאָכן אויפרוימען פלעגן מיר איינע די אַנדערע ווייזן די רעזולטאַטן, און די שכנים האָבן געדאַרפט אורטיילן ווער ס׳האָט געמאַכט אַ בעסערן גלאַנץ אויף די פּאָדלאָגעס. די פּאָדלאָגעס פלעגט מען פאַרבן אויף רויט און שמירן מיט אַ פּאַסטע. אין די פריִערדיקע יאָרן פלעגט מען די פּאָדלאָגעס נאָר וואַשן. ס׳איז אָבער געווען זייער שווער זיי צו דערוואַשן זיי זאָלן האָבן די ריכטיקע האָלצפאַרב.

מיין פאָטער האָב איך דערקענט ווען איך בין שוין אַלט געווען קנאַפּע פינף יאָר. אין 1914, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט מען אים מאָביליזירט אין דער רוסישער אַרמיי. די גאַנצע צייט, ביז 1918, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט מען פון אים נישט געהערט. ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, אין „פּלען״ ווי מ׳האָט דאָס אָנגערופן אויף רוסיש. איך האָב אים געקענט נאָר פון זיין גרויסן בילד, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין בעט. ער האָט דאָרט געהאַט וואָנצעס, פאַרדרייטע אַרויף, און שוואַרצע, געקרייזלטע האָר. ווען ער איז צוריקגעקומען, זענען די וואָנצעס געהאַנגען אַראָפּ און פון די געדיכטע האָר איז געבליבן נאָר אַ שוואַכער צייכן. איך האָב אים נישט געוואָלט אָנערקענען. איך האָב מיין חברטע הענטשע, וועלכע האָט ביי אונדז געוווינט מיט איר מוטער (מיין מוטערס חברטע), פאַרזיכערט אַז דאָס איז איר פאָטער געקומען. ער איז אין איין צייט מיט מיין פאָטער מאָביליזירט געוואָרן. פיר יאָר האָט, הייסט עס, מיין פאָטער אַוועקגעגעבן דער מלחמה. ער איז געקומען אומגעריכט אין מיטן דער נאַכט און אָנגע־קלאַפּט אין דער טיר. ביידע פרויען האָבן מורא געהאַט צו עפענען, ווייל אין יענער צייט פלעגן פאַרקומען אָנפאַלן פון דעמאָביליזירטע זעלנער, דע־זערטירן פון דער רוסישער אַרמיי. ווען מיין מוטער האָט געפרעגט, ווער עס קלאַפּט, האָט זיך געהערט אַן אומבאַקאַנטע מענער־שטימע זאָגן: „נו, מאַך אויף״. אין משך פון דער צייט האָט מיין פאָטערס קול זיך שטאַרק

פאַרענדערט צוליב אַ שווערער האַלדז־קראַנקייט, וועלכע האָט געדראָט זיין לעבן. ער איז לאַנג געלעגן אין אַ שפּיטאָל אין ווין.

ווען מיין מוטער האָט די טיר געעפנט האָט זי דערזען פאַר אירע אויגן אַ געפּערלעך בילד. מיין פאָטער איז געווען אין גאַנצן פאַרענדערט, אויס־געמאַגערט, פאַרוואַקסן, מיט אַ מאַרינאַרקע, וועלכע האָט געהאַט איין אַרבל קירצער, דעם צווייטן — לענגער. אויף די פיס האָט ער געטראָגן איין שוך און איין קאַלאָש. ער איז געווען שמוציק און נישט צו דערקענען. דאָס אַלץ האָב איך מיך דערוווּסט אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען. די גאַנצע דראַמע פון דער נאַכט בין איך פאַרשלאָפן.

די פיר געפערלעכע מלחמה־יאָרן זענען נישט געווען די איינציקע וועלכע מיין פאָטער האָט אָוועקגעגעבן דער צאַרישער מאַכט. פריִער האָט ער פיר יאָר געמוזט אָפּדינען, די נאָרמאַלע אין זיין צייט, מיליטער־דינסט, און שפּעטער גערופן געוואָרן אויף 6 וואָכן איבונגען, אַזוי אַז מיין פאָטער האָט, ווי מען פלעגט זאָגן, נישט פון איין איווון ברויט געגעסן. ער האָט דערפאַר געזען אַ שטיקל וועלט: עסטרייך, אונגאַרן. ער האָט אויך באַזוכט זיין ברודער אין וויטן סיביר, אין מאַנדזשוריע. ער האָט געטראַכט דאָרט זיך צו באַזעצן, אָבער ער איז צוריקגעקומען קיין לובלין, וווּ מיין מוטער האָט אויף אים געוואַרט. די שווערע יאָרן אין רוסישן מיליטער, די מלחמה און דאָס געפאַנגענשאַפט האָבן איבערגעלאָזט אַ שפּור אויף זיין כאַראַקטער און זיין געזונט־צושטאַנד. ער איז געוואָרן אַ פאַרשלאָסענער, צוריקגעהאַל־טענער און נישט ליב געהאַט אַרויסצוווייזן זיינע געפילן. פיזיש האָט ער שוין קיין מאָל זיך נישט פאַרראַכטן, איז שטענדיק געבליבן מאָגער, בלאַס, מיט איינגעפאַלענע באַקן. באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון דער מלחמה האָט ער זיך גענומען צו זיין פאַך. כאָטש מיין מוטער האָט פאַרדינט מיטן שנייי־דעריי, האָט ער גלייך געוואָלט נעמען אויף זיך די פליכטן פון אויסהאַלטן די משפחה. וואַרשיינלעך האָט ער געוואָלט פאַרגיטיקן מיין מוטער פאַר די שווערע יאָרן, ווען זי האָט געמוזט אויסהאַלטן זיך און מיך, ווען צו באַקומען אַ ביסל לעבנסמיטל איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. קריגן אַ שטיקל צוקער און ווייס ברויט האָט מען געדאַרפט זיין אַ בר־מזל.

פון יענער צייט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַזאַ פאַקט: מיין מוטער און איך האָבן געטרונקען טיי צובייסנדיק מיט אַ קליין שטיקעלע צוקער. איך האָב מיין שטיקל שנעל „אויפגענאַשט" מיין מוטער האָט אירס אָפּגעשפאַרט

צו נאָך אַ גלאָז טיי. זי איז געגאַנגען צו אַ שכנה נאָך אַ ביסל הייס וואַסער. איך האָב דעם נסיון נישט געקענט ביישטיין און האָב איר שטיקל צוקער אויפגעגעסן. פאַר מורא און בושה האָב איך מיך באַהאַלטן אין שלאָפצימער אונטער דער טיר. מיין מוטער האָט מיר נישט געמאַכט קיין שום פאַרוואורפן, אָבער איך האָב לאַנגע יאָרן זיך נישט געקענט שענקען מיין שוואַכקייט.

דעם ערשטן וואַרשטאַט נאָך דער מלחמה האָט מיין פאָטער געעפנט אויף דער פאַקסאַלנע גאַס. ער האָט אויסגעקליבן די גאַס, ווייל אין די פריערדיקע יאָרן האָט ער דאָרט געהאַט אַ וואַרשטאַט און האָט געהאָפט אויף די אַמאָליקע קליענטן. מיין פאָטער האָט זיך גערעכנט צו די גוטע פאַכמענער צווישן די קאַמאַשנמאַכערס. אין די פיר פאַרלוירענע מלחמה־יאָרן, ווען ער איז נישט געווען אין דער היים, האָט זיך אַרויסגעשלאָגן משה פישאַדער אויף לובאַרטאָווסקע 31, און דער צווייטער, משה סמאָלאַר. ווען מיין פאָטער איז צוריקגעקומען, האָט ער פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט, צווישן פישאַדערן און משה סמאָלאַר.

אין 1919, אַ יאָר נאָך מיין פאָטערס צוריקקומען, האָט זיך אונדזער פאַמיליע פאַרגרעסערט. ס׳איז געבוירן געוואָרן מיין ברודער אָשר. מיין פאָטער איז געווען איבערגליקלעך. זיין ערשטער זון. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל פאַר אים טאָן. ער פלעגט פאַר אים קויפן פאַרשידענע נאַשווארגן און, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען זייער איפערזיכטיק און האָב „באַשלאָסן״, אַז איך וועל מיין ברודער אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער. ווען מיר אַלע זענען אין אַ שבת געלעגן מיט די עלטערן אין די בעטן, האָבן זיי מיר „דערלויבט״ אַדורכצופירן מיין „באַשלוס״. מיין ברודער איז שוין דאַן אַלט געווען 3 חדשים, איך — 6 יאָר. מיינע עלטערן האָבן מיט שפּאַנונג אָבסערווירט מיין אויפפירונג. איך בין צו אים צוגעגאַנגען, איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן און אים געלאָזט ליגן אויפן זעלבן אָרט. ער איז געווען אַזוי שיין, אַז ס׳איז מיר געוואָרן אַ שאָד אים אַרויסצוּוואַרפן דורכן פענצטער. פון דער צייט האָב איך שלום געמאַכט מיט מיין ברודער, כאָטש איך האָב שטענדיק געפילט אַ פאַרדראָס, דער עיקר אויף מיין פאָטער, וואָס ער האָט אים באַגינסטיקט, ווי זיין ליבלינג. פון דעמאָלט אָן פלעג איך מיין ברודער איבערוויקלען, זיך שפּילן מיט אים, וואַשן זיינע ווינדעלעך. מ׳האָט מיך געלויבט פאַר מיינע מעשים פאַרן ברודער, כאָטש איך בין געווען מיט נישט קיין גאַנצע 6 יאָר עלטער פון אים.

מיין מוטער פלעגט מען רופן אין אירע יינגערע יאָרן „די געלע גיטל״. זי האָט געהאַט געלע האָר. געלע האָר האָט זיך אין יענע יאָרן גערעכנט פאַר אַ פעלער, אָבער מיין מוטער האָט דאָס נישט געקימערט. ביי אירע עלטערן איז זי געווען אַן איינציקע אָפּגעציטערטע טאָכטער. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן פאַרדינען פון שניידעריי און זיך גערעכנט צו די שענערע מיידלעך, מיט דערפּאָלג ביי יינגלעך. גאַנץ יונג האָט זי תּנאָים געשריבן מיט משה קאַמאַשנמאַכער, וועלכער האָט אַן איר קיין וועלט נישט געזען, ער האָט אַפילו קיין נדן נישט געפאָדערט, וואָס איז אין יענער צייט געווען כּמעט ווי אָבליגאַטאָריש. אָבער די מוטער מיינע האָט אים נישט געוואָלט, זי האָט געצויגן צו מיין פאָטער. זי האָט איינגעשטימט אויף די תּנאָים, וואָרשיינלעך אונטערן דרוק פון אירע עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט משהן. זיי האָבן אויסגענוצט די סיטואַציע, ווען מיין פאָטער איז געווען אין מיליטער און געשריבן תּנאָים. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז אין דער צייט פון מיליטער־דינסט, וועט ער זיך אָפּזוכן אַן אַנדערע. מיין מוטער אָבער האָט אָפּגעצויגן מיט דער חתונה ביז מיין פאָטער איז צוריק־געקומען פון מיליטער. זי האָט דאַן צעריסן די תּנאָים מיט משהן און אין גיכן חתונה געהאַט מיט מיין פאָטער. זי האָט נאָך דער חתונה נאָך געמוזט איבערלעבן זיין אָפּוועזנהייט אַ גאַנץ יאָר, ווען ער איז געווען ביי זיין ברודער אין כאַרבין. אין דער צייט האָט משה נישט אויפגעגעבן די האָפע־נונג צוריק צו באַקומען מיין מוטער, און אויך נישט שפּעטער, ווען מיין פאָטער איז געווען אין דער מלחמה. ער פלעגט קומען צו אונדז, ער האָט מיר געווידמעט אַ סך צייט, ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך אַ ביסל זיסוואַרג פאַר מיינעט וועגן. ער האָט אויך מיר און מיין מוטער פאַרבעטן אין קינע־מאַטאָגראַף, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן דעם שטומען קינאָ. משה איז געווען גרייט חתונה צו האָבן מיט מיין מוטער און נעמען אויף זיך אויס־צוהאַלטן און אויסהאָדעווען מיך. אין יענער צייט איז נישט געווען קיין אָפּטע דערשיינונג, אַז אַ בחור זאָל נעמען אַ פרוי מיט אַ קינד. פאַר אים איז מיין מוטער געווען זיין איינציקע אים אינטערעסירנדיקע פרוי, קיין שום אַנדער מיידל האָט אין זיינע אויגן נישט געפונען דעם חן פון מיין מוטער. לאַנגע יאָרן האָט ער נישט חתונה געהאַט. צום סוף, ווען איך בין שוין געווען אַ היפּש מיידל און מיין פאָטער איז שוין לאַנג געווען צוריק פון דער מלחמה, האָט ער זיך אָפּגעזוכט אַ מיידל מיטן זעלבן נאָמען ווי

מיין מוטער. אַזוי אַרום האָט ער כאַטש מיט דער ענלעכקייט צו מיין מוטערס נאָמען פאַרגיטיקט זיין פאַרלוסט.

אונדזער פאַמיליע האָט זיך ווייטער פאַרגרעסערט. אין יאָר 1923 איז געבוירן געוואָרן מיין שוועסטער חיה־גאָלדע, וועלכע מ׳האָט גערופן כעלע. אין יאָר 1925 איז צוגעקומען מיין צווייטער ברודער שלמהלע. אין שטוב איז געוואָרן פריילעכער, אָבער וואָס אַ מאָל ענגער און דער יאָך פאַר מיינע עלטערן גרעסער, די דאגות־פרנסה אַלץ שווערער. מיר האָבן געטרוימט צו דינגען אַ גרעסערע וווינונג, עס זאָל זיין נאָך איין צימער. מיינע עלטערן האָבן עטלעכע מאָל באַקוקט אַזעלכע וווינונגען, אָבער קיין מאָל נישט געקענט פאַרווירקלעכן זייער חלום. דאָס דירה־ און אָפּטרעט־געלט איז געווען צו הויך פאַר זייערע מעגלעכקייטן. אַזוי האָט אונדזער משפחה, ביז די דייטשן האָבן זיי געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די וווינונג, געוווינט אויפן זעלבן אָרט, צוזאַמען מיט די אַנדערע שכנים.

די ערשטע וווינונג, אין דעם לאַנגן קאָרידאָר, לינקס פון די שטיגן, אַ צימער מיט אַ קיך, האָט פאַרנומען די פאַמיליע אַלטער, אַ פאָרפאָלק מיט צוויי קינדער: נעכעלע און אברהמעלע — דאָס אויג אין קאָפּ פון דעם פאָרפאָלק. די אַלטערס, רבקהלע און מרדכי, האָבן זיך אַריינגעצויגן אַ פּאָר יאָר שפּעטער פון די אַנדערע שכנים פון פערטן שטאָק. זיי זענען געווען עטוואָס יינגער. מיט זייער קומען האָט זיך געענדערט אין הויז. זיי האָבן גלייך מיט דער דירה געדונגען אויך אַ געוועלב, רעכטס פון אַריינגאַנג, געעפנט דאָרט אַ שפּייזקראָם.

דאָס איז געווען דאָס צווייטע געוועלבל אין זעלבן הויז. מ׳האָט געזאָגט אַז דאָס האָט „אָוועקגעלייגט״ ברכהלען. זי האָט מיט די אַלטערס נישט געקענט קאָנקורירן. זיי — צוויי פֿעיִקע און ענערגישע מענטשן, האָבן איבערגענומען כמעט אַלע קונים. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך „ארויפ־געאַרבעט״, מרדכי פלעג פאָרן אין די אַרומיקע דערפלעך און קליינע שטעטלעך איינקויפן סחורה, דער עיקר פּוטער און קעז. די פּוטער האָט זיי געגעבן די גוטע פאַרדינסטן. זיי פלעגן זי איבעראַרבעטן ביי זיך אין דער היים און צוגרייטן, כלומרשט, „פאַרשידענע״ סאָרטן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דורך דער וואַנט געהערט, ווי זיי האָבן די פּוטער געגרייט. רבקהלע איז געווען אַ ספּעציאַליסט צו פאַרקויפן די „פאַרשידענע״ סאָרטן

פוטער. זי האָט שטענדיק מיט רויִקייט געוויזן פאַר די קונים אירע צאַלרייכע סאָרטן און מיט איר העפלעכן „גיטיגס" איינגערעדט, אַז די פוטער איז פון בעסטן סאָרט און פריש, נאָר וואָס ביים פויער אויסגעשלאָגן. ווען דער קונה האָט זיך באַקלאָגט, אַז די פוטער איז ביטער, האָט זי מיט איר רויִקער שטים זיך געפרעגט: טאַקע? עס שמעקט אייך נישט? און גלייך געוויזן „אַנדערע" סאָרטן, ביז ס'האָט זיך געפונען אַן אַנדער שטיקל.

מרדכיס געשיקטקייט אַלס איינקויפער פון דער סחורה, צוזאַמען מיט רבקהלעס פעיִקייט אַלס פאַרקויפערין, האָבן געגעבן רעזולטאַטן, און ווי מ'האָט גערעדט צווישן די שכנים, האָבן זיי געמאַכט אַ שטיקל פאַרמעגן.

נעכעלע, זייער טאָכטער, האָט זיי, אַלס קינד, געגעבן צו „שמעקן און צו לעקן". זי פלעגט שטענדיק שרייען און וויינען, וואַרפנדיק זיך אויף דער פאָדלאָגע, אָדער גאָר אין מיטן גאַס. מען האָט זי נישט געקענט באַרויִקן נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן. זי פלעגט שרייען און וויינען שעהענווייז. דער פאָטער פלעגט זי דאַן שטאַרק שלאָגן, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. די קינדער פון הויז פלעגן זי אויסמיידן. ביי די שכנים האָט זי געהאַט איר „מאַרקע". קען זיין אַז זי האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט איר פּראָטעסט, וואָס די עלטערן, שטענדיק פאַרנומענע מיטן האַנדל, האָבן איר געשאָנקען צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

אַברהמעלע איז געווען דער היפוך פון זיין שוועסטער, און אַ גרויסע טרייסט פאַרן פאָרפאָלק. ער איז געווען אַ רויִק קינד און זיך אַנטוויקלט נאָרמאַל. ווען ער איז קראַנק געוואָרן אויף שקאַרלאַטינע און זיין לעבן איז געווען אין סכנה, האָבן די עלטערן שיִער זיך נישט דאָס לעבן גענומען.

די באַלעבאַטישקייט האָט געפירט רבקהלעס מוטער. צווישן די שכנים האָט מען זי גערופן די מכשפה. דער נאָמען האָט וואַרשיינלעך געשטאַמט פונעם איידעם, פאַר וועמען זי איז געווען די טיפּישע שוויגער. פאַר אים האָט זי קיין מאָל קיין גוט וואָרט נישט געהאַט. זי האָט געקענט אָפּשפּרעכן אַ „גוט אויג", אויסמעסטן אַ קינד צי ס'איז נישט „געבראָכן", גיסן וואַקס, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן די פּערזאָן וועלכע האָט די עין־הרע געגעבן. שטעלן באַנקעס האָט אויך געהערט צו אירע קענטעניש.

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס לעבן פון דער משפחה אַ וואַקל געטאָן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט פון דעם „קלאַפּ" זיך נישט אויפהייבן. מרדכי איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן. ער, וועלכער האָט פריִער קיין מאָל נישט געוווסט

פון קיין מיחושן, און איז געווען פול מיט לעבנסלוסט און קראַפט, האָט געקראָגן עפּעס אַן אַנפאַל און איז אַוועקגעשטאָרבן. רבקהלע האָט זיך צו־זאַמענגעבראָכן. אַלע האָבן געמיינט, אַז צוזאַמען מיט מרדכין וועט זיין אַ סוף אויך צו דעם געוועלב, און דאָס הייסט, צו זייער פּרנסה. אָבער רבקהלע האָט זיך שנעל צוריקגעשטעלט אויף די פיס. זי האָט דאָס געוועלב ווייטער געפירט און ס׳האָט זיך גוט צעבליט. אַ גרויסע הילף האָט זי געפונען אין די קינדער, זיי האָבן איר געהאָלפן אין אַלעמען, מיט איינקויפן סחורה און פאַרקויפן. גאָר פעיק האָט זיך אַרויסגעוויזן נעכלע, זי האָט איבערגענומען איר מוטערס אופן פון באַגיין זיך מיט די קונים, און האָט זיך אַרויסגעוויזן פעיק אויך ביים איינקויפן די סחורה.

דער קאַמף מיט דער פּאָליציי, די צענניקעס און די סאַניטאַרע קאָמיסיע

די צוויי געוועלבלעך, ווי אַלע אַנדערע אויף דער לובאַרטאָווסקע, האָבן געמוזט פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. אומגעהייערע שיקאַנעס און צרות האָבן זיי געהאַט פון דער סאַניטאַרער קאָמיסיע. מיט באַזונדערער ריינקייט האָבן די געוועלבלעך נישט געקענט זיך באַרימען. די ענגשאַפט און פאַריאַגטקייט האָט נישט געגעבן קיין צייט און מעגלעכקייטן צו האַלטן ריין. ווו ס׳האָבן זיך נאָך געפונען עטלעכע מיטגלידער אין דער פאַמיליע, ווי ביי די אַלטערס, האָט די לאַגע אויסגעזען אַנדערש. אָבער ברכה האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו האַלטן ריין. פאַר איר איז יעדער באַזוך פון אַזאַ קאָמיסיע געווען פאַרבונדן מיט פּראָטאָקאָלן און שטראָף. יעדער באַזוך פון אַזאַ קאָמיסיע האָט זי, ווי דער גרעסטער טייל קרעמער, אויפגענומען ווי אַ געפערלעכע מגיפה. נאָכן באַזוך איז די שטימונג געווען אַ יום־כיפורדיקע, פול מיט שרעק פאַר דער גזירה. איניקע קאָמיסיעס האָבן זיך באַצויגן מיט אַ ביסל חסד, אייניקע האָבן פשוט רחמנות געהאַט אויף דער אָרעמער אלמנה, אָדער אויף אַנדערע אָרעמע־לייט. אָבער אַנדערע האָבן אָנגעוואַנדן שיקאַנעס און פון זייערע הענט האָט זיך קיינער נישט אַרויסגעדרייט.

די צווייטע „מגיפה" איז געווען די „צענניק"־קאָמיסיע. זי האָט געפאָ־דערט שריפטלעכע פרייזן אויף יעדן אַרטיקל. פאַר די אייגנטימערס פון די

געוועלבלעך איז דאָס געווען אַ זייער שווערע לאַסט. דאָס אויסשרייבן די צעטלעך האָט געפאָדערט אַ סך צייט און אויך קענטעניש אין דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע נישט אַלע האָבן באַזעסן אין דער געגוגנדיקער מאָס

די דריטע מכּה איז געווען דער האַנדל אין זונטיק און נאָך די דערלויבטע שעהען אין די אָוונטן און אין דער פרי. די יידישע געוועלבן האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט שבת, ווער צוליב פרומקייט און ווער ווייל די שומרי־שבת האָבן דערצו געצוווּנגען. ווען עמעץ האָט געוואָגט אַריבערטרעטן די באַשטימונגען, איז ער געוואָרן שטרענג באַשטראָפט. דאָס עיקרדיקע מיטל איז געווען: אַריינלייגן אין חרם. זונטיק האָט די מלוכה־מאַכט נישט דערלויבט צו עפענען די געוועלבער. אַ פּאָליציאַנט, וועלכן מ׳האָט גערופן „פּזשאָדאָווניק”, האָט אויף דער לובאַרטאָווסקע געהאַט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן אַז די גע־וועלבלעך זאָלן זונטיק זיין פאַרמאַכט. די אייגנטימערס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס צו האַלטן פאַרמאַכט צוויי טעג אין דער וואָך און גראָד אין יענע שעהען ווען ס׳זענען געקומען די „בעסטע” קליענטן, וועלכע האָבן אָפט מאָל פריער נישט געהאַט צוזאַמענגעשטעלט די פּאָר גראָשן אויף איינצוקויפן.

דאָס קאַץ־ און מויז־געיעג צווישן די פּאָליציאַנטן און די קרעמערס, וואָלט געקענט זיין פאַקטיש גאַר קאָמיש און אַרויסרופן אַ געלעכטער ווען נישט די שווערע קאָנסעקווענצן וואָס דאָס געיעג פלעג האָבן אַ מאָל פאַר די אייגנטימערס. אויסגעזען האָט דאָס אַזוי: דער פּאָליציאַנט פלעגט זיך אָוועקשטעלן נעבן אַ געוועלב, אָדער שפּאַצירן הין און צוריק אויף אַ קליינער שטרעקע, צווישן עטלעכע געוועלבן. פלעגן די קרעמערס אויסנוצן די מינוט ווען דער פּאָליציאַנט האָט זיך דערווייטערט אַ ביסל פון זייער געוועלב, שנעל אַראָפּנעמען די שטאַבע, עפענען דעם שלאָס, אַריינלאָזן דעם קונה און צוריק פאַרמאַכן. נישט איין מאָל איז געשען, אַז דער פּאָליציאַנט האָט זיך צופעליק, אָדער מיט אַ כּיוון אומגעקוקט. אָפט פלעג ער כאַפּן דעם „פאַרברעכער” ביי דער האַנט. געשיקטקייט האָבן די קרעמער געמוזט אַרויסווייזן אויך ביים אַרויסלאָזן די קונים פונעם געוועלב. ס׳האָט געקענט געשען, אַז די קונים האָבן געמוזט וואַרטן אינעווייניק שעהענווייז, ווייל דער פּאָליציאַנט האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט און נישט אָוועקגעקוקט אַ מינוט. אין אַ בעסערער לאַגע זענען געווען די הענדלערס, וועלכע האָבן געהאַט צוויי אַריינגאַנגען, פון וועלכן איינער איז געווען ערגעץ אויפן הויף. אָבער אַזעלכע

„גליקלעכע" זענען געווען ווינציק. האָט דער קרעמער געהאַט דאָס אומגליק אַריינצוכאַפּן אַ פּראָטאָקאָל, האָט ער שוין געליטן אַ גאַר גרויסן פאַרלוסט. נישט איין מאָל האָט אַזאַ פּראָטאָקאָל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ געלטשטראָף, געפירט צום פאַרלירן די מעגלעכקייט צו קויפן פרישע סחורה, נישט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט, און אַ מאָל, פּשוט אויך נישט צו האָבן דעם טאָג איבערצולעבן. די שרעק און דאָס געיעג מיט די פּאָליציאַנטן, מיט די פאַרשידענע קאָמיסיעס האָט פאַרביטערט דאָס אַזוי אויך שווערע לעבן פון די הענדלערס.

די אַלטערס האָבן אין די שפּעטערע יאָרן געביטן זייער וווינונג, זיך איבערגעצויגן אין אַ גרעסערער וווינונג אויפן ערשטן שטאָק, ווען די קאַפּער־מאַנס האָבן זיך פון איר אַרויסגעצויגן נאָכן זעלבסטמאָרד פון דעם פאָטער, וועלכער האָט פאַרלאָרן יעדע האָפענונג צו קענען אויסהאַלטן זיין גרויסע משפחה.

נאָך די אַלטערס האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פאַרפאַלק, וואָס האָט גע־האַנדלט מיט עפּל, זיי האָבן געהאַט איין זון. מיט דער פאַמיליע האָבן מיר שוין נישט באַוויזן זיך צו באַפריינדן. אַנטקעגן די אַלטערס אין דעם קאָרידאָר האָט געוווינט אַ פאַמיליע, וועלכע מ'האָט גערופן די פישערס. זיי האָבן אויפן פישטאָרג געהאַט אַ טיש, אָדער פאַקטיש, אַ באַליע מיט פיש. אין מיטן וואָך איז דער האַנדל מיט פיש געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, די באַליעס מיט פיש האָבן זיך באַוויזן דאָנערשטיק און פרייטיק, ווען די ייִדישע פרויען פלעגן קומען איינקויפן פיש אויף שבת. ס'איז געווען אָנגענומען צו קויפן וואָס גרעסערע פיש. בעסער איז נאָך געווען צו קויפן אַ טייל פון אַ גאַר גרויסן פיש. אַזאַ פיש פלעגן האַלטן די בעל־הביתטעס פאַר באַטעמטער, נישט רעדנ־דיק שוין וועגן דעם, אַז אַזעלכע איינקויפן זענען געווען מער שפּאַרעוודיקע, וואָס איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. צווישן די קונים זענען געווען נישט ווייניק, וועלכע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו קויפן נאָר ביליקערע סאָרטן, צום ביישפּיל, פלאָטשלעך, אָדער גאָר פּיצעלעך פישעלעך פון וועלכע מ'פלעגט מאַכן „קוילן". איינצוקויפן די סאָרטן פיש האָט מען זיך אַ ביסל געשעמט. דער סאָרט פיש האָט עדות געזאָגט אויף דעם מצב פון די קויפערס. דער פישער האָט אויך בעסער באַהאַנדלט די קונים פון קאַרפּן.

וועגן דעם פישער געדענק איך נאָר, אַז ער האָט נישט געלעבט בשלום

מיט זיין פרוי. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ צווייטע אין דער זייט (וואָס איז דעמאָלט נישט געווען קיין אָפּטע דערשיינונג). ווי ווייט דאָס איז אמת געווען, קען איך נישט זאָגן. צום סוף איז די פרוי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. די ווינונג האָט פאַרנומען אַ פאַרפאָלק מיטן נאָמען פיין. וואָס מ׳האָט די פיינס קיין מאָל נישט מוחל געווען איז דאָס, וואָס די פרוי איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פונעם מאַן און דערצו האָט זי שטענדיק געקרענקט. מען פלעגט אויף איר זאָגן: „זי פאָכעט מיט דער נשמה״ דאָס פאַרפאָלק האָט — אין קעגנזאַץ צו די פריִערדיקע שכנים די פישערס, — געלעבט זייער בשלום, און ביידע האָבן זיי געציטערט איבערן איינציקן זון. זיי האָט צונויפגעפירט איר יִחוס, וואָס האָט זיך גערעכנט גלייך ווי נדן.

נאָך זיי האָבן אין זעלבן קאָרידאָר געוווינט אין די פריִערדיקע יאָרן די בעכערס. ער, אַ ביסל אַ צעטראָגענער, אַ הויכער, מאָגערער מאַן, ראַזירט און וועלטלעך געקליידט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע אויפן פערטן שטאָק. מ׳האָט אים גערופן דער „פּראָשעניע־שרייבער״. דער נאָמען האָט אַרויסגערופן רעספּעקט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שרייבן פאַרשידענע ביטעס צו די אַמטן. דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ פּרנסה, וואָס האָט געפאָדערט געוויסע יורידישע און שפּראַכלעכע קענטענישן אין פּויליש. ווייניק יִדן האָבן דע־מאָלט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט יִדיש. זיי האָבן אָממערסטן געוווינט אין די יִדישע קוואַרטאַלן, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען בלויז איינציקע פּאָליאַקן. אין הויז וווּ מיר האָבן געוווינט, איז נאָר דער סטרוזש געווען אַ פּאָליאַק. נאָך דעם ווי די בעכערס האָבן זיך אַרויסגעצויגן האָט זייער צימער מיט דער קיך איבערגענומען די צווייטע פאַמיליע פיין, קרובים פון די פריִער דערמאָנטע. די פרוי האָט זיך גערעכנט, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, צו די יִחוסדיקע, צו די ראָטעס. איך ווייס נישט צי איר יִחוס האָט זיך גענומען פון דעם קאָלאָניאַל־געוועלב אויף לובאַר־טאָווסקע 5, צי פון עפּעס אַנדערש. ער, דער מאַן, האָט אין קעגנזאַץ, צו קיין יִחוסדיקער פאַמיליע נישט געהערט, מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ „פּראָסטאַק און עם הארץ״. דער אמת איז, אַז ער איז געווען אַ ביסל אַן אָפּגעשטאַנענער און אַ ביסל אַ צעטראָגענער, מען האָט געקענט אָפט מאָל הערן סקאַנדאַלן פון זייער ווינונג. זייער איינציקע טאָכטער האָט גערירשנט זיינע כאַראַקטער־שטריכן. מען האָט קיין מאָל נישט געוווּסט וואָס איר קען איינפאַלן. קיינער האָט נישט געקענט מיט איר אומגיין און שוין אָפּגערעדט פון באַפריינדן זיך

מיט איר. ביי דער פֿאַמיליע האָט זיך, ביים אויסברוך פֿון דער מלחמה אין 1939 געפֿונען דער איינציקער ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין הויז. כאָטש די דייטשן האָבן פֿאַרבאָטן האַלטן אַ ראַדיאָ, האָבן זיי אין אָוונט אים אַריינגענומען אין שטוב פֿונעם דאַך, ווו זיי פֿלעגן אים האַלטן ביי טאָג. דער אַפּאַראַט זייערער איז געווען פֿאַרן גאַנצן הויז די איינציקע קוועלע פֿון אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם קריג.

ווייטער האָט אין לאַנגן קאָרידאָר געוווינט די פֿאַמיליע מיטן צונאָמען „די פּאַפּיראָסניקעס". זיי פֿלעגן טאָקע לעבן פֿון מאַכן און פֿאַרקויפֿן פּאַפּי־ראָסן. מיר, קינדער, פֿלעגן זיי צוהעלפֿן ביי דער אַרבעט, אָנפֿילנדיק די גילזן מיט טיטון און פּאַקן די פֿאַרטיקע פּאַפּיראָסן אין שאַכטלען. פֿאַרקויפֿן פֿלעגן זיי די פּאַפּיראָסן אין זייער געוועלבל, אויף דער פּראַבאָסטווע דורך דעם געסל איז אַדורכגעפֿלאָסן אַ טייכל, וואָס מ'האָט גערופֿן „קאַקעבעבעס־ים". פֿרויען פֿון די אַרומיקע גאַסן און געסלעך פֿלעגן דאָרט שווענקען דאָס וועש און אויסקלאַפּן עס מיט „קייאַנקעס" — ספּעציעלע הילצערנע לאָפּאַטקעס. די פּראַבאָסטווע האָט זיך באַרימט געמאַכט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיט די אַזוי גערופֿענע „ספּולדאָמעס", שותּפֿותדיקע קאָאָפּעראַטיווע הייזער פֿאַר מער פֿאַרמעגלע לייט.

צו דער פֿאַמיליע פֿון די פּאַפּיראָסניקעס האָבן אַחוץ די עלטערן געהערט צוויי זין און אַ טאָכטער. די טאָכטער האָט מען אין דער פֿאַמיליע געהאַלטן פֿאַר דעם בעסטן קינד, זי האָט עטלעכע יאָר געלערנט אין גימנאַזיע. מ'האָט זי אויך געהאַלטן פֿאַר אַ שיינע. מ'האָט זי חתונה געמאַכט יונגערהייט, פֿאַר אַ זון פֿון אַ גאַנץ רייכן סוחר פֿון טאַנדעט־קאָנפֿעקציע אויף דער קאַזשע־גאַס.

דער עלטערער זון, עזריאל, פֿלעגט זיך אינטערעסירן מיט דער עלטס־טער טאָכטער פֿון דער שכנותדיקער פֿאַמיליע ראַפּאַפּאָרט. ס'איז אַפֿילו שוין דערגאַנגען צו תּנאָים, אָבער נישט צו קיין חתונה. דער יינגערער זון מאָטל, איז קיין חכם נישט געווען. זיין האַנדלונג פֿאַר דער חתונה קען מען דערציילן ממש ווי אַן אַנעקדאָט. עטלעכע טעג פֿאַר זיין חתונה האָט ער געדאַרפֿט צעהאַקן עטלעכע גרויסע שטיקער קוילן פֿאַר דער קיך. דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז אַ שטיקל קויל איז אים אַריין אין אַן אויג. קיינער האָט עס אים נישט געקענט אַרויסנעמען און ער האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף

צו אַ דאָקטאָר. באַאומרויִקט צוליב דער חתונה, האָט ער אויפגעפאָדערט דעם דאָקטער, אַז ער מוז אים באַלד געזונט מאַכן. לאַנגע יאָרן פלעגן די שכנים זיך וויצלען צוליב זיין פאָדערונג פונעם דאָקטאָר.

טיפער אין דעם לאַנגן קאָרידאָר האָבן געוווינט די ראַפּאַפּאָרטס. זייער טאָכטער, די כּלה פונעם זון פון די פּאַפּיראָסניקעס, איז נאָך דעם טויט פונעם פאָטער געוואָרן די גאַנצע „פאַרזאָרגערין״ פון דער משפּחה. דער פאָטער איז געווען אַ שפּיליטער. ער פלעגט פאָרן קיין וואַרשע און פון דאָרט ברענגען פאַרשידענע סחורות פאַר צוקערבעקערס. דעם האַנדל האָט ער געפירט אַ ביסל אומלעגאַל, אַרומגייענדיק דעם שטייער־אָפּצאָל. ער האָט שטענדיק געהאַט צרות מיט אויסבאַהאַלטן די סחורה. אויב דער שטייעראַמט זאָל זי געווען געפינען, וואָלט ער געמוזט באַצאָלן, אָדער פאַרלירן אַלץ וואָס ער האָט געברענגט מיט גרויסע שוועריקייטן פון דער הויפּטשטאָט. ער פלעגט דעריבער בעטן די שכנים זיי זאָלן אים דערלויבן צו האַלטן ביי זיי די סחורה. דאָס איז געווים געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. קיינער האָט נישט געהאַט צו פיל אָרט אין דער וווינונג און אַחוץ דעם זענען נישט אַלע געווען אין אָרדענונג מיטן שטייעראַמט. ביי אַ קאָנטראָל האָט דער, וואָס האָט די סחורה אויסבאַהאַלטן, געקענט באַשטראָפט ווערן פאַר האַנדלען מיט סחורה אָן אַ פּאַטענט, דאָס הייסט אָן אַ דערלויבעניש. אַ צוגאָב־צרה האָט נאָך די פאַמיליע געהאַט מיט זייער איינציקן זון. ער פלעגט גנבענען די סחורה און זי פאַרקויפן פאַר גראָשנס. דער זון, אויף וועלכן די עלטערן האָבן געוואָרט ווי אויף משיחן, האָט זיי אין גאַנצן אַנטוישט. לאַנגע יאָרן פלעגט ער ביי נאַכט זיך נעצן, עס האָט אים אויך געראָנען פון דער נאָז, מ׳האָט אים דעריבער געגעבן דעם צונאָמען „ראָצער״. די עלטערן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז די נאָז און דאָס נעצן זיך, היילן. אַנשטאָט דעם פלעגן זיי אים פּלאָגן און פאַרפּאַלגן. פלעגט ער שלאָפן אין פינצטערן קאָרידאָר, פאַר זייער טיר, אויף דעם שטענדיק נאַסן בעטגעוואַנט. די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, אַ סך יאָרן נאָכן פאָטערס טויט, איז וואַדיע (אַזוי האָט ער געהייסן) אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן, און זיך אָפּגים אויסגעהיילט פון זיינע חסרונות. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, איז ער צוריקגעקומען קיין לובלין און פון דאָרט ווייזט אויס אַוועק קיין רוסלאַנד.

זיין עלטסטע שוועסטער, נעכע, האָט איבערגענומען די זאָרגן פאַר פּרנסה נאָכן פאָטערס טויט, וואָס איז געקומען נאָך אַ קורצער קראַנקייט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ בלוטשטורץ פון דער נאָז, און ס'איז אַ רעטעניש צי ער האָט באַקומען אַ בלוטאויסגאָס אין די געהירן, אָדער געליטן גאָר פון טובערקולאָז. מע ווייסט נישט צי די פאַמיליע האָט אויסבאַהאַלטן זיין ריכטיקע קראַנקייט, אָדער די דאָקטוירים האָבן זי נישט געקענט פעסט־שטעלן. נאָך זיין טויט האָבן אַלע געמיינט, אַז די פאַמיליע וועט בלייבן אָן מיטלען צום לעבן. צום גליק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נעכע האָט גאָרנישט שלעכט זיך געגעבן אַן עצה. זי האָט פולשטענדיק איבערגענומען דאָס צו־שטעלן די סחורה צו די פריִערדיקע אָפּנעמערס און האָט געפונען דעם וועג צו די ליפעראַנטן.

די יִנגערע טאָכטער, גליקל, האָט איבערגענומען די גאַנצע ווירטשאַפט. אַלע חושים האָט זי אַריינגעלייגט אין רוימען און פוצן די שטוב. עס האָט טאַקע געבלאַנקט אין יעדער ווינקעלע, אָבער איר פּנים איז געוואָרן גרינער און גרינער. זי האָט נישט געהאַט קיין חברטעס און נישט קיין חברים. די מוטער אירע האָט געפּרוווט מיט דער הילף פון אַ שדכן געפינען פאַר איר אַ חתן, אָבער ס'איז איר נישט געלונגען. די נאַציס האָבן געלייזט די פראַגע. די יִנגסטע טאָכטער איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה נאָך געגאַנגען אין שול, אָדער נאָר וואָס זי געענדיקט. קיין שום אויסזיכטן, צו קריגן אַרבעט האָט זי נישט געהאַט, ווי דאָס רוב יונגוואַרג. לערנען אַ פאַך איז פאַר איר אויך געווען אוממעגלעך, ווייל יעדער מייסטער האָט געפאָדערט אַ גרויסן אָפּצאָל לערנגעלט. דערצו נאָך האָט דאָס אויסלערנען זיך אַ פאַך נאָך נישט גאַראַנטירט קיין אַרבעט אין יענער צייט, ווען די פאַרדינסטן זענען בּסדר געפאַלן און די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואַקסן. פאַר די ייִדן איז די לאַגע געווען גאָר אַ ספּעציפישע, אַ סך שווערערע ווי פאַר אַנדערע. אַ ייִד פלעג נישט אָנגענומען ווערן אויף קאָמונאַלע אַרבעט, אָדער אויף אַ מלוכישן פּאָסטן, שווער איז פאַר אַ ייִדן געווען אָנצוקומען אַפילו אין אַ פאַבריק. די פאַרמעגלעכע ייִדן פלעגן אויך אָפט אָננעמען אַ סך מער גערן פּאָליאַקן (דאַכט זיך, אַז די גאַרבערייען זענען אין דעם זין געווען אַן אויסנאַם. ביי זילבערשטיינען און בריקמאַנען האָבן אַממערסטן געאַרבעט ייִדן). אַז מע זאָל אָננעמען אַ ייִדישן באַאַמטן אין מאַגיסטראַט האָבן לאַנגע יאָרן געקעמפט די ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין איין איינציקן סעקטאָר האָט עס

זיך אין אַ געוויסער צייט איינגעגעבן. צוויי ייִדישע פּאָליציאַנטן האָט פאַר־מאָגט לובלין, איינער פון זיי — שוויענטאָסלאָווסקי — האָט זיך געשמדט כּדי אָנצוקומען אויפן פּאָסטן. דערנאָך האָט ער אָנגעטאָן געברענטע ליידן דער ייִדישער באַפעלקערונג, כּדי צו פאַרדינען צוטרוי ביי זיינע עלטסטע. ער האָט טראָץ דעם קיין מאָל נישט אַוואַנסירט אין ראַנג העכער ווי אַ „פּזשאָדאָווניק". ווען ער איז אַוועק קיין וואַרשע, איז אין לובלין געבליבן נאָר איינער מיטן נאָמען טענענבוים.

אַ גרויסע ווירונג אויף דעם צווייטן שטאָק האָבן פאַרנומען די גרינ־בערגס. זיי זענען געווען אַ גאַר גרויסע פאַמיליע: פיר זין און צוויי טעכטער. מיט דער ייִנגערער האָב איך מיך געלערנט צוזאַמען אין דער שולע און דעריבער בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי און האָב געקענט זען ווי אַזוי זיי לעבן און ראַנגלען זיך פאַר דער עקזיסטענץ. דער פאָטער האָט געהאַנדלט מיט תּבואה, אָבער ווי מען פלעגט זאָגן, האָט ער צום מסחר נישט געטויגט. זיינע פאַרדינסטן זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן שוואַכער. די מעגלעכקייטן אויסצוהאַלטן די משפּחה האָבן זיך איינגעשרומפּן. די אונ־טערוואַקסנדיקע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין אויסזיכטן צו פאַרדינען אויף זייער אויסקום, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם אַז די פאַמיליע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטאַרק ייִחוסדיקער און נישט יעדע אַרבעט האָט זיי געפּאַסט. זיי האָבן זיך געריכט לויטן ווערטל: אַ קניפּ אין דער באַק, אַבי די פאַרב זאָל שטיין. די גרינבערגס האָבן אויך געהאַלטן אַז די קינדער, איבערהויפּט די צוויי מיידלעך, דאַרפן קריגן וועלטלעכע בילדונג, אָבער די עלטערע טאָכטער האָט געמוזט דאָס לערנען איבעררייסן נאָך עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע, און די ייִנגערע האָט די גימנאַזיע געענדיקט מיט שווערער מי, מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג, צוליב דער טובערקולאָז־קראַנקייט. זי האָט געמוזט אַ סך ליגן אין דער היים, רוען, האָבן גוטע פלעגע. די גאַנצע פאַמיליע האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, זי צוריקצושטעלן אויף די פיס.

דער ייִנגסטער זון, אברהמעלע, האָט געענדיקט די גימנאַזיע. ער איז געווען זייער אַ פעיִקער, און האָט גוט געלערנט, אָבער... ס'האָט אים געפּלאָגט אַ גרויסע צרה, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן די מיטשילער זיך מיט אים צו חברן. ער האָט געליטן פון שקראָפולן, ווי אַ גרויסע צאָל פון די דעמאָלטיקע קינדער, צו וואָס ס'איז, אין יענער צייט, קיין היילונג נישט געווען.

לינקס פון די שטיגן אויף דעם שטאָק האָט געוווינט אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. די מוטער איז שטענדיק געלעגן אין בעט. וואָס פאַר אַ קראַנקייט ס'האָט זי געמאַטערט האָבן די שכנים נישט געוווּסט. זי איז יונג געשטאָרבן און דאָס מיידל, בלימעלע, איז געבליבן אַליין. אויסגעהאַלטן האָבן זי וואָר־שיינלעך די קרובים, די פיינס, ווייל אַנדערש וואָלט זי נישט געהאַט קיין שום מיטלען צום לעבן. זי האָט געלערנט אין שפּערס גימנאַזיע, וועגן אירע פעיִקייטן פלעגן אַלע דערציילן ניסים. זי איז געווען אַ ביסל עלטער פון מיר און האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון די יוגנטלעכע איינוווינערס פון הויז. איר איז געלונגען אַוועקצופאָרן ערגעץ־ווו קיין אויסלאַנד און שטודירן. קען זיין, אַז זי האָט ערגעץ איבערגעלעבט אַלע פּורענויות פון אונדזער תקופה.

גלייך אַנטקעגן די שטיגן, אין אַן איינציקן צימער, האָט געוווינט אַ בעקער־אַרבעטער מיט זיין פרוי און טאָכטער. זיי האָבן פאַרלאָזט די וווינונג ווען ער האָט די אַרבעט פאַרלוירן.

אויף לובאַרטאָווסקע 21 האָבן מיר אויך געהאַט „אייגענע" גנבים — אַ פאַמיליע פון פיר פּערזאָן. די עלטערן האָבן אויסגעהאַלטן די פאַמיליע פון גנבות. די פרוי וועלכע מ'האָט גערופן „זלאָטאַ ראַנטשקאַ" (דאָס גאָלדענע הענטל), פלעגט אויך אַריינפאַלן אין תּפיסה, אָבער דאָס האָט מיט איר פּאַסירט זייער זעלטן, דאַקעגן דעם מאַן אירן האָט דאָס „מזל" נישט גע־שמייכלט, ער איז כּמעט שטענדיק „געזעסן".

דאָס פאַרפאָלק האָט געהאַט זייערס אַ מאָראַלישן פּרינציפּ מיט וועלכן זיי פלעגן זיך רימען, אַז קיין מאָל גנבענען זיי נישט ביי שכנים — פאַרקערט — זיי היטן נאָך אָפּ דאָס הויז פון אַנדערע גנבים. זייער צווייטער פּרינציפּ איז געווען: נישט דערלאָזן, זייערע קינדער גיין אין זייערע וועגן. מיט זייער טאָכטער פלעג איך אַ מאָל שמועסן דורכן פענצטער פונעם קאָרידאָר צווישן דריטן און פערטן שטאָק, פון דאָרט האָט מען געזען זייער פענצטער, ווייל די פאַמיליע האָט געוווינט אין דעם לינקן פליגל פון הויז, אויפן פערטן שטאָק.

ווען איך רעד פון לובאַרטאָווסקע 21 מוז איך ספּעציעל דערמאָנען עטלעכע אומגליקלעכע מענטשן — די משוגעים. דער ערשטער פון זיי איז דעמאָלט געווען נאָך אַ גאָר יונגער בחור, פון אַ יאָר 20, אָדער 22. ער האָט געהאַט זייער אַ שיין שוואַרץ־חנעוודיק פּנים. קיין מאָל איז אויף אים נישט

געווען קיין גאַנץ מלבוש, ער פלעג זיך נישט וואַשן. ווו ער האָט געוווינט האָבן מיר נישט געוווּסט. ער פלעגט קומען צו אונדז אין הויז צו אַ פרוי, וועלכע האָט געוווינט מיט איר טאָכטער און זון אויפן פינפטן שטאָק, ווו ס׳זענען געווען די בוידעמס צו הענגען וועש און די קעמערלעך אויף האָלץ און קוילן. צו אָט דער פאַמיליע פלעגט ער קומען, דאָרט פלעגט ער וואַר־שיינלעך באַקומען עפּעס וואָס צו עסן און אַ מאָל אויך צו איבערצושלאָפן. די פרוי פלעגט ער רופן שבעלע. די קינדער האָבן אים גערופן „הולילו אַ שאָס שבעלע אַ קנאַק״. ווען מען פלעגט זיך צו אים ווענדן, פלעגט ער שטענדיק איבערחזרן די ווערטער. ווען די פרוי איז געשטאָרבן, פלעגט ער ווייטער קומען, אָבער די טאָכטער מיטן זון פון דער פאַרשטאָרבענער האָבן שוין ווייזט אויס מיט אים זיך נישט פאַרנומען, זיי האָבן אַליין אויך נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. דעם שאָס וועגן וועלכן ער פלעגט רעדן האָט ער ווי פאַראויסגעזען, אָדער ווי מען פלעגט זאָגן, אַרויסגעזאָגט אין אַ שלעכטער שעה. ער איז געפאַלן פון די ערשטע קרבנות פון די דייטשן. זיי האָבן אים דערשאָסן אַלס שפּיאָן, ווי ציניש דאָס זאָל נישט קלינגען.

אַ שטענדיקער איינגייער אין הויז איז געווען אַן אַלטער מאַן, וועלכן מ׳האָט גערופן משה „בוידעם״. אַ קאַפּאָטע צי אַ פּאַלטן איז געווען זיין שטענדיק מלבוש. ער האָט די קאַפּאָטע־פּאַלטן אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק. דאָרט אין בוזעם האָט ער געהאַט אַ „מאַגאַזין״ פאַר זיין גאַנץ „פאַרמעגן״: שטיקלעך ברויט, וואָס ער פלעגט קריגן פון די איינוווינערס פון הויז. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך קריגן אַ ביסל געקעכטס. שלאָפן פלעגט ער אויף די שטיגן, אָדער גאָר אויפן בוידעם (פון דעם האָט זיך טאָקע זיין צונאָמען גענומען). אַז דער מענטש האָט אַזוי געלעבט יאָרן לאַנג איז זיך שווער פאַרצושטעלן, ער איז אומגעקומען אין געטאָ, צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן פון לובלין.

אַן איינגייערין אין הויז איז אויך געווען די משוגענע חוהלע מיט איר אומנאָרמאַלער טאָכטער ליבאַלע, וועלכע האָט נאָך באַוויזן צו האָבן אַ קינד. אַלע דריי פלעגן קומען בעטלען. טייל מאָל פלעגן זיי פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן פון וואַשן פּאָדלאָגעס. זייער קומען האָבן די קינדער פון הויז אויס־גענוצט צו מאַכן זיך אַ ביסל פריילעך, כאָטש די פרויען זענען גאָרנישט געווען צום לאַכן. זייער לאַגע איז געווען אַ טראַגישע, אָן שום אויסזיכטן אויף אַ פאַרבעסערונג.

צו די קוריאָזן האָט אויך געהערט דער שטומער ברודער פון איטשע קצב. ער איז געווען טויב־שטום. ער פלעגט אַ מאָל קומען צום ברודער, אָבער געוווינט האָט ער ביי זיין שוועסטער מאַלע. ווי לאַנג זי האָט געלעבט, האָט ער ווי נישט איז נאָך געהאַט אַ שטיקל היים. נאָך איר טויט פלעגט ער שוין ליידן הונגער. איטשע קצבס פאַמיליע האָט זיך געשעמט מיט זיין ברודער און זיי האָבן אים נישט גערן געוואָלט זען ביי זיך. זיי האָבן מורא געהאַט אַז דאָס קען שאַטן די טעכטער צו אַ שידוך.

אַחוץ די אויבן דערמאָנטע פלעגן נאָך קומען פאַרשידענע אַנדערע איינ־גייערס, בעטלערס. צווישן זיי זענען געווען פאַרשידענע טיפּן, מיט פאַר־שידענע מנהגים. אַ טייל פלעג קומען אין באַשטימטע טעג אין דער וואָך און אַן אַ וואָרט וואַרטן ביז מען פלעגט זיי עפּעס געבן. אַנדערע פלעגן זיך באַמיִען אַרויסרופן מיטלייד, דערציילנדיק וועגן זייער אומדערטרעג־לעכער לאַגע. ס׳פלעגן אויך זיין בעטלערס, אַגרעסיווע, וועלכע פלעגן קומען יעדן טאָג און פאָדערן אַ נדבה, און ווען מ׳האָט זיי אָפּגעזאָגט, פלעגן זיי שעלטן און שרייען. צו די אַגרעסיווע האָט געהערט אַ טויב־שטומער. ער פלעגט פאָדערן, קלאַפּן מיטן שטעקן אין דער פאָדלאָגע און אַפילו דראָען מיט קלעפּ. ער פלעגט נישט אָפּטרעטן ביז וואַנען ער האָט נישט עפּעס באַקומען.

מיין מוטער האָט געהאַט געוויסע פאַוואָריטן צווישן די בעטלערס. איינעם פלעגט זי שטענדיק געבן אַ פּאָר גראָשן. ער איז געווען אַ ביסל לאָם, געגאַנגען וואַקלענדיק. ער האָט קיין מאָל נישט געבעטן, ער פלעג נאָר שטיין שטיל און וואַרטן. ווען ער האָט אַפילו גאָרנישט געקראָגן, פלעגט ער צווינטשן אַלדאָס גוטס און זאָגן „אַ גוטן טאָג״.

די אָרעמע־לייט האָבן נישט גערן גענומען שטיקלעך ברויט, אָדער רעשטלעך פון געקעכטס, ווייל ברויט האָבן זיי נישט געקענט לאַנג האַלטן, ס׳פלעגט אויסטריקענען אָדער פאַרשימלט ווערן. עסן אויף עטלעכע ערטער האָבן זיי אויך נישט געקענט. אַזעלכע אָרעמע־לייט, וועלכע האָבן אָפּגעזאָגט צו נעמען ברויט אָדער געקעכטס, האָבן די בעל־הביתטעס נישט ליב געהאַט. זיי פלעגן אַזוי אַרום פאַרלירן אַלע שאַנסן עפּעס וואָס צו באַקומען.

צו די שטענדיקע איינוווינערס האָבן אויך געהערט פאַרשידענע היימ־לאָזע קעץ וועלכע פלעגן גאַנצע נעכט מיאַוקען און יאָמערן, באַזונדערס אין חודש מערץ, ווען זיי פּאָרן זיך.

לובאַרטאָווסקע 19 מיט אירע שיינהייטן

פון די דריי הייזער (נומער 19, 21, 23) איז לובאַרטאָווסקע 19 געווען דאָס הויז וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן צום פישטאָרג. צו אַלע די הייזער האָט מען געקענט אַריינגיין פון דער לובאַרטאָווסקע און טאַרגאָווע. ווען דער טויער צו אונדז אויף דער טאַרגאָווע איז געווען פאַרמאַכט, פלעגן מיר, כדי צו פאַרקירצן דעם וועג, גיין דורך זייערע טויערן און אַזוי אַרום אַרויסקומען אויף דער לובאַרטאָווסקע און גלייך אַריינגיין צו אונדז אין הויז אַריין. גאָר וויכטיק איז דאָס געווען פאַר מיין מוטער, ווען זי האָט געהאַט איינגעקויפט אַ גרעסערע צאָל פּראָדוקטן אויפן מאַרק און טראָגן די שווערע לאַסט איז געווען איבער אירע כּוחות. ווער שמועסט נאָך אַז נאָך דעם וועג האָט זי נאָך געדאַרפט בייקומען עטלעכע און ניינציק שטיגן ביז צום פערטן שטאָק. מיר, קינדער, האָבן דאָס צו שפּעט פאַרשטאַנען, ווייל נישט אָפט האָבן מיר געוואָלט איר העלפן.

מיט די שכנותדיקע הייזער פלעגן מיר אויך קומען אין קאָנטאַקט ווען די פריער באַשריבענע „טואַלעטן" זענען שוין געווען אַזוי איבערגעפולט, אַז מיר האָבן בשום אופן נישט געקענט צו זיי צוקומען.

די דריטע געלעגנהייט פלעגט זיין ווען דאָס וואַסער איז געווען פאַר־מאַכט צוליב אַ געפּלאַצטער רער, אָדער ווען דער בעל־הבית האָט נישט באַצאָלט דער וואַסער־לייטונג. צוגיין צו די איינוווינערס פון לובאַרטאָווסקע 19 אָדער 23 נאָך וואַסער איז געווען באַקוועמער, ווייל צום פּלומפּ איז געווען וויטער און מען האָט דאָרט געמוזט שטיין אין אַ טשערעד און באַצאָלן געלט.

נאָכן טויט פון מיין פעטערס ערשטער פרוי האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דער פאַמיליע פון זיין צווייטער פרוי, וועלכע האָט געוווינט אויף לובאַר־טאָווסקע 19. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון עטלעכע טעכטער און אַ זון. דער פאָטער פּסח האָט זיך ליב געהאַט צו וויצלען און פלעגט זיך גערן מיט מיר שפּילן, ער האָט מיר אַ נאָמען געגעבן „קאַזעלע", ווייל איך האָב, לויט זיין מיינונג, ליב געהאַט צו שפּרינגען. אין יענער צייט האָט די פאַמיליע גאַנץ גוט זיך אַן עצה געגעבן מיט פּרנסה. פּסח גרינשפּאַן האָט געהאַט אַ געוועלבל מיט פאַרשידן אייזנוואַרג אויף נאָוואַריבנע. דאָס געוועלבל איז פאַקטיש באַשטאַנען פון אַ פּראַמוגע אין אַ וואַנט, נישט ווייט פונעם אַריינ־

גאַנג פון לובאַרטאָווסקע אין דעם געסל. מיך האָט דעמאָלט געוווּנדערט, וואָס ביים מאָלצייט, אין אָוונט, פלעגן זיי עסן מענגעס ברויט. געשניטן דאָס ברויט האָט פסח אַליין. די רעפּטלעך זענען געווען „אָרום און אָרום" דעם גאַנצן לעבל. אַזעלכע פּלאַכטעס פלעגט יעדער באַקומען פון דריי ביז פיר שטיק. ביי זיי האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען שניידן און עסן אַזעלכע גרויסע פּיידעס. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי עסט מען ווען ברויט איז די איינציקע שפּייז. מיט די ברויטן האָבן זיי געמוזט שטילן דעם הונגער. צו געבן עסן איז געווען ווערמען. אַלע זענען געווען יונגע מענטשן, אין די יאָרן ווען מען עסט מערער, ווייל מען אַנטוויקלט זיך פיזיש און מען וואַקסט אין דער לענג. ספּעציעל האָט זיך ביים עסן אויסגעצייכנט זייער זון, געוואַקסן איז ער טאַקע זייער לאַנג, דאַר און אויסגעצויגן. איין שוועסטער, די עלטסטע, האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אייגענע פאַמיליע און געוווינט אין וואַרשע. איר האָט זיך גאַנץ גוט געלעבט. זי האָט געהאַט אַ שיינע וווינונג אויף דער כלאָדנע, מיט אַ טעלעפאָן — אַ זעלטנהייט אין יענער צייט. די פאַמיליע האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, זייער אַ שיין מיידל. אַלע שוועסטער און דער ברודער האָבן זיך געיִחוסט מיט דער שוועסטער אין וואַרשע. דער גרעסטער יום־טוב איז ביי זיי געווען ווען זי מיט דער טאָכטער זענען געקומען צו גאַסט, אָדער עמעצער פון די גרינשפּאַנס איז צו איר געפאָרן. אַלע האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם יונגן און שיינעם מיידל. זיי האָבן געהאָפט, אַז זי וועט חתונה האָבן מינדעסטנס מיט אַ „פּרינץ", וועלכער וועט קומען צו איר אויף אַ ווייס פערד, אַ פאַרליבטער איבער די אויערן. אָבער קיין גליקן האָט די משפּחה פון דעם מיידל נישט דערלעבט. אַנשטאָט דעם פּרינץ פלעגט לאַנגע יאָרן קומען צו איר אַ געוויינלעכער בחור, אָבער ער האָט נישט גערעדט וועגן חתונה האָבן. מסתּם האָט ער נישט געהאַט קיין אויסזיכטן צו פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע. ער האָט גערעכנט אויף הילף פון אירע עלטערן, אָבער ביי זיי האָט אויך אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ.

איינע פון די טעכטער מיטן נאָמען איטע איז אַוועק ערגעץ קיין אַמע־ריקע. אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך געמאַטערט, אָבער צום סוף האָט איר אָנגעהויבן צו גיין בעסער און זי האָט צו זיך אַרויסגעפאָדערט נאָך איין שוועסטער מיט איר פאַמיליע און דערנאָך דעם ברודער. מעגלעך, אַז עמעץ

פון זיי לעבט נאָך ביז היינט. מיט זייער אָװעקפּאָרן האָבן זיי אויסגעמיטן דעם גורל פון די ייִדן אין פּוילן אין דער לעצטער מלחמה. װען די צװייטע װעלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט שוין פּסח גרינשפּאַן נישט געלעבט. ער איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר פריִער. די ערשטע באָמבעס װעלכע זענען געפאַלן אויף לובלין האָבן צעשטערט דאָס הויז אין װעלכן די פאַמיליע האָט זיך איבערגעצויגן פון דער לובאַרטאָװסקע 19. זייער „נייע" װוינונג האָט זיך געפונען אויף דער יעזויִצקע, װוּ ס'האָט צו יענער צייט געוווינט מיין פאָטערס ברודער, ברוך, מיט זיין פרוי און צוויי טעכטערלעך. זיי זענען אַלע געווען די ערשטע אין לובלין װעלכע זענען געבליבן אָן אַ דאָך איבערן קאָפּ און אָן דעם ביסל אָרעמקייט װאָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און דערנאָך פאַרלוירן אויך דאָס לעבן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ייִדן װאָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן װייטער פונעם אומגליק.

אין די יאָרן פון דער ערשטער װעלט־מלחמה, װען מיר פלעגן באַזוכן די גרינשפּאַנס, פלעגט מען שמועסן װעגן אַלץ און אַלעם, און הויפּטזעכלעך װעגן דער מלחמה. איך פלעג מיך לייגן אויף מיין מוטערס קניִען און צוהערן זיך צו די שמועסן. אָפט מאָל פלעג איך הערן, אַז די װעלט װעט אין קורצן אונטערגיין, אַז זי מוז זיך איבערקערן. דאָס לעצטע האָט מיך זייער געשראָקן און כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן װי אַזוי איך װאָלט געקענט אָפּראַטעווען מיך און מיין פאַמיליע. און איך האָב געפונען אַ לייזונג: איך האָב באַשטימט, אַז װי נאָר איך װעל זיך דערוויסן אַז די װעלט האַלט זיך ביים איבערקערן, װעל איך אַלע ראַטן צו שטעלן זיך אויפן קאָפּ. װעט די װעלט זיך איבערקערן, װעלן דאָך אַלע זיך געפינען אין דער נאָרמאַלער פּאָזיציע מיטן קאָפּ אַרויף. די עצה האָב איך געטראַכט צו געבן יעדערן װער נאָר עס װעט מיך װעלן פאָלגן.

לובאַרטאָװסקע 19 האָט זיך נאָך איינגעקריצט אין מיין זכרון מיט זיינע דריי שאָנהייטן: כעלע פוקסמאַן, אַ בלאָנד, בלויאויגיק מיידל, װעלכע האָט זיך געלערנט, אויב איך געדענק געווי, אין דער ראַדזיקאָװסקעס גימ־נאַזיע, װאָס האָט נישט געהאַט דעם בעסטן שם װי אַ לערנאַנשטאַלט. די עלטערן פלעגן שיקן אַהין זייערע מיידלעך, װעלכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין פעיִקייטן און קיין װילן צום לערנען. כעלע פוקסמאַן האָט געהערט צו דעם טיפּ. מעגלעך, אַז איר שיינקייט, װאָס אַלע האָבן באַװוּנדערט, האָט אויף איר אַזוי געווירקט. זייער פרי האָט זי אָנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס

פּאָר מענער־געזעלשאַפט. זי איז איינע פון די ערשטע, וועלכע האָט געבראָכן די דיסציפּלין און געגאַנגען אויף אַ פילם אין די פּאָר דער שוליוגנט פּאָר־באַטענע אָונט־שעהען. בעת איינעם אַזאַ באַזוך האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ לערערין. אַ סקאַנדאַל איז געווען אומפאַרמיידלעך. ס׳האָט איר געדראָט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון דער שול. אירע עלטערן האָבן געפּועלט זי זאָל בלייבן, צוזאָגנדיק, אַז זי וועט מער די פאַרשריפטן נישט איבערטרעטן. כּעלע האָט נאָך אין דער שולצייט געפונען, ווי מ׳האָט דעמאָלט געזאָגט, אַ „סימפּאַטיע", אַ ייִנגל מיט וועלכן זי פלעג „גיין" אַ לאַנגע צייט. ער איז אויך געווען זייער אַ שיינער, ברייטפּלייציקער, הויכ־געוואַקסענער בחור, מיטן נאָמען שוועד. זיינע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע; זיי האָבן געהאַנדלט מיט הענטשקעס, געהאַט אַ געוועלב אויף פּייאַרסקע אָדער קרו־לעווסקע. דאָס פּאָרל איז געווען ווי געבאָרן איינס פאַרן אַנדערן. זיי זענען אַזוי „געגאַנגען" עטלעכע יאָר. ער פלעגט טאָג טעגלעך קומען צו איר אַהיים און צוזאַמען פלעגן זיי גיין שפּאַצירן. מ׳האָט גערעכנט זיי פאַר אַ ריכטיקע פּאָר, וועלכעס וועט נאָך איר ענדיקן די שול חתונה האָבן, אָבער פּלוצעם האָבן זיי איבערגעריסן. די סיבה? מ׳האָט זיך געקענט נאָר אָנשטויסן, אַז דאָס איז געווען צוליב זיין אייפערזוכט, פאַר איר שטענדיקן „וואַרפן אויגן" אויף אַנדערע ייִנגלעך. האָט ער געמאַכט דעם אויספיר... ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אויסערלעך גאָר נישט צוציִענדיק מיידל. ער האָט געהאַט געענוג מיט דער שאָנהייט מיט וועלכער ער איז קיין מאָל נישט געווען זיכער. אָבער אויך די צווייטע, מיט וועלכער ער האָט געטראַכט צו זיין זיכערער, האָט אים אַנטוישט מיט אירע באַמיִונגען נושׂא חן צו זיין ביי יונגע־לייט. בלומע פּערעלמוטער, אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן, איז מיטן קאָפּ אַריין אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און איז אַריינגעפאַלן אין תּפיסה. דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער איז מסתּם אומגעקומען, זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָמוניסט, וועלכער האָט פאַרנומען אַ גאָר גרויסן פּאָסטן אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן. געטראָפן האָבן זיי זיך אין דער אַרמיי. זיי לעבן ביז היינט אין וואַרשע, ביידע אַרויסגעפירט פּריצייטיק אויף אַ פּאַרטיי־ אָדער מיליטער־פּענסיע.

דאָס צווייטע שיינע מיידל מיטן נאָמען קליינער איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט בעקעלעך „בלוט און מילך". זי האָט אָבער נישט אויסגענוצט אירע מעגלעכקייטן, ווי כּעלע פוקסמאַן. זי איז געווען אַ זייער באַשיידן

מיידל, קיין מאָל נישט „פּאַרריסן די נאָז״, ווי די פריִער דערמאָנטע „שאַנ־הייט״, וועלכע האָט, אַגב, געהאַט אַ ברודער, אויך אַ גאָר שיינער בחור.

די דריטע האָט געהייסן טרוס. זי האָט אויפן האַריזאָנט זיך באַוויזן אַ ביסל שפּעטער. זי איז געווען מיט עטלעכע יאָר ייִנגער פון יענע צוויי און האָט פּלוצעם אַ שפּראָץ געטאָן ווי אַ פּרעכטיקע בלום. פריִער איז זי געווען אַ געוויינלעך מיידל, אָן קיין שום צייכן פון איר שפּעטערדיקער שיינקייט. זי איז געווען אויסערגעוויינלעך גראַציעז. מיט איר געשטאַלט האָט זי זיך געקענט פאַרמעסטן מיט די מאָדעלקעס פון דעם בעסטן מאָדע־סאַלאָן. איר שוועסטער איז געווען איר קעגנזאַץ — גאָר נישט קיין שיין מיידל. אַ קאַפּריז פון דער נאַטור — איין שוועסטער — אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט, די צווייטע, מילד געזאָגט, ווייט פון אַזאַ מעלה.

לובאַרטאָווסקע 23

פון לובאַרטאָווסקע 23 האָב איך שוין געקענט אַ סך ווינציקער מענטשן. וואַרהאַפטיק, דער בעל־הבית פונעם הויז, איז געווען אַן אַסימילירטער ייִד. זיין פרוי איז נאָך אין יענע יאָרן געווען גאַנץ יונג, שטענדיק עלעגאַנט געקליידט און מיט אויף בלאָנד געפאַרבטע האָר. דאָס איז איז יענער צייט געווען אַ זעלטענע דערשיינונג צווישן ייִדישע פרויען. זייערע צוויי טעכטער זענען געווען בלאָנדע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך מיט גאָרנישט באַזונדערס אויסגעצייכנט. זיי האָבן זיך געלערנט אין גימנאַזיע און שפּעטער אַרויס־געפאָרן, מיין איך, קיין פראַנקרייך שטודירן. ידיעות זענען צו מיר דער־גאַנגען, אַז דאָרט האָבן זיי איבערגעלעבט די מלחמה.

אין זעלבן הויז האָט געוווינט די פאַמיליע שפּילפויגל. דעם פאָטער האָב איך געקענט פון דער צייט, ווען ער איז געווען דיריגענט פונעם אָר־קעסטער אין ייִדישן טעאַטער, ווו אויך מיין זיידע האָט געשפּילט אויף אַ טראָמפּייט, און אין די שפּעטערע יאָרן, אויף אַן אַלטוואָקע, ווי מ׳פלעגט דעמאָלט רופן דעם אינסטרומענט. שפּילפויגל איז געווען באַקאַנט אין לובלין ווי אַ גוטער מוזיקער. זיין ברודער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט אים. ער האָט געשפּילט דעם צווייטן פידל, דעם ערשטן האָט געשפּילט שפּילפויגל אַליין.

פון די שפּילפויגלס צווײ זין, האָט דער עלטערער שטודירט אויפן וואַר־שעווער אוניווערסיטעט. ער האָט דאָס שטודירן געמוזט איבעררייסן, ווען ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויף בײדע פיס. לאַנגע יאָרן דערנאָך, פלעגט ער נישט פאַרלאָזן די שטוב. אַ מאָל האָט מען אים געזען זיצן אויפן באַלקאָן אין אַ פּאָטעל, ווען דאָס וועטער האָט דאָס דערלויבט. די איבעריקע צייט איז ער געזעסן אין דער היים, אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זײַנע קאָנטאַקטן האָבן זיך באַגרענעצט צו זײַן פאָטער און ברודער. דער פאָטער האָט אַלע זײַנע כּוחות און געלטער אָנגעווענדט אים צו היילן, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער מיט דער הילף פון אַ שטעקן אין זײַנע ציטערדיקע הענט, אָנגעהויבן צו ביסלעך צו גיין, אָבער פולקאָם האָט די מאַכט אין זײַנע פיס זיך קיין מאָל נישט אומ־געקערט. די סיבה פון זײַן קראַנקייט האָט מען נישט געוווסט. בײזע צונגען פלעגן שמועסן, אַז דאָס איז אים געקומען פון אַ ווענערישער קראַנקייט, צו וועלכער קיין היילמיטלען זענען דעמאָלט נישט געווען.

דער צווייטער ברודער האָט געשפּילט צוזאַמען מיטן פאָטער. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אַלס מוזיקער. ווען די אויסזיכטן צו שפּילן אין אָרקעסטער זענען געוואָרן אַלץ שוואַכער, צוליב דער ספּעציפישער סיטו־אַציע פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט נישט באַקומען קיין סובסידיעס פון דער רעגירונג, אָדער פון דער קאָמונאַלער פאַרוואַלטונג, האָבן די צווײ שפּילפויגלס געמוזט שפּילן אויף חתונות און בעלער. קיין רעגולערע פאַר־דינסטן האָבן זיי דעריבער נישט געהאַט, נישט יעדער האָט זיך געקענט דערלויבן צו אַנגאַזשירן אַן אָרקעסטער, און באַזונדערס די שפּילפויגלס, וועלכע האָבן געמאָנט טייער. ווען זיי זענען שוין געווען גרייט צו נעמען אַ קלענערע באַלוינונג, האָבן מענטשן צו זיי זיך נישט געווענדט, וויסנדיק אַז זיי היסן זיך טייער באַצאָלן.

בײַ די וואַרהאַפּטיקס האָט נאָך געוווינט יידל גאָלדמאַן, אַ דרוקער פון פאַך. וועגן אים אָדער זײַן פאָטער האָט מײַן פעטער שלמה דערציילט, אַז ער האָט זיך בײַ זיי געלערנט דאָס דרוקערפאַך.

פון דער צייט פון זײַן אַרבעט בײַ די גאָלדמאַנס (אָדער שפּיראָס) פלעגט מײַן פעטער דערציילן פאָלגנדיקן עפּיזאָד. דאָס איז געווען אין 1905. אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע, וועמעס איינפלוסן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין פוילן און דערגרייכט אויך קיין לובלין. איין מאָל,

אין אַן אָוונט זענען אַריינגעקומען עטלעכע יונגעלייט מיט רעוואָלווערן און געצוואונגען די אָנוועזנדיקע דרוקערס אויסצופּאַרטיקן פלוגבלעטלעך פאַר זייער פּאַרטיי. די יונגע־לייט זענען געווען מיטגלידערס פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ווילנדיק נישט ווילנדיק, האָבן די דרוקערס די אַרבעט געמוזט אויספירן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין פעטער, פון וועלכן מ׳האָט נאָך דעם אָפּגעלאַכט אַז ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר די טעראָריסטן. אייגנטלעך איז פון דעם אינצידענט גאָרנישט געווען צו לאַכן, ווייל די יונגע־לייט זענען געווען גרייט צו באַנוצן דאָס געווער, און פון דער אַנדערער זייט, האָט פאַר אויספירן אַזאַ אַרבעט, אַפילו אונטערן דרוק פון געווער, געדראָט מיט לאַנגע יאָרן תּפיסה, אָדער פאַרשיקונג קיין סיביר. די צאַרישע מאַכט האָט זיך נישט געצאַצקעט, דערצו נאָך ווען זי האָט געהאַט צו טאָן מיט ייִדן אויף דער פאַרנומענער, פּוילישער טעריטאָריע.

דער עלטסטער זון פון ייִדל גאָלדמאַן (איך בין נישט זיכער צי ייִדל איז געווען דער ריכטיקער נאָמען זיינער) האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם, אַז ווי אַ קאָמוניסט האָט ער אויסגעגעבן עטלעכע זיינע חברים דער פּאָליציי. מ׳האָט אים צווישן די קאָמוניסטן באַצייכנט ווי אַ פאַררעטער, און אים באָיקאָטירט. אויך די בירגערלעכע ייִדן האָבן אים פאַראַכט, אַרויס־גייענדיק פון שטאַנדפּונקט פון ייִדישן מוסר. זיינע ברידער, פון וועלכע דער ייִנגסטער האָט אויך געהערט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָבן זייער שטאַרק געליטן פון זייער ברודערס האַנדלונג. דער מיטלסטער, וועל־כער איז פיזיש געווען זייער שוואַך, און האָט צוליב דעם געהאַט אַ שווערן קאָמפּלעקס, כּמעט קיין מאָל נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט צווישן חברים.

שיפערס הויז

אַנטקעגן „אונדזער" הויז איז געווען אַ צוויי שטאָקיקע געביידע, וועלכע האָט געהערט צו די שיפערס. פון דעם הויז געדענק איך די צוויי אומעטיקע טעכטער זייערע, וועלכע פלעגן שעהענווייז זיצן אויפן באַלקאָן. ווען זיי זענען געווען ייִנגער, פלעגן זיי נאָך האָבן באַקאַנטע, וואָס פלעגן זיי באַזוכן און פאַרברענגען מיט זיי די צייט. עלטער ווערנדיק, זענען זיי געבליבן אין גאַנצן איינזאַם. און אויב פריִער פלעגן זיי זיך שטענדיק פּוצן, זיין עלעגאַנט געקליידט און שיין געקעמט, האָבן זיי שפּעטער דאָס אויך פאַרנאַכלעסיקט און פלעגן זיצן אין די שלאָפראָקן.

אין שיפּערס הויז איז געווען אַן עסיק־פאַבריק, ווו מיין מוטער פלעגט מיך שיקן קויפן אַ פלעשל עסיק. איך פלעג אַהין גיין נישט גערן. דער אייגנ־טימער (צי זיין אַנגעשטעלטער) האָט נישט געהערט צו די העפלעכסטע מענטשן, באַזונדערס פלעגט מיך אָפּשרעקן דאָס פינצטערניש און די פייכט־קייט אין דעם פאַבריקל. איין זאַך איז מיר דאָרט געפעלן — די גרויסע פעסער מיט די קראַנען. די סיבה צוליב וועלכער מיין מוטער פלעגט מיך שיקן אַהין איז געווען אַן איינפאַכע. דאָרט איז דער עסיק געווען ביליקער.

לובאַרטאָווסקע 22 פלעג איך נאָך באַזוכן צוליבן באַרג ליים, וועלכער האָט זיך געפונען ווייט אין הויף, אָפּגעטיילט פונעם צווייטן טייל הויף מיט דער עסיק־פאַבריק. איך פלעג קומען אַהין נעמען אַ ביסל ליים כּדי צו טינקעווען די קיך. דער בעל־הבית האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל נעמען פון דאָרט ליים, האָט דער סטרוזש זיינער קיינעם נישט צוגעלאָזט צום באַרג. דער וועכטער, וואָס האָט געוווינט אין מיטן הויף, צווישן די צוויי טיילן, האָט טאַקע שטרענג אויסגעפירט די באַפעלן פון זיין ברויטגעבער. ס׳האָט געהערט צו די גרויסע קונצן אַדורכצוקריגן זיך אומבאַמערקטערהייט פאַרביי דעם סטרוזשס וווינונג. מ׳האָט געמוזט געפינען אַ מאָמענט, ווען ער איז גראָד נישט געווען אין דער היים. דאָס האָט זיך אָבער געטראָפן זייער זעלטן. אויסער דעם, האָט נאָך ביים היטן דעם באַרג אים צוגעהאָלפן זיין פאַמיליע. ווען ס׳האָט שוין אַ מאָל אָפּגעגליקט צוצוגיין צום באַרג, האָט נאָך שפּעטער געוואַרט דער וועג צוריק. און ס׳איז שוין כּמעט נישט געווען מעגלעך מען זאָל אַדורך בשלום און נישט כאַפּן קלעפּ, וואָס דער וועכטער האָט נישט געשפּאָרט.

ביי די שיפּערס אין הויז האָט זיך אויך געפונען אַ בית־מדרש, ווו ייִדן פלעגן דאַווענען. דאָרט פלעגט זיך אַ מאָל אַריינכאַפּן חיים־יאַנקל שפּיעוואַק, אַ בונדיסט, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פריידענקער. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַז ער טוט עס צוליב צוויי סיבות: צו טרעפן גוטע פריינד, און צוליב פּרנסה. דאָרט פלעגט ער טרעפן זיינע פּאָטענציעלע קונדן אַלס בורר.

פאַר מיר האָט דאָס בית־מדרש געשפּילט אַ ספּעציעלע ראָל ראש־השנה און יום־כּיפּור. ווען די ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן פון דאָרט באַווייזן מיט סאַמעטענע זעקעלעך מיט די טליתים אונטערן אָרעם, האָב איך געוווּסט, אַז אויך מיינע עלטערן וועלן באַלד קומען פונעם דאַווענען, ס׳וועט זיך ענדיקן

די צייט ווען מיר זענען געבליבן אַליין און מיר וועלן באַקומען די יום־טובדיקע מאַכלים, איבערהויפּט אַ ביסל ווייַנטרויבן, פּאָמעראַנצן, אָדער אַרבוז. אויף יום טוב פלעגט מיין פאָטער קויפן אַ ביסל פרוכטן, וואָס מ'האָט נישט תמיד זיך דערלויבט. מיר, קינדער, פלעגן זיך פרייען ווען די ייִדן פון בית־מדרש פלעגן זיך באַווייזן יום־כיפור נאָך כל־נדרי און אויף מאָרגן, נאָך נעילה. אין דער צייט האָט זיך אין דער לופט געפילט אַן אימה. מיר האָבן געוואַרט און אָנגענומען בוכשטעבלעך די אונטערשריפט פון גאָט אויף אונדזער גורל און אויפן גורל פון אונדזערע אייגענע אין נאָענטסטן יאָר. נאָך נעילה האָבן מיר געוווּסט, אַז די שווערע שטימונג איז שוין אַריבער און אַז ס'דערוואַרט אונדז עפּעס בעסערס: אַ שטיקל געפילטע פיש, אַ ביסל יום־טובדיקע קרעפּלעך מיט פלייש און די גוטע הינערנע יויך און איבער־הויפּט די דערמאָנטע פרוכטן.

דאָס געוועלב מיט די קוואַס־ און געפּרוירענע עפּעלעך. די „טשאַפּעס"

לובאַרטאָווסקע 20 איז געווען דאָס אָרט, ווו מיר קינדער פלעגן קויפן דאָס בעסטע נאַשוואַרג: קוואַס־עפּעלעך, זומער און ווינטער געפרוירענע עפּל. דאָס געוועלב האָט געהערט צו אַהרון „טשאַפּ" (טשאַפּ איז געווען דעם אייגנטימערס צונאָמען). אַזעלכע עפּל האָב איך שוין שפּעטער קיין מאָל נישט געגעסן, איך האָב זיי נישט געפונען אין קיין שום לאַנד און אויך נישט נאָך דער מלחמה, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פוילן. זיי זענען פאַר־שווונדן צוזאַמען מיט די ייִדן און זייערע ספּעציעלע געבעקסן און מאַכלים, ווי צום ביישפּיל, די געקאָכטע בייגל און די הייסע באָבעלעך און אַרבעס. פון פאַרקויפן די דערמאָנטע פּראָדוקטן האָט זיך אַ גרויסע צאָל פון דער ייִדישער אָרעמקייט פּשוט געראַטעוועט פון הונגער. מיטן פאַרקויפן פלעגן זיך פאַרנעמען אַממערסטן פרויען. די גאַנצע „קראַם" מיט די בייגל פלעגן זיי טראָגן אין אַ קיישל, די אַרבעס אין אַן אייזערנעם טאָפּ אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, די „סחורה" זאָל הייס בלייבן וואָס לענגער. דאָס געשריי „הייסע אַרבעס", „הייסע באָבעלעך", „הייסע בייגל" האָט מען געהערט אַ גאַנצע נאַכט. דער „האַנדל" מיט די אַרבעס האָט אַממערסטן געבליט אין דער ייִדנגאַס, אָדער גאָר אויפן בריקל אויפן וועג צום שלאָסבאַרג. נאָך די פרויען פלעגט זיך יאָגן די פּאָליציי און אָפּט מאָל צונעמען זייער ביסל

סחורה, אָדער פּשוט צעטרעטן זי אין מיטן גאַס. גאַנץ אָפט, נאָך אַזאַ „באַזוך" פון דער פּאָליציי, האָט מען געקענט הערן די פאַרצווייפלטע געשרייען פון די רויִנירטע „סוחרטעס", וועלכע האָבן געשאָלטן מיט אַלע געפּליגלטע קללות ווי די יידענעס אין שלום עליכמס קאַסרילעווקער דערציילונג „קאָנקורענטן".

אַהרון „טשאַפּ" האָט זיין עפּל־געוועלבל געהאַלטן לאַנגע יאָרן און ווי נישט איז אויסגעהאַלטן זיין משפחה. ס'האָט אים אויך „אָפּגעגליקט" מיט אַ טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן מאַן מיטן נאָמען אַקסנהענדלער. מסתם איז דער האַנדל געווען אַ לאַנגע טראַדיציע אין זיין פאַמיליע, אויב לויט אים האָבן זיי באַקומען דעם נאָמען. ער האָט זיך טאַקע פאַרנומען מיטן בהמות־האַנדל. זיין פרוי, רייזל „טשאַפּ", איז געווען מיין מוטערס אַ חברטע פון קינדערוויז אָן. זייערע בײדנס עלטערן האָבן דעמאָלט געוווינט אויפן „טשוטיק" (איצט טשוואַרטעק, אָדער שווענטעגאָ מיקאָלאַיאַ). די באַקאַנטע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס מיידל האָט געטראָפן אַ גליק. ס'איז מיר שווער צו זאָגן צי זי האָט אויך אַזוי געטראַכט. מ'האָט זי געהאַלטן פאַר זייער אַ שיין און גראַטן מיידל, ער — פאַרקערט. אַ זייער דיקער מאַן, אַ נישט רירעוודיקער. דערצו — עלטער פון איר. אַזאַ „שמאַלצגרוב" האָט זי קיין מאָל זיך נישט געקענט פאַרשטעלן. פון „טשוטיק", ווו זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן אין אַן איינגעפאַלן הייזל, האָט זי זיך אַריבערגעצויגן אויף פּיאַרסקע גאַס אין אַ פּרעכטיקע וווינונג, איינגעאָרדנט מיט דעם מאָדערנסטן און טייערסטן מעבל. אויף דער פּאָדלאָגע איז ביי איר געשטאַנען אַ גרויסער זייגער פון אַזאַ פאָרמאַט וואָס איך האָב נאָך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען. דער זייגער איז פאַר מיר אין יענער צייט געווען דער העכסטער אויסדרוק פון וווילשטאַנד. זיי האָבן פאַרנומען אַ סך צימערן. ווען איך פלעג טראַכטן וועגן פאַרבעסערן די וווינונגס־באַדינגונגען פון אונדזער משפחה, זענען מיינע העכסטע אַמביציעס געווען 3 צימערן מיט אַ קיך.

מיין מוטערס פאַרבינדונג מיט איר חברטע האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען זי פלעגט זי אַ מאָל, מיט גרויסע אינטערוואַלן באַזוכן, פלעגט זי מיך מיטנעמען. איך פלעג מיך שפּילן מיט רייזלס צוויי קינדער, וועלכע זענען געווען אין מיין עלטער. וואָרשיינלעך לעבט נאָך איר זון אין פראַנקרייך. יעדנפאַלס, נאָך דער מלחמה זענען צו מיר אַזעלכע ידיעות דערגאַנגען. ביידע חברטעס, מיין מוטער און רייזל, פלעגן ראש־השנה

און יום־כיפור האָבן „שטעט" בשכנות. זיי פלעגן דינגען ערטער צום דאַווע־נען ביי אלי פון דער סאַלע, אויף ריבנע. דאָרט פלעגן זיי די טעג פאַרברענגען צוזאַמען, און מיר, קינדער, פלעגן זיי דאָרט באַזוכן.

לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן איז איר וווינונג געווען איינגעאָרדנט מיט געשמאַק. מיט געשמאַק פלעגט זי זיך אויך קליידן. ווען מען פלעגט זי פרעגן פון וואַנען איז צו איר געקומען דאָס געפיל אַלץ אַזוי גוט איינ־צואָרדענען, פלעגט זי ענטפערן, אַז פאַר געלט קען מען אויך געפינען גוטע ראַטגעבערס.

די „פּאָוושעכנע"

„שוסטאַקס" הויז אויף לובאַרטאָווסקע 18 האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט. דאָרט האָבן זיך געפונען צוויי פון די פיר „יידישע" שולן, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך דעם ווי פוילן האָט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוריקבאַקומען איר זעלבסשטענדיקייט. אין דער פרי האָט דאָרט געאַרבעט די שול, וועלכע מ'האָט גערופן אויפן נאָמען פון דער לייטערין — „די שטאַטמאַנאָוועס". נאָך מיטאָג האָבן די לאָקאַלן פאַרנומען דער באַראָווסקעס שילערס. צווישן זיי בין איך אויך געווען עטלעכע יאָר, אָנהייבנדיק פון 1921.

מיינע עלטערן האָבן מיך פריִער איינגעשריבן אין דער מאַנדעלקערנס שול אויף לובאַרטאָווסקע 24. איך קען נישט דערקלערן פאַר וואָס, אָבער מ'האָט זי גערעכנט פאַר אַן עליטע־שול. מיר האָט אָבער נישט אָפּגעגליקט אויפגענומען צו ווערן. שוין דעם ערשטן טאָג, ווען אַ לערערין האָט אַדורכ־געפירט אַ געוויסן קאָנטראָל איבער די קינדער, האָט זי מיך נישט באַ־שטעטיקט. דער תּירוץ איז געווען אַז איך בין נאָך צו יונג. איך בין אַלט געווען 6 יאָר. ווען איך וואָלט אָבער דעמאָלט נישט געהאַט קיין קאַטאַר, וואָלט מען מיך וואַרשיינלעך יאָ אָנגענומען. אָבער אַזוי ווי מיין נאָז איז נישט געווען אין בעסטער אָרדענונג האָט די לערערין מיך אַהיימגעשיקט און געזאָגט איך זאָל קומען אין אַ יאָר אַרום. אין אַ יאָר אַרום בין איך מיט מזל אָנגענומען געוואָרן ביי דער באַראָווסקען, לובאַרטאָווסקע 18, און נישט

ביי דער מאַנדעלקערן. די עלטערן און איך אַליין האָבן שוין נישט געוואָלט פּרוּוון מיין גליק אין דער „עליטע"־שול. די דאָזיקע דריי שולן האָבן צווישן זיך קאָנקורירט אין פּרעסטיזש. וואַרשיינלעך האָבן דעם פּרעסטיזש־קאַמף אָנגעהויבן די לייטערינס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעשלאָסן די לערערס און די קינדער. דעם העכסטן פּרעסטיזש צווישן די שילערס האָבן געהאַט די קינדער פון דער מאַנדעלקערנס שול, דערנאָך זענען געגאַנגען די באַראַווסקעס און צום לעצט די שטאַטמאַנס. דער „קאַמף" איז אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט, ווי לאַנג איך האָב מיך אין דער שול געלערנט. די ערגסטע פאָרם האָט אָנגענומען דער „קאַמף" צווישן די שולן פון באַראַווסקעס און שטאַטמאַנס. זיי האָבן זיך ביידע געפונען אין זעלבן לאָקאַל. פאַר ביידע איז געווען צו גרויס די ענגשאַפט און די אומבאַקוועמלעכקייט פאַר די לערערס אַזוי ווי פאַר די קינדער. ביידע לייטערינס האָבן געשטרעבט צו באַקומען דעם לאָקאַל אין גאַנצן צו זייער דיספּאָזיציע. דער קאַמף האָט געדויערט עטלעכע יאָר ביז מיין שול האָט באַקומען אַ באַזונדערן לאָקאַל אויף קאַרמעליצקע. דער לאָקאַל איז אָבער נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר די אונטערריכט־באַדערפעניש, ער האָט נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון דער ענגשאַפט, אָבער דערפאַר האָט מען געקענט געניסן פון עטלעכע צימערן פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, אויף ניעצאַלע, (שפּעטער — ווישיניסקיעגאָ, און איצט — סלאָווינסקיעגאָ).

די פּערטע יידישע שול האָט זיך געפונען אויף דער זאַמאָיסקע, ווייט פונעם יידישן צענטער און איז געווען אויסגערעכנט פאַר יינגלעך. פאַר וואָס מ'האָט געשאַפן 3 שולן פאַר מיידלעך און בלויז איינע פאַר יינגלעך קען מען דערקלערן דערמיט, דאַכט זיך, וואָס יידן האָבן נישט גערן געוואָלט שיקן יינגלעך אין די „וועלטלעכע" שולן. זיי האָבן פאַרגעצויגן חדרים, מיט אַ ביסל וועלטלעכע לימודים, היטנדיק אַז די יינגלעך זאָלן נישט אַוועקגיין פון יידישקייט.

איך האָב אָנגערופן די שולן יידישע אין געוויסן זין. זיי זענען געווען יידישע מיט דעם וואָס דאָרט האָבן זיך געלערנט נאָר יידישע קינדער, און די לערערס דאָרט זענען צו יענער צייט אויך געווען אויסשליסלעך יידן. אָבער יידיש, אָדער העברעיִש האָט מען אין די שולן נישט געלערנט. צו די יידישע לימודים האָט זיך גערעכנט די שעה פון רעליגיע און אַ ביסל יידישע געשיכטע. אַנשטאָט דעם קאַטוילישן „פּאַציעזש" פלעגן מיר טייל

מאָל אָנהויבן דעם טאָג מיט „מודה אני״, איבערגעזעצט אויף פּויליש.

רעדן ייִדיש אין די שולן איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. דאָס האָט אונדז אויף דער ערשטער לעקציע אָנגעזאָגט די באַראָווסקאַ, וועלכע איז געווען לייטערין און גלייכצייטיק לערערין אין ערשטן קלאַס. דעם צווייטן פּאַראַלעלן ערשטן קלאַס האָט געפירט די לערערין וויצענבליט, אַ הויכע, דאַרע, קורצ־זיכטיקע פריילין מיט פּענסנע־ברילן, וואָס זענען ביי איר געזעסן אויף דער נאָז מיט אַ ספּעציעלן קלעמער. פון איר פלעגן די קינדער שטענדיק אָפּלאַכן, זי האָט נישט געהאַט קיין שום אויטאָריטעט, קיינער האָט נישט געפאָלגט אירע אָנווייזונגען. צוליב איר קורצזיכטיקייט און קליידונג האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן „פּאַני קוקו״. די באַראָווסקאַ האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ שרעק פון ערשטן אויגנבליק. פאַרן קלענסטן אָפּווייכן פון איר אידעאַל פון דיסציפּלין און אירע פאָדערונגען, פלעגט זי באַשטראָפן. זי פלעגט פאָדערן פון אונדז מיר זאָלן זיצן אומבאַוועגלעך. פאַר דער קלענ־סטער „זינד״ פלעגט זי שטעלן אין „ווינקל״ אָדער גאָר אַרויסוואַרפן פון קלאַס.

מיין ערשטער טאָג אין דער שול האָט זיך פאַר מיר געענדיקט מיט אַ געפערלעכן אינצידענט. כאָטש ס׳איז געווען פאַרבאָטן צו רעדן ייִדיש האָב איך מיך געוואָנדן צו מיין שכנה פון דער באַנק, און טאָקע אויף ייִדיש, אַז זי האָט פאַרלוירן געלט און עס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע. מיין רעאַקציע, ווען איך האָב באַמערקט דאָס געלט, איז געווען אַן איסטינקטיווע. איך האָב שוין דאַן געקענט אַ ביסל פּויליש, אָבער פון געוווינהייט האָב איך באַנוצט די ייִדישע שפּראַך.

ס׳איז מיר שווער צו זאָגן צי די באַראָווסקאַ האָט דאָס אָפּגעשאַצט ווי אַ פּרווו פון מיין זייט צו ברעכן די דיסציפּלין, און זי האָט מורא געהאַט אַז דאָס איז אַ פאַרשווערונג קעגן איר אויטאָריטעט. יעדנפאַלס, זי האָט פאַר־אָרדנט איך זאָל תּיכּף פאַרלאָזן דעם קלאַס און מער מיך נישט באַווייזן. מיט אַ גרויס געוויין בין איך אַהיימגעלאָפן און דערציילט מיינע עלטערן וואָס ס׳האָט מיט מיר פּאַסירט. אויף דעם צווייטן טאָג איז מיין זיידעשי (אָן דעם צוגאָב „שי״ קען איך דעם ליבן מענטש נישט דערמאָנען, אַפילו היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן) מיט מיר געגאַנגען צו דער באַראָווסקאַ און זי געבעטן מיך צוריקצונעמען אין שול. זי האָט קודם נישט געוואָלט אַפילו הערן, אָבער צום סוף האָט זי מיך צוריקגענומען. פון דעם טאָג אָן האָב איך

שטענדיק פֿאַר איר געציטערט, כאָטש שפּעטער פֿלעגט זי מיך גאָר אַנדערש באַהאַנדלען. ווײַל איך האָב מיך גוט געלערנט און באַזונדערס מיך אויסגע־צייכנט אין איר סיסטעם פֿון אונטערריכטן מאַטעמאַטיק. אויף די לעקציעס פֿון מאַטעמאַטיק פֿלעגן מיר אָפּט קריגן קלאַס־אויפֿגאַבעס, וועלכע פֿלעגן אַנוואַרפֿן אַ שרעק אויף אַלע קינדער. זי האָט געפּאַדערט אַ בילדלעכע סכעמע, ווי אַזוי מ׳דאַרף לייזן די אויפֿגאַבע. לויט דער סכעמע האָט מען געדאַרפֿט דערנאָך פֿאָרמולירן די פֿראַגעס און מאַכן די אויסרעכענונגען. צום סוף האָט מען געדאַרפֿט אָנשרייבן דעם באַקומענעם ענטפֿער, די לייזונג פֿון דעם פּראָבלעם. די פֿאָרם פֿון לערנען האָט געוויס איבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן פֿון די 7—8־יאָריקע שילערס. נאָר ווייניקע האָבן זיך מיט דעם אַן עצה געגעבן. איך בין געווען פֿון די „גליקלעכע" און דעריבער האָב איך געוווּנען איר סימפּאַטיע, אָבער קיין מאָל, נאָך מײַן ערשטן אינצידענט, האָב איך שוין איר אַרײַנקומען אין קלאַס אַרײַן נישט אויפֿגענומען אָן שרעק. דער גאַנצער קלאַס האָט געציטערט פֿאַר איר אַרײַנקומען, און איר אַרויסגיין פֿלעגט וועקן ספּאָנטאַנישע פֿרייד. צו אירע מעטאָדן האָט געהערט צו באַאַרבעטן אײן קעגנשטאַנד עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד. דערנאָך פֿלעגט זי אָן אַ וואָרענונג פּלוצעם איבערגיין צו אַן אַנדערן קעגנשטאַנד. דער מעטאָד האָט פֿאַרשטענדלעך געפֿירט דערצו, אַז די צײַט פֿון דער היימאַרבעט האָבן מיר אויך אָוועקגעלייגט אויף לערנען די אַקטועלע קעגנשטאַנדן און פֿאַרגעסן די אַנדערע. ווען זי פֿלעגט איבערגיין צו אַן אַנדערן קעגנשטאַנד האָבן מיר אָפֿט מאָל אַלץ פֿאַרגעסן. דעמאָלט פֿלעגט זי שטעלן אַן אַ צאָל „צווייען". מיר האָבן שטענדיק געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זי וויל אונדז „כאַפּן" אויף דער הייסער מינוט פֿון אונדזער „נישט קענען".

די שטימונג אין קלאַס איז שטענדיק געווען אַ געדריקטע. ווי לאַנג זי האָט זיך געפֿונען אין קלאַס איז די אַטמאָספֿער געווען אַ געשפּאַנטע, אָבער אַ דאַנק איר האָב איך כּמעט קיין מאָל שפּעטער נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אין מאַטעמאַטיק, זי האָט מיר געגעבן אַ גוטן יסוד. די קעגנשטאַנדן, ווי גימנאַסטיק, האַנטאַרבעט און די אַזוי גערופֿענע פֿרויען־אַרבעט, ד.ה. נייען, צערעווען אָדער העפֿטן, האָט זי שטענדיק פֿאַרנאַכלעסיקט. פֿאַר גימנאַסטיק זענען געווען קיין באַדינגונגען אויך נישט געווען: נישט קיין גימנאַסטיק־זאַל, און קיין שום אײַנריכטונגען. צייכענען האָט אונדז געלערנט אַ לערערין מיטן נאָמען ווייסבערג. צייכענען האָט זי געקענט, אָבער קיין

פעיִקייטן צו לערנען דעם קעגנשטאַנד האָט זי נישט געהאַט. די לעקציעס זענען דעריבער פאַר מיר, וואָס כ׳האָב נישט פאַרמאָגט קיין פעיִקייטן צום צייכענען, געווען אַ פּלאָג. איך האָב שטענדיק געכאַפּט „צווייען״, אויב איך האָב נישט געקראָגן קיין הילף פון אַ חברטע, וועלכע האָט די פעיִקייטן יאָ געהאַט. העלפן פלעגט מיר אַ מאָל אַ מיידל מיטן נאָמען האַמערמאַן, איך פלעג איר אָפּדינען מיט העלפן אין מאַטעמאַטיק. קיין שטאַרקן ווילן צו העלפן האָט זי נישט אַרויסגעוויזן, איך האָב זי שטענדיק לאַנג געמוזט בעטן ביז זי האָט באַוויליקט עפּעס וואָס אָנצוצייכענען פאַר מיר.

ווען איך בין געווען אין ערשטן קלאַס האָט דעם צווייטן קלאַס געפירט אַ לערערין מיטן נאָמען האַלפּערין. זי איז געווען די איינציקע לערערין אין שול, וועלכע האָט נישט מורא געהאַט פאַר דער באַראַווסקאַ, מ׳האָט אַפילו געהאַט דעם איינדרוק, אַז די באַראַווסקאַ האָט פאַר דער האַלפּערין מורא. צווישן זיי איז אָפּנים אָנגעגאַנגען אַ קאַמף וועגן די מעטאָדן פון לערנען, אָדער גאָר פאַר דער לייטונג. פאַר דער האַלפּערין האָבן די קינדער נישט מורא געהאַט, זיי האָבן איר אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע. זי פלעגט אָנווענדן אַלע אירע כּוחות צו העלפן אירע שילערינס אָנצוקומען אין לערער־סעמינאַר, אַ זאַך וואָס איז אין יענער צייט פאַר יידישע קינדער געווען כּמעט ווי אוממעגלעך. צוויי שילערינס האָבן איר טאַקע געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי זענען אָנגענומען געוואָרן אין דעם סעמינאַר. איינע פון זיי האָט געהייסן סאָבאָל, אַ זייער אָרעם מיידל פון דער היים. איר האָט אָפּגעגליקט איבערצולעבן די אָקופּאַציע אין אַ קלויסטער. ווען איך האָב זי געטראָפן נאָך דער מלחמה אין לובלין האָט זי געהאַלטן ביים אַריינטרעטן אויף אייביק אין אַ קלויסטער. זי האָט מיר דערציילט וועגן אַ „נס״ וואָס איז איר געשען. די „הייליקע מוטער״ האָט זיך איר באַוויזן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע און זי האָט איר צוגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין אַ קלויסטער אויב זי וועט זי אָפּראַטעווען. די סאָבאָל האָט וואָרשיינלעך איר צוזאָג געהאַלטן. די צווייטע שילערין, וועמען די האַלפּערין האָט געהאָלפן, איז געווען די וויטמאַן. זי איז געווען אַ גאָר פעיִק מיידל פון מיין קלאַס, דער האַלפּערינס אַ קרובה. זי האָט שפּעטער געאַרבעט אין אַ שול, דעמאָלט אַ זעלטנהייט פאַר אַ יידישן לערער.

צו די לערערס, וועלכע איך האָב פאַרגעדענקט, געהערט קונאַ, אַ שיינער יונגערמאַן, אָבער מיט גאָר שוואַכע פּעדאַגאָגישע אייגנשאַפטן. געלערנט האָט ער אונדז „רעליגיע״ לויטן פריִער באַשריבענעם מוסטער. מ׳האָט אים

שפּעטער אויסגעטוישט, און זיין אָרט האָט פאַרנומען פּנחס גערווערץ, אַ זון פון אַ רייכער סוחרים־פאַמיליע, וועלכע האָט געוווינט אויף צירוליטשע, ביים אַריינגאַנג פון דער לובאַרטאָווסקע.

מיט קונאַ האָב איך געהאַט אַ פּיינלעכן אינצידענט. די סיבה געדענק איך נישט, אָבער אַז ער האָט מיך ביי די האָר אַרויסגעוואָרפן פון קלאַס, געדענק איך יאָ. איך האָב מיך געפילט נישט שולדיק און שטאַרק געטראָפן פון דעם. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל (אַחוץ דעם אינצידענט מיטן יידיש רעדן) אַז אַ לערער זאָל האָבן צו מיר טענות און זיך פירן אַזוי ברוטאַל. איך האָב שטענדיק מיך באַמיט צו האַלטן זיך אין די ראַמען פון דער גע־פאָדערטער דיסציפּלין און איך בין פון די לערערס אָפּגעשאַצט געווען ווי איינע פון די רויִקע שילערס, און דאָ פּלוצעם אַזאַ דורכפאַל. איך האָב אים באַטראַכט ווי אַ נישט גערעכטן מענטש, און ביזן סוף פון זיין אַרבעט אין שול האָב איך אים נישט געקענט פאַרטראָגן. בין איך אַוודאי געווען צופרידן ווען ער האָט פאַרלאָזט די שול און מיר האָבן באַקומען אַן אַנדערן לערער. גלייכצייטיק מיט דעם נייעם לערער זענען אין שול געקומען צוויי לערערינס, די שוועסטער קעזמאַן. בראַניע האָט געלערנט פּויליש, מאַניע — מאַטעמאַטיק. ביידע זענען געווען גוטע לערערינס, ביי בראַניען האָב איך קיין ספּעציעלע דערפאָלגן נישט געהאַט, דאַקעגן מאַניע האָט פּאָזיטיוו אָפּ־געשאַצט מיינע קענטענישן אין מאַטעמאַטיק. אירע לעקציעס, דער עיקר אַלגעברע, זענען פאַר מיר געווען אַן אמתער פאַרגעניגן. איך מיין אַז דער גרעסטער טייל שילערינס האָבן אירע לעקציעס ליב געהאַט. ביידע האָב איך געטראָפן נאָך דער מלחמה. בראַניע, וועגן וועלכער מ׳האָט שטענדיק גע־שמועסט אַז זי איז נישט קיין געזונטע, איז עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה געשטאָרבן. מאַניע האָט געלעבט אין וואַרשע, האָט חתונה געהאַט און פאַר־נומען אַ הויכן פּאָסטן. צווישן די שילערינס אין שול פלעגט מען שמועסן, אַז בראַניע קעזמאַן איז געווען אומגליקלעך פאַרליבט אין גערווערצן. ער האָט אָבער, זעט אויס, געהאַט אַן אינטערעס פאַר מאַניען, וועלכע איז געווען אַ מיידל מיט ענערגיע און אַ שטאַרקן לעבנסווילן. בראַניע האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דערשלאָגענער און אָפּאַטישער. ווען די באַ־ראַנוסקאַ איז שטאַרק קראַנק געוואָרן אויף די אויגן און דערנאָך געשטאָרבן, האָט מאַניע קעזמאַן איבערגענומען די לייטונג. דאָס איז שוין געווען שפּע־טער, נאָך מיין ענדיקן די שול.

די געבײַדעס, אין װעלכע די שולן האָבן זיך געפֿונען, זענען געװען גאָר נישט צוגעפּאַסטע פֿאַר די אונטערריכט־באַדערפֿענישן. זײ זענען גע־שטאַנען האַרט בײַ דער גאַס, און טומל און גערויש האָבן געשטערט די שילערס. דאָרט האָבן געװױנט אַ גרויסע צאָל פֿאַמיליעס, און װען די שכנים איבער די קלאַסן פֿלעגן װאַשן די פּאָדלאָגעס, פֿלעגט נישט איין מאָל דאָס װאַסער אַראָפּרינען אויף די קינדער און אויף די בענק. קיין װענטילאַציע אָדער עלעקטרישע באַלײַכטונג איז נישט געװען. די קלאַסן זענען געװען גענוג גרויסע, אָבער זײ האָבן געדאַרפֿט געבן פּלאַץ פֿאַר עטלעכע און פֿערציק ביז פֿופֿציק קינדער, װען אָרט איז געװען נאָר פֿאַר צװאַנציק. די באַלײַכטונג איז באַשטאַנען פֿון אַ נאַפֿטלאָמפּ, װעלכער האָט שװאַך געשײַנט און דערצו גערײַכערט און געטשאַדעט. אויף יעדער באַנק זענען געזעסן פֿיר און אַפֿילו פֿינף קינדער. ס'איז געװען אוממעגלעך צו זיצן באַקװעם און קענען נאָר־מאָל שרײַבן און לייענען.

אַ גרויסע פּלאָג איז געװען די אַזוי גערופֿענע „שאַטניע“ פֿאַר אונדזערע אױבערקלײדער. װײַל עס זענען געװען בלויז געצײלטע הענגערס, האָט מען אַלע קלײדער געמוזט לייגן אײנע אויף די אַנדערע, אין אַ גאַנצן באַרג. נאָך די לימודים האָבן מיר געהאַט אַ זײער שװערע אַרבעט צו געפֿינען אונדזערע קלײדער. נישט איין מאָל איז דערגאַנגען צו געשלעגן צװישן די אויפֿגעבראַכטע קינדער, איבערהויפּט װינטער, װען מ'איז װאַרעם אָנגעטאָן. דאָס געפֿינען די קלײדער האָט געדויערט לאַנג און האָט געפֿירט צו קאָנ־פֿליקטן און געשלעגן צװישן די קינדער און דער װעכטערין מאַלע, װעלכע האָט געהערט צו די גאָרנישט אָנגענעמע מענטשן. ס'איז פֿאַר איר, אַן עלטע־רער פֿרוי, געװען נישט פֿון די גרינגע זאַכן צו זיצן שעהענװײַז אין דעם קלײנעם צימער אַכטונג געבן אויף די קלײדער און אָפּהיטן די צײַט כּדי צו קלינגען אין אָנהייב און נאָך די לעקציעס און אין די הפֿסקות, און שפּעטער אויפֿרוימען די קלאַסן פֿאַר דער צװײטער שול, װעלכע האָט געאַרבעט אין צװײטן שיכט. װאָלט אַן אינספּעקטאָר קאָנטראָלירט די רײנקייט און געפֿונען עפּעס נישט כּשורה װאָלט זי געקענט פֿאַרלירן די אַרבעט.

די טעג, װען אין שול האָט פֿאַרברענגט דער אינספּעקטאָר פּאַפּטאַק, זענען געװען אויסגעפּילט מיט שרעק און שפּאַנונג, פֿאַר די שילערס װי פֿאַר די לערערס. מיר האָבן קיין מאָל נישט געװוּסט מיט װאָס זײַנע באַזוכן װעלן זיך ענדיקן. צי ער װעט אונדזערע און די לערערס קענטענישן אָפּשאַצן

פאַר געגנוגנדיקע. מיר האָבן אויך קיין מאָל נישט געוווּסט, ווען ער וועט קומען און ווי לאַנג ער וועט אין שול פאַרברענגען. ווען ער פלעגט פאַרענדיקן זיין באַזוך, פלעגן אַלע אָפּאָטעמען. אָבער די לערערס האָבן נאָך געוואַרט אויף זיין פסק־דין. פון אים איז אָפּט געווען אָפּהענגיק צי דער לערער וועט פאַרבלייבן לערער.

אַ צווייטע צרה איז געווען דער באַזוך פון דער היגיענישער קאָמיסיע. די גרעסטע צאָל קינדער, געקומענע פון זייער אָרעמע היימען, האָבן נישט געקענט אין זייערע שווערע באַדינגונגען, אָפּהיטן די גהעריקע ריינקייט. דאָס רוב האָט געוווינט אין אַ געפּערלעכער ענגשאַפט, נישט זעלטן אין אַ קעלער־וווינונג אָן וואַסער. ווען אַ באַדצימער האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנונג, קיינער פון זיי האָט נישט פאַרמאָגט גענוג וועש צום טוישן. דאָס וואַשן וועש אין די פּרימיטיווע באַדינגונגען איז געווען אַן אָפּקומעניש. מ׳האָט געמוזט ברענגען וואַסער פון דרויסן, קאָכן דאָס וועש אין דער וווינונג, אָפט פון איין צימער, וואָס האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן דאַמף־נעפּל, ווי אין אַ שוויצבאָד, ווו ס׳איז געווען שווער צו אָטעמען. די וועש האָט מען געהאַנגען אין שטוב אויף אויסגעשפּאַנטע שטריק, וועלכע האָבן געוואַנדערט צווישן די שכנים. אין די באַדינגונגען איז די היגיענע ווייט נישט געווען אין אָרדענונג. דעריבער איז דער באַזוך פון דער קאָמיסיע געווען איינע פון די טראַגישע איבערלעבונגען פאַר אַ סך קינדער. כּדי צו ברענגען זיי אין אָרדענונג פלעגט מען די שמוציקע קינדער שיקן אין אַ צוואַנגסבאָד מיט אַ דעזינפעקציע־קאַמער פאַר די מלבושים. די באָד האָט זיך געפונען אויף אוניצקע, אויפן וועג צום „נייעם״ יידישן בית־עולם. די קינדער, וועלכע האָבן באַקומען דעם פסק צו גיין אין באָד, האָבן זיך שטאַרק געשעמט. די ריינע האָבן פון זיי אָפּגעלאַכט, געחוזקט. די הילף וואָס מ׳האָט אָט די קינדער געגעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טאָרטור.

דאָס זעלבע איז געווען מיט דער דערנערונג פאַר די אָרעמסטע קינדער. אויף יענע וואָס מ׳האָט באַשטימט אַז זיי זאָלן קריגן אַ זעמל מיט אַ גלאָז מילך, האָט מען אָנגעהויבן קוקן ווי אויף „שנאָרערס״. אין דער שול האָט זיך געשאַפן אַ געפערלעכע אַטמאָספער.

די לערער אין שול איז געווען אַבליגאַטאָריש און אומזיסט. פון דעסטוועגן האָבן אַ סך קינדער נישט געקענט ענדיקן די 7 קלאַסן. אַ סך עלטערן האָבן זיך גענייטיקט אין דער הילף פון די קינדער, ווער ביים פאַרקויפן בייגל,

ווער ביי די באַבעלעך אָדער אַרבעס, אָדער גאָר ביי מלאכות. טראָץ דעם וואָס די בילדונג איז געווען אומזיסט, האָט די שול געמוזט קאָסטן. די מיידלעך למשל, האָבן געמוזט טראָגן אַ גראַנאַט קאָלירט קליידל מיט אַ שוואַרץ פאַרטעך און אין די שפּעטערע יאָרן אַ שוואַרץ סאַטין פאַרטעך מיט אַ ווייס קעלנערל. פאַר די ייִנגלעך האָט מען געמוזט קויפן אַנצוגן פון זעלבן קאָליר מיט לאַמוּוקעס און היטלעך. שילערס וואָס פלעגן קומען אין שול אַנדערש געקליידט פלעגט מען שיקן אַהיים. די ביכער, העפטן, טינט, שרייבפּענדלעך, פאַרבן צו מאָלעווען און צייכענען, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן — אויף זיי האָט מען געדאַרפט הוצאות. דאָס אַלץ איז געווען אַ שווערע לאַסט פאַר דער אָרעמקייט. פיל טרערן פלעגן די עלטערן און די קינדער פאַרגיסן ביים פאַרשאַפן די דערמאָנטע זאַכן. ביי יעדן אָנהייב פון שוליאָר האָבן זיך ביי די עלטערן און די קינדער אָנגעהויבן די זאָרגן פאַר מיטלען צו קענען פאַרשאַפן די נייטיקע זאַכן. די זאָרגן האָבן געדויערט דאָס גאַנצע יאָר. מ׳האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אַנטקעגנצוקומען די קינדערס באַדערפענישן. יעדער שרייבפּענדל איז געווען אַ פּראָבלעם. די „גליקלעכע אייגנטימערס״ פון די פאַרשידענע „אוצרות״ האָבן זיך געפילט ווי קיסרים לגבי די אַנדערע שילערס, וועלכע האָבן געמוזט אָנקומען צו זיי לייען עפּעס ביי זיי. נישט איין מאָל האָבן זיי נישט געקענט מאַכן די קלאַסאַרבעט צוליב מאַנגל פון אַ פּענע, אָדער אַ העפט, פאַר וואָס זיי פלעגן באַקומען אַ שטראָף — אַרויסגעוואָרפן ווערן פון קלאַס, אָדער שטיין אין קלאַסווינקל אויף די קני, פאַר די אויגן פון אַלע חברים. נאָך דער שול פלעגט אָפט אויסקומען די קינדער צו לויפן פון איין שול-חבר צום צווייטן, לייענען אַ ביכל, כדי צו מאַכן די פאַרגעבענע הימאַרבעט. און אַז מ׳האָט שוין געקראָגן דאָס ביכל איז מען שוין געווען אַזוי מיד, אַז דאָס לערנען איז שוין נישט געקראָכן אין קאָפּ.

אַ סך עלטערן האָבן נישט געקענט גובר זיין די שוועריקייטן און אַ סך קינדער האָבן דעריבער געמוזט די שול פריצייטיק פאַרלאָזן. די אומזיסטע שול האָט אויך אַרויסגערופן צו זיך אַ געוויסן ביטול מצד די פאַרמעגלעכע. די שול האָט מען גערופן „פּאָווּשעכנע״ (דאָס הייסט „אַלגעמיינע״). אויף די היטלען פון סאַמעט (פּירקאַנטיקע) מיט פיר שפּיצן האָבן געגלאַנצט צוויי פּוילישע אותיות ס. פּ. — ראשי תיבות פון „שקאָלאַ פּאָווּשעכנאַ״, פלעגן די לצים דאָס פאַרטייטשן: „שמחהלע פאַרך״. דערפאַר פלעגן די קינדער די היטלען אויסבאַהאַלטן און זיי אָנטאָן נאָר פאַרן אַריינגאַנג אין דער שול.

ווייל דאָס באַווייזן זיך אַן אַ היטל פּלעג האַרב באַשטראָפט ווערן. די גאַנצע זעקס יאָר, וואָס כ׳האָב געלערנט אין דער שול, האָט מיך געפּלאָגט מיין זעקל, אויפגעניייט פון מיין מוטער פאַר די העפטן און ביכער. אַזאַ מין זעקל איז געווען אַ קלאָרער באַוויז אַז מע געהערט צו די פּאַראַכטעטע פּאַושעכ־ניאַקעס. דאָס ערשטע זעקל איז געווען פון אַ קאָלירט שטיקל סחורה, ווען דאָס האָט זיך צעריסן, האָב איך געהאָפט צו קריגן אַן אמתן „ראַניעץ״ צו טראָגן אויף די פּלייצעס, אָדער אַ פּאָרטפעל. אָבער דאָס איז געבליבן בלויז אַ שיינער טרוים. איך האָב באַקומען אַ צווייט זעקל, דאָס מאָל פון שוואַרצן סאַמעט. דאָס האָט שוין אויסגעזען בעסער. ערשט אין זיבעטן קלאַס האָט מיר מיין פאָטער געמאַכט אַ „טעטשקע״ פון שוואַרצן לעדער וואָס איז ענלעך געווען צו אַ געקויפטער, כאָטש אַ ביסל קלענער ווי אַ געקויפטע. די נייע טעטשקע האָט געהויבן מיין פּרעסטיזש ביי די חברטעס. זי האָט מיר געדינט לאַנגע יאָרן נאָך דער גימנאַזיע, ווי אַן אָנדענק פון מיין פאָטער האָט זי מיט מיר געוואַנדערט קיין רוסלאַנד אין די מלחמה־יאָרן, און צוריק קיין פּוילן, און דערנאָך אויך קיין שוועדן אין 1969. זי געפינט זיך ביי מיר ביזן היינטיקן טאָג.

ווען איך בין געווען אין ערשטן קלאַס זענען געווען מיט מיר מיידלעך פון פאַרשידענעם עלטער, דער אונטערשיד האָט געקענט דערגיין ביז 5—6 יאָר. די סיבה דערפון איז געווען דער מאַנגל אין שולן אין דער צאַרישער תקופה. די פּוילישע מלוכה האָט איינגעפירט צוואַנגבילדונג, דעריבער האָבן די עלטערן פון די קינדער, וועלכע האָבן שוין איבערגעשטיגן דעם עלטער, זיי געשיקט אין ערשטן קלאַס. די צאָל קינדער איז דערגאַנגען ביז אַ 50, אין קלאַס, ווו עס איז געווען זייער ענג און שווער צו אָטעמען, אויך צוליב דער ראָפּע מיט וועלכער מע פלעגט שמירן די פּאָדלאָגעס. די ראָפּע האָט געדאַרפט זיין אַ דעזינפעקציע־מיטל. ווייס איך נישט צי דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל פאַר דעם צוועק, אָבער דער ריח אין קלאַס איז געווען נישט פון די אַנגענעמסטע, און די פּאָדלאָגע איז שטענדיק געווען שוואַרץ, און אויסגעזען שמוציק.

אַזוי ווי אין קלאַס זענען געווען אַ סך קינדער, האָבן זיך געשאַפן פאַר־שידענע גרופּעס מיט נענטערע קאָנטאַקטן צווישן זיך. טייל האָבן אַנגעהאַלטן לענגער, טייל זענען זיך שנעל צעפאַלן.

די שילערס פלעגן שטענדיק שטיין פאַר אַ דילעמע: די לערערס האָבן

פאַרבאָטן אונטערצוזאָגן די שוואַכערע אויף די לעקציעס, אָדער געבן איבער־צושרייבן די היים־ אָדער קלאַס־אַרבעט. פאַלגן די לערערס אין דעם זין האָט נישט געשטימט מיט די מיינונגען פון גרעסטן טייל קינדער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז קעגן די פּרינציפּן פון חברישקייט. די קינדער זענען געווען טאָג־טעגלעך אויסגעשטעלט צו קעמפן מיט די בײדע אָפּשאַצונגען. ס'איז נישט געווען לייכט צו לייזן אַזאַ דילעמע פון לאָיאַליטעט. אין ערשטן פאַל האָבן געדראָט האַרבע שטראָפן, ספּעציעל מצד דער באַראָווסקאַ, הויפּט־זעכלעך אַ „פּיר" פון אויפפירונג, וואָס האָט דיסקוואַליפיצירט דעם שילער אַלס קאַנדידאַט אין אַ העכערן קלאַס. אין פאַל פון פאָלגן די לערערס אין זייערע פאַרבאָטן איז מען געווען אויסגעשטעלט צו ווערן איזאָלירט פון גרעסטן טייל שילערס און צו פאַרדינען דעם צונאָמען „אונטערלעקער".

די שילערינס אין דער „פּאַווּשעכנע"

פון די קינדער מיט וועלכע איך האָב אַ געוויסע צייט זיך געחברט, געדענק איך ברכה גוטהאַרץ, אַ שוואַרץ חנעוודיק מיידל, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. זי האָט געוווינט אויף צירוליטשע 3, אין פייגעלע אברהם אליעזרס הויז, אין וועלכן מ'האָט אויך געקענט אַריינקומען פון קאָוואַלסקע 4. דאָרט פלעגן זיך אויפהאַלטן די פורלעך מיט וועלכע די פויערים פלעגן קומען פון די דערפער צו פאַרקויפן זייער ביסל מעל, מילך, קעז, אָדער אייער. דאָרט פלעגן ייִדישע פרויען זוכן „מציאות". ביי ברכהן אין שטוב בין איך קיין מאָל נישט געווען. זי האָט, מיין איך, זיך געשעמט מיט איר אָרעמקייט. זי האָט געהערט צו יענע קינדער וועלכע האָבן געמוזט געניסן פון די אומזיסטע מאָלצייטן אין שול און פון דער באָד אויף דער אוניצקע. זי האָט געהאַט נאָר אַ מוטער, איר פאָטער איז אָדער געשטאָרבן אָדער געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי האָט נאָך געהאַט, דאַכט זיך, אַן עלטערן ברודער. די פריינדשאַפט האָט נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. פאַר וואָס געדענק איך נישט. איך האָב שטענדיק געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי איז געווען אַ סך עלטער פון מיר, נישט אַנדערש אַז צוליב זייער לאַגע איז זי פרי רייף געוואָרן. איין זאַך געדענק איך נאָך: די באַראָווסקאַ האָט איר נאָמען געענדערט פון ברכה אויף בראָניע. איך בין דעמאָלט פון רויזע געוואָרן רוזשע. מיט די נייע נעמען האָט זי געצייכנט אונדזערע העפטן און ביכער. דאָס צווייטע מיידל מיט וועלכער איך האָב מיך באַפריינדט, איז געווען די

גאָלדבערג. זי איז געווען זייער פעיִק אין מאַטעמאַטיק און לייכט געקענט לייזן די אויפגאַבעס פון דער באַראַווסקאַ. די לערערין האָט אַלע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן קענטענישן, קאָנצענטרירט אויף די לעצטע דריי בענק, ביי דער וואַנט נעבן דער קאָנצעלאַריע און דעם לערער־צימער. מסתּם האָט דאָס זיצן צוזאַמען אויף איין באַנק אונדז דערנענטערט. זי איז דעמאָלט שוין אַלט געווען געוויס אַ דרייצן־פערצן יאָר און פיזיש גוט אַנטוויקלט. אין געזעלשאַפט פון די 7־יאָריקע קינדער האָט זי זיך געפילט ווי זייערע אַן עלטערע שוועסטער. אויף לובאַרטאָווסקע 1, וווּ זי האָט געוווינט, פלעג איך זיין אַן אָפטער גאַסט. זי האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר מוטער און עלטערער שוועסטער. די וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ שטיקל קאָרידאָר. אַלץ צוזאַמען האָט זיך געפונען אין אַ הילצערנער געביידע, וועלכע איז געשטאַנען אין גרויסן הויף, צוגעדריקט צו דער וואַנט. אונדזער פריינד־שאַפט האָט זיך געענדיקט מיט איר עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע.

אַ געוויסע צייט האָב איך מיך געחברט מיט הינדע גייערמאַן, אַ מיידל מיט געלע געקרייזלטע האָר, וועלכע האָט געוווינט נישט ווייט פון מיר אויף דער פּראַבאָסטווע גאַס, אין ערשטן הויז. ביי איר אין שטוב איז געווען שטענדיק אויפגערוימט און אַ ביסל פאַרפּוצט. זי און איר עלטערע שוועסטער האָבן זיכער צוגעלייגט אַ האַנט דערצו. זי האָט געענדיקט די „פּאָווּשעכנע" און האָט געהערט צו די גליקלעכע, וועלכע האָבן געקראָגן אַרבעט נאָך דער שול. אַ סך האָבן זי מקנא געווען, ווייל זי האָט געהאַט אַרבעט, פאַרדינט, און זיך געקענט בעסער קליידן. הינדע האָט זיך צעוואַקסן צו אַ זייער שיין מיידל. מיט איר שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן האָט זי געוועקט סימפּאַטיע ביי מענטשן. מיט איר האָב איך לאַנג מיך נישט געחברט. מיר האָבן געהאַט פאַרשידענע אינטערעסן. זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, געוואָרן זעלבשטענדיק, איך האָב פאַרגעזעצט דאָס לערנען.

די קינדער, וועלכע האָבן זיך געחברט צווישן זיך, פלעגן גיין צוזאַמען אין שול אַריין און אַהיים. צוזאַמען האָבן זיי געמאַכט די היימאַרבעטן און געמיינזאַם גענוצט די געקויפטע ביכער. ס׳איז געווען נאַטירלעך, וואָס קינדער פון זעלבן הויז, לובאַרטאָווסקע 21, האָבן זיך דערנענטערט. איך, צירל־צעשע האַלצהעקער, שׂרהלע גרינבערג, לאהלע קאַפּערמאַן און איר שוועסטער פיפע (נאָכן איבערבלייבן אין זעלבן קלאַס אויף נאָך אַ יאָר), האָבן געבילדעט איין גרופּע, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע פיר שטאַקן. פריִער,

ווען דער מצב פון די שכנים פון די נידעריקע שטאָקן איז געווען אַ בעסערער, האָבן די קינדער פון די איבערשטע שטאָקן זיי נישט „געפּאַסט" צום יחוס, אָבער ווען די געענדערטע עקאָנאָמישע לאַגע, די פּאַראַרעמונג האָט אַלעמען אויסגעגלייכט, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ דערנענטערונג צווישן די שטאָקן.

גרויס עגמת נפש האָבן מיר געהאַט צוליב צירלען. אירע עלטערן האָבן אַרויפגעלייגט אויף איר די זאָרגן פון דער ווירטשאַפט — רוימען, קאָכן. מ'האָט זי ממש פאַרוואַנדלט אין אַ דינסטמיידל. זי האָט געמוזט באַדינען די גאַנצע משפחה אירע און אויספירן אַלע אירע פאָדערונגען. אַ סך אַרבעט האָט איר פאַרשאַפט איר עלטסטע שוועסטער, וועלכע איז געגאַנגען אין גימנאַזיע און געווען די געפּעסטעטע אין דער היים, און איבערהויפּט ווען צו איר האָבן אָנגעהויבן קומען יינגלעך. ס'איז דאָן געוואָרן אַ געוווינהייט, אַז פאַר איר האָט מען אָפּגעטרעטן דאָס גרעסטע פון די דריי צימערן מיטן באַלקאָן, ווו זי פלעגט זיך פאַרמאַכן מיט אירע חברים און קיינער האָט נישט געטאָרט אַריינגיין אין „איר" צימער. נאָך אַ באַזוך אין אָטוואָצק איז זי צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז אַ וואַרשעווער סטודענט האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט. ער איז טאַקע עטלעכע מאָל געקומען זי באַזוכן, אַ בלאָנדער, זייער שיינער בחור. איך האָב דעמאָלט שוין געענדערט מיין אידעאַל פון יינגל־שיינקייט. ווען איך האָב אים געזען האָב איך געטראַכט, אַז בלאָנדע יינגלעך קענען אויך געפעלן. ווען ער פלעגט זיך באַווייזן, פלעגט איר צווייטער חבר, דוד געווערץ, פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, אָבער ווי נאָר דער „קאָנקורענט" האָט פאַרלאָזט לובלין, איז ער באַלד צוריקגעקומען אויפן „פּאָסטן", און האָט זי יעדן טאָג באַזוכט. אין שיינקייט האָט ער נישט געקענט זיך גלייכן מיטן באַקאַנטן פון אָטוואָצק, אָבער ער איז געווען זייער אַ פעיקער בחור, פון די בעסטע שילערס אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, איינער פון אירע בעסטע אַביטורענטן און דערנאָך פון די פעיקסטע יונגע אַדוואָקאַטן. ער איז אויך געבליבן דער פּרעטענדענט אויף פייגעלעס האַנט, נאָכן טויט פון דעם אָטוואָצקער, וועלכע איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז.

גוטשע האָט אויך געהערט צו די יחסנים, וועלכע צירל האָט געמוזט עקסטראַ באַדינען. זי האָט איבערגעריסן מיט דער שול אין זעקסטן קלאַס און כמעט ווי געוואָרן די גאַנצע „מאַכעריך" אין דער יאַטקע זייערער. זי האָט דעריבער אויך ווי אַ פאַרדינערין באַקומען רעכט צו שאַפן זיך מיט צירלען. אַזוי האָט מיין חברטע אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן די שול, און אַזוי

ווי מיר פלעגן זיך אין אַלץ סאָלידאַריזירן, בין איך אויך געווען געצוווּנגען נישט צו מאַכן די לעקציעס און נישט צו גיין אין שול.

צירל האָט פון איר שווערער אַרבעט, ביי 20 יאָר אויסגעזען ווי פון עטלעכע און דרייסיק. זי האָט פאַרלוירן כמעט אַלע אירע שיינע ציין, די עלטערן האָבן זי צו קיין ציינדאָקטאָר נישט געשיקט. זי האָט קיין מאָל נישט געקראָגן עפּעס בעסערס אָנצוטאָן. פאַר פייגלען האָט געמוזט זיין, פאַר גוטשען אויך, אָבער פאַר צירלען האָט קיין מאָל נישט געסטייעט. די לעצטע צייטן האָט זי געפּרוּווט זיך באַפרייען פון דעם שווערן יאָך, זי האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַרבעט ביי אַ פאַמיליע, האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך דאָרט פאַרנעמען נאָר מיט די קינדער. פאַקטיש האָט זי דאָרט געדאַרפט טאָן אַלץ. זי פלעגט, אַחוץ עסן, קריגן אַ געוויסן געהאַלט.

לאַהלע קאַפּערמאַן איז געווען אַ פּעיִק מיידל, אָבער איר פּנים איז נישט געווען קיין צוציִענדיקס. אירע שאַרפע שטריכן, מיט דער אַרויסשפּאַרנדיקער גאָמבע, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פאַרביסנקייט. איר שוועסטער פּיפּע איז אין קעגנזאַץ צו איר געווען אַ גאַנץ „קיילעכדיקע", שטענדיק אין אַ גוטער שטימונג, אָבער קיין „קאָפּ" צום לערנען האָט זי נישט געהאַט. די לעקציעס פלעגן מיר מאַכן אַלע צוזאַמען, ביי די גרינבערגס. ביי זיי איז צו דעם צוועק געווען אויסגעטיילט אַ צימער. אַז מיר זאָלן מאַכן דאָרט די לעקציעס איז געווען דער ווונטש פון שׂרהלעס מוטער. זי האָט בעסער געוואָלט אַז די קינדער זאָלן אַראָפּקומען צו זיי. מיר פונעם פּערטן שטאָק האָבן נישט געפּאַסט איר יִחוּס. אָבער שׂרהלע זאָל אַרויפגיין צו צירלען — דאָס בשום אופן נישט. צירלס פאָטער, דער קצב, נישט נאָר ער האָט זיך גערעכנט צו די נידעריקע שיכטן, זיינע מידות זענען אויך נישט געווען קיין געהויבענע. ער האָט ליב געהאַט צו נעמען אַן איבעריקע כּוסע פונעם „ביטערן געטראַנק", מיט וואָס ער איז אין „אונדזער" הויז געווען אַן אויסנאַם. צוליב זיין נייגונג האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן איטשע „וואָלענטי". נאָך איין זאַך האָט אונדז באַוויגן צו זאַמלען זיך ביי שׂרהלען: איר שוועסטער האָט געהאַט געענדיקט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און האָט טייל מאָל אונדז געהאָלפן. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויסן געווען איז זי נאָר צו העלפן איר שוועסטער, פאַר וועלכער זי פלעגט אויך אָפּט שרייבן די פּוילישע אויפ־גאַבעס. זי האָט אַוודאי געוואָלט, אַז איר שוועסטער זאָל זיין די בעסטע פון דער גרופּע.

פון די שילערינס, מיט וועלכע איך בין געגאַנגען אין דער אָנפאַנגשול, געדענק איך אויך די דריי מיידלעך מיטן ביינאָמען שטערן. זיי זענען געווען קרובים. מיט איינער פון זיי, מאַשע, האָב איך מיך אַ לענגערע צייט נענטער באַפריינדט. זי האָט געוווינט אין זעלבן הויז, וווּ די שול האָט זיך געפונען. זי איז געווען איינע פון די פיר, אָדער פינף קינדער ביי אירע עלטערן, וועלכע האָבן נישט געהאַט פאַר איר קיין שום פאַרשטענדעניש. כאָטש זיי האָבן אין דער אמתן געדאַרפט אַרויסווייזן איר מער אויפמערקזאַמקייט און וואַרעמקייט, צוליב איר עמפּינדלעכקייט און איר מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. דער קאָמפּלעקס האָט וואַרשיינלעך געשטאַמט פון אירע זייער דיקע פיס, וואָס זענען געווען אַ שטענדיקער אָביעקט פון חוזק ביי די קינדער. ס׳האָבן נישט געהאָלפן אירע פעיִקייטן און איר פלייסיקייט אין די לימודים. מיט איר נאָמען מאַשע האָבן די קינדער פאַרבונדן דעם צונאָמען די מיט די „סטאָלבאָוואַטע פיס״. דעם צונאָמען האָט זי געהערט אויף טריט און שריט. די עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם פון קאַרגע מענטשן, האָבן אויף אירע באַדערפענישן נישט געוואָלט זיך אויסברענגען. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן און וועט שטענדיק זיין זיי צו לאַסט. מאַשע האָט געשטרעבט צו ענדיקן די גימנאַזיע און דערנאָך שטודירן אויפן אוני־ווערסיטעט. אויף אַזאַ אופן האָט זי מסתם געטראַכט צו פאַרגיטיקן זיך פאַר איר פיזישן „פעלער״. די עלטערן אָבער זענען אויף דעם נישט איינגעגאַנגען. אַ פאַרצווייפלטע האָט זי באַשלאָסן צו ענדיקן מיטן לעבן. אין אַ שיינעם טאָג האָבן מיר, אירע חברטעס, זיך דערוווּסט, אַז מאַשע האָט געפּרוּווט צו באַגיין זעלבסמאָרד, אויסטרינקענדיק אַ גרויסע דאָזע זאַלצזויער. ס׳האָט אונדז אַלע ווי אַ בליץ געטראָפן, מיר האָבן זיך געפילט מיטשולדיק, איבערהויפּט די, וועלכע פלעגן פון איר אָפּלאַכן צוליב די פיס.

נאָך אַ פאַל איז געווען ווען מיר זענען צוליב איר דערשיטערט געוואָרן. דאָס איז געשען נאָך פאַרן זעלבסמאָרד־פּרוּוו. מאַשע האָט זיך אַריינגעהאַקט אַ נאָדל אין אַ פינגער פון איר רעכטער האַנט. איך ווייס נישט צי מ׳האָט די נאָדל אַרויסגענומען, צי נישט. אָבער, דער פינגער אירער איז געבליבן שטייף, זי האָט אים נישט געקענט איינבייגן. קען זיין, אַז מיט דעם שריט האָט זי געוואָלט געווינען די אויפמערקזאַמקייט און וואַרעמקייט פון די עלטערן און אויך געהאָפט צו ענדערן די באַציִונג צו איר מצד די קינדער. ווען זי איז צוריקגעקומען אין שול אַריין נאָך איר לענגערער גענעזונג, האָט

זיך טאָקע די באַציִונג צו איר מצד די קינדער פאַרבעסערט, מ׳האָט זי אָפּילו באַטראַכט ווי אַ שטיקל העלדין, וואָס האָט זיך געוואָגט אויף אַן אויסערגעווײנלעכן שריט. דער זעלבסטמאָרד־פּרווו האָט געוויס באַוויזן די עלטערן אירע זי צו שיקן אין גימנאַזיע און דערנאָך אין אוניווערסיטעט קיין בעלגיע. קיין גרינג לעבן האָט זי אין בעלגיע נישט געהאַט. די שטיצע פון דער היים איז נישט שטענדיק געקומען צו דער צייט, געווען אויך אַ ביסל צו קנאַפּ. ווען זי פלעגט בעת די זומער־וואַקאַציעס קומען אַהיים, פלעגט זי נישט וועלן טרעפן קיינעם פון אירע חברטעס. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּסיכיש־צעטרייסלטער.

אין איין קלאַס מיט אונדז זענען געווען אויך אירע צוויי קוזינקעס, לאַלע און נחמה. לאַלע האָט געהערט צו די פּעיִקסטע. די באַראַווסקאַ האָט פון איר געהאַלטן און זי האָט איר געראָטן צו לערנען ווייטער. אָבער לאַלען האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן, זי האָט נישט געהאַט דערצו די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. זי איז געווען אַ זייער פריינדלעך מיידל, אירע קליינע אייגעלעך פלעגן שטענדיק שמייכלען און יעדן אויפנעמען מיט פריינדשאַפט. כאָטש די לערערין האָט זי געהאַלטן פאַר אויסערגעוויינלעך פעיִק, האָט זי קיין מאָל נישט פאַרריסן די נאָז, ווי עס טרעפט מיט אַנדערע. פאַרקערט, זי האָט זיך צו אַלע באַצויגן פּשוט און פריינדלעך.

נחמה האָט שוין נישט געהערט צו די פּעיִקע. זי האָבן אַלע ליב געהאַט פאַר איר אָנגענעמענעם אויסזען, פאַר אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן און שטענדיק רויִקער האַלטונג.

אַ דאַנק לאַלען און נחמהן האָב איך געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט דער אַזוי גערופענער צווייטער וואַלע, די געגנט ווייט אויף דער קאַלינאָווטשיזנאַ. שבת, אָדער אין אַנדערע טעג, פרייע פון דער שול, פלעג איך אַדורכגיין צו זיי. מיר פלעגן דאָרט אַרומשפּאַצירן גאַנצע טעג אויף די לאָנקעס אַרום, אָדער אין אַ סאַד. לאַלע האָט מיט איר גרויסער פאַמיליע געוווינט אין אַ געביידע, וואָס איז פון אַ געוועלב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וווינונג. קיין שום ענדערונגען האָט מען דאָרט נישט געמאַכט. אויב איך געדענק גוט, איז דאָרט קיין פענצטער אויך נישט געווען, דאָס ליכט איז געקומען פון דער טיר, ביז דער העלפט מיט אַ שויב. דורך דער שויב פלעגט לאַלע אַרויסקוקן, וואַרטנדיק אויף מיר. אין שטוב זענען מיר זעלטן אַריינגעגאַנגען. מיר האָבן גערן געוואָלט געניסן אומגעשטערט פון דער פרישער לופט, שפּרינגען אַרום

און באַקענען זיך מיט דער פּאָר מיר נייער געגנט פון דער שטאָט. ווו נחמה האָט געוווינט האָב איך נישט געוווּסט. צו איר אַהיים פלעגן מיר נישט גיין.

מיט מיר אין איין קלאַס האָט נאָך געלערנט אַ מיידל מיטן ביינאָמען שטיין. איך געדענק איר ברייט, אַ ביסל מאָנגאָליש פּנים און די אויגן אירע אין וועלכע ס'האָט זיך געזען שטענדיק אַ שעלמיש געלעכטערל. אַ צווייטע, דיאַמאַנט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אָפטן וויינען. זי האָט געקענט וויינען שעהענווייז. די באַראַווסקאַ האָט זיך נישט שטאַרק איבערגענומען פון איר וויינען.

אַן אַנדער מיידל, די בראַפמאַן, האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט פאַלן אין חלשות. די באַראַווסקאַ פלעגט זיך אין אָנפאַנג שטאַרק איבערשרעקן און זיך מיט איר זייער פאַרנומען. אָבער אין גיכן האָט זי אָנגעהויבן חושד זיין דאָס מיידל אין סימולאַציע. צו אָפט זענען אירע חלשותן צוזאַמענגעפאַלן מיט נישט געמאַכטער היימאַרבעט, אָדער מיט אַ פאַרשטייענדיקער קלאַס־אַרבעט. ס'איז מיר שווער צו זאָגן צי דאָס מיידל איז טאַקע קראַנק געווען, אָדער זי האָט סימולירט. יעדנפאַלס, די 7 קלאַסן האָט זי געענדיקט און דערנאָך איז זי געווען צווישן די פרומע מיידלעך פון דער „בנות־יעקב״־אָרגאַניזאַציע מיטן לאָקאַל ביי שיפערן, לובאַרטאָווסקע 22.

די האַמערמאַן האָט געוווינט אויף שעראַצע (אַ געסל פון דער באָני־פראַטערסקע). זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין קלאַס מיט איר פעדאַנטישער ריינקייט און מיט אירע פעיִקייטן צו מאָלעריי. ווען איר שוועסטערס זון, זיגעלוואַקס, האָט אַ געוויסע צייט פאַרטרעטן אונדזערע אַ לערערין, איז איר ראָל אין קלאַס געוואָרן מאַדייטנדיק. פּלוצעם האָט זי זיך אויסגעטיילט צווישן די „בעסערע״ אין קלאַס. למען האמת האָט זיגעלוואַקס זי באַהאַנדלט גלייך ווי אַלע אַנדערע. אייניקע קינדער האָבן געהאַלטן, אַז זי איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ וויכטיקע פערזאָן און זיך געחנפעט צו איר. איך בין זי מקנא געווען צוליב אירע פעיִקייטן צום צייכענען. דאָס איז ביי מיר געווען אַ בלויז און אַ שטענדיקע סיבה פון צרות.

די ענגעלסבערג און טורקעלטויב האָבן געוווינט אין זעלבן הויז, באָני־פראַטערסקע 1. דער הויף איז דאָרט געווען אַן אומגעהייער גרויסער אַז וואַכן און אַפילו חדשים האָבן געקענט פאַרביי מען זאָל נישט טרעפן איינער דעם צווייטן. דעריבער זענען די צוויי מיידלעך נישט געוואָרן נאָענט צווישן זיך,

כאָטש זיי זענען געווען שילערינס פון איין קלאַס. קען זיין אַז געווירקט האָט אויף דאָס וואָס די ערשטע האָט געשטאַמט פון אַ פּאַרמעגלעכער היים, די צווייטע פון אַן אָרעמער, ווו מ׳האָט געוואָלט די אָרעמקייט באַהאַלטן. דאָס איז מער געווען דער ווילן פון איר עלטערער שוועסטער, וועלכע איז שטענדיק אַרויסגעגאַנגען אַ פּאַרפּוצטע, און פּאַרפּוצט האָט אויך געמוזט זיין די יינגערע שוועסטער, וועמען זי פלעגט מושטרירן און מוסרן. צוליב דעם וואָס ביי די טורקעלטויבס האָט אַלץ געמוזט זיין, ווי „ס׳באַדאַרף צו זיין״ האָט מיך אָפּגעשטויסן עפּעס פון זיי און איך האָב זי אָנגעהויבן אויסמיידן. דעם אמת זאָגנדיק איז געווען שווער איר עפּעס פאַרצוּוואַרפן, און דאָך האָט איר געזעלשאַפט געשאַפן אַן אָנגעשטרענגטע און שווערע אַטמאָספער. זי איז דעריבער נאָך דער שול געבליבן איינזאַם, אָן חברים. מיט דער ענגעלס־בערג האָט זי זיך באַקאַנט ביי מיר אין שטוב, ווו ביידע פלעגן אַריינקומען.

שבע פונט און שרה מאַכעראָווסקאַ זענען געקומען שפּעטער צו אונדז אין קלאַס אַריין, נאָכן ליקווידירן דעם פּאַראַלעלן ערשטן קלאַס. די קינדער פון דער ווייצענבליט האָט מען פּאַראייניקט מיט אונדז. שבע איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעשטעלטן, אָדער אַן אייגנטימער פון איינער פון די קלענסטע בענק אין לובלין. ווען איך האָב מיך באַפריינדט מיט שבען איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון איר פאַמיליע געווען אַ גאַנץ גוטע, דעריבער האָבן זיי געהאַט אַ וווינונג פון עטלעכע צימערן און אַפילו אַ פּאַרטעפּיאַן, אַן אינסטרומענט וואָס מ׳האָט נישט אָפט געזען אין יידישע שטיבער. דער טאַטע זייערער איז געווען אַ „געקינצלטער״ חסיד, אַ לעבנסלוסטיקער און מיט אָפענע זשעדנע אויגן. ער פלעג תּמיד פּרוּוון אַ קוש, אָדער גאָר אַ „טאָפּ״ טאָן די חברטעס פון זיין טאָכטער. די פרוי — זייער נישט קיין שיינע, אַן אויסגעדאַרטע און שוואַך אין געזונט, איז יונגערהייט געשטאָרבן. דוד, דער פאָטער, כאָטש ער האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע זין און טעכטער, האָט נישט לאַנג געוואַרט און חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל מיט אַ יונגער און, להיפּוך צו דער ערשטער, אַ שיינער פרוי. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די לאַגע פאַר שבען פולשטענדיק פאַרענדערט. פאַר איר האָט אָנגעהויבן פעלן אָרט אין שטוב. איר מוטער איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז איר און די אַנדערע קינדער זאָל גאָרנישט פעלן. שבע פלעגט פריִער שטענדיק זיין פון די גליקלעכע אין קלאַס, זי האָט אויך געהאַט אַ מוזיק־לערער. שבע איז אויך געווען פון פּאַריס זיכער, אַז זי וועט נאָכן ענדיקן די „פּאָווּשעכנע״,

אויסהאַלטן דעם עקזאַמען און אָנקומען אין גימנאַזיע, וווהין ס'האָט נישט געגליקט אָנצוקומען אַ סך קינדער טראָץ זייערע פעיקייטן. שבע איז נאָך דער „פּאָושעכנע" אַריין אין דער טשאַרניעצקיס גימנאַזיע, דאָרט האָבן זיך געלערנט נאָר פאַרמעגלעכע קינדער. די גימנאַזיע האָט זיך גערעכנט פאַר אַן עקסקלוסיווער. אונדזער פריינדשאַפט האָט זיך נישט איבערגעריסן אַפילו ווען זי איז אַוועק קיין וואַרשע שטודירן. זי האָט שטודירט פראַנצויזיש און האָט געהאָפט צו ווערן לערערין פון דער שפּראַך. לײדער זענען געקומען נייע צייטן פון באַגרענעצונגען פאַר יידן. אין די מלוכישע שולן האָט מען אויפגעהערט אויפצונעמען יידישע לערערס. אַפילו אין דער „יידישער" פּאָושעכנע האָט מען אויפגענומען כמעט אויסשליסלעך פּוילישע לערערס. די פריוואַטע שולן האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אַ ליבעראַלערער שטעלונג. די צוויי יידישע גימנאַזיעס אין לובלין האָבן נישט געהאַט קיין ליידיקע פּלעצער, אַחוץ דעם זענען זיי שטענדיק „געהאַנגען אין דער לופטן" און געווען באַדראָט זיך צו ליקווידירן. אין אויסוועג איז געווען — חתונה האָבן. און ווען דער קאַנדידאַט האָט זיך באַוויזן האָט זי אים נישט אָפּגעשטויסן. ער איז געווען זייער רייך. געשטאַמט פון כעלם, אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַ מיל. ער איז געווען באַדייטנדיק עלטער פון איר. אים האָט זיכער אימפּאָנירט איר יונגקייט, דער דיפּלאָם פון ראָמאַניסטיק און איר שפּילן פּיאַנאָ. מיט איר בילדונג און מעלות האָט ער זיך געקענט פאַרשטעלן אין די „בעסערע" קרייזן. איר האָט אימפּאָנירט זיין רייכטום. די חתונה איז צו שטאַנד געקומען גאַנץ שנעל.

אין איר באַשלוס אין נישט ווייניק שולדיק געווען איר קאָמפּלעקס צוליב אירע פיס. אין קעגנזאַץ צו דער פריער דערמאָנטער מאַשען, האָט שבע געהאַט נישט פּראָפּאָרציאָנעל מאָגערע פיס. מיר פלעגן צווישן זיך שפּאַטן אַז מיר דאַרפן צונויפמישןביידנס פיס און דערנאָך זיי צעטיילן, אַזוי אַרום וואָלטן בײדע פּטור געוואָרן פון די חסרונות. פאַר די חברטעס איז דאָס געווען אַן אָביעקט פון חוזק אָדער שפּאַס, פאַר שבען אָבער איז דאָס געווען אַן ערנסטע פראַגע. זי האָט מורא געהאַט, אַז צוליב די פיס, וועט קיין יינגל מיט איר זיך נישט פאַראינטערעסירן, און דערפאַר האָט זי באַשלאָסן נישט אַרויסצולאָזן די געלעגנהייט מיט ראַלניקן.

ווי אַזוי האָבן רעאַגירט די חברטעס אויף שבעס שריט? פאַרשיידן. אייניקע האָבן זי פאַראורטײלט, זיי האָבן געהאַלטן אַז איר שריט איז געווען

נישט קיין מאַראַלישער, און אַז זי האָט זיך פאַרקויפט פאַר געלט. אַנדערע האָבן באַרעכטיקט איר האַנדלונג. ראַלניק איז געווען אַן עלעגאַנטער, סימ־פאַטישער, אַפילו שיינער מאַן, מיט מעגלעכקייטן פון פאַרשאַפן פאַרגעניגנס זיין פרוי. פירן זי אין עלעגאַנטע לאָקאַלן, רעסטאָראַנען, קינאָס, טעאַטערס. ס'זענען געווען אויך אַנדערע וועלכע האָבן איר פשוט מקנא געווען.

נאָך דער מלחמה האָט מען מיר דערציילט אַז שבע האָט צוליב אים נישט געוואָלט אויסנוצן איר שאַנס איבערצולעבן די אָקופּאַציע. צוליב איר קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך און איר „אַרישן" אויסזען, האָט זי געהאַט מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען, אָבער זי איז געווען מיט אים ביז דער לעצטער מינוט און נישט געוואָלט זיך שיידן פון אים.

אויך שׂרה מאַכעראָווסקאַ האָט איבערגעלעבט די מלחמה. זי — אין פּוילן, אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט, איך — אין רוסלאַנד. מיט איר האָבן מיך געבונדן לאַנגע יאָרן פריינדשאַפט, אָנהייבנדיק פון ערשטן קלאַס. איבער דער גימנאַזיע, און ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש מיך האָט דער גורל פאַרוואָרפן קיין שוועדן און זי קיין אַרגענטינע, האָבן מיר דעם קאָנטאַקט נישט איבערגעריסן, די קאָרעספּאָנדענץ צווישן אונדז האַלט אָן אַלע יאָרן.

שׂרהס לעבנסוועג איז געווען אַ לאַנגע קייט פון צרות, אַ דאַנק איר האָב איך מיך באַקאַנט מיט דער קראַוויעצקע־גאַס, די גאַס פון דער גרעסטער יידישער אָרעמקייט. איר פאָטער האָט „געהאַנדלט" מיט טינט, פּאַקטיש מיט פּראָשקעס צו מאַכן טינט. ער פלעגט קויפן דעם פּראָשעק און אים צעטיילן אין באַזונדערע קליינע בייטעלעך. דערנאָך פלעגט ער גיין פון הויז צו הויז און פאַרלייגן די סחורה. אין טאָג ווען ס'איז אים נישט געלונגען עפּעס צו פאַרקויפן, איז פאַר דער משפחה געווען אַ תענית.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען לאַנגע יאָרן, ביז די קינדער זענען אונטערגע־וואַקסן און האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך העלפן מיט פּרנסה. דער עלטערער זון האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ וואַטע־פאַבריקל, דער יינגערער, אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ געוועלב פון צודאַטן פאַר רימערס. דעמאָלט האָט זיך די לאַגע אַ ביסל פאַרבעסערט, אָבער לאַנגע יאָרן האָט די פאַמיליע גע־הונגערט. אויך שׂרה האָט זיך באַמיט צו פאַרדינען, זי האָט כמעט פון די ערשטע קלאַסן אָן אָנגענומען די אַזוי גערופענע „קאָרעפּעטיציעס", דאָס הייסט צו העלפן שולקינדער מאַכן זייערע לעקציעס. איר פּינקטלעכקייט

און ערלעכקייט אין דער אַרבעט האָבן אויסגענוצט די עלטערן פון די קינדער. זי פלעגט יעדן קינד אָוועקגעבן פיל שעהען פון איר צייט, שטענדיק מער ווי ס'האָט זיך פון איר געפאָדערט. אָנשטאָט די אָפּגערעדטע שעה פלעגט זי זיצן צוויי און דריי. פון די לעקציעס פלעגט זי קומען אַ פאַרמאַטערטע, שטענדיק הונגעריק. די כּוחות, וועלכע זי האָט באַדאַרפט אויף צוצוגרייטן אירע אייגענע לעקציעס האָט זי פאַרלוירן ביים צוגרייטן אַנדערע, אָפט מאָל אָן באַלוינונג. דאָס הייסט די צוגעזאָגטע סומע פלעגט מען פשוט נישט באַצאָלן. אויף לובאַרטאָווסקע 30, אָדער 32 האָט זי געהאָט איינע פון אירע קאָרעפּעטיציעס. דער פאָטער פון דעם קינד איז געווען אַ שניידער פון פאַך, אַליין, ווייזט אויס, אַן אַנאַלפאַבעט, ער האָט אָבער געוואָלט, אַז זיין טאָכטער זאָל זיך לערנען. דאָס מיידל זיינס האָט אָבער קיין ווילן צום לערנען נישט אַרויסגעוויזן. ווי מיר דאַכט זיך היינט, איז זי אויך געווען פּסיכיש הינטער־שטעליק. אַלע שׂרהס אָנשטרענגונגען האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ טויבער וואַנט. שׂרה פלעגט ביי איר אָפּזיצן שעהען לאַנג, פילנדיק, אַז איר מי וועט קיין רעזולטאַטן נישט געבן. נאָך אַזאַ באַזוך פלעגט זי קומען אַ פאַרמאַטערטע און דערשלאָגענע. נישט געקוקט אויף איר אָפּפערוויליקייט, האָט זי איר שׂכר־לימוד באַקומען שטענדיק מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג און אָפט מאָל נאָר טייל־ווייז און צום סוף האָט דער שניידער אין גאַנצן אויפגעהערט איר צאָלן. איז פאַר איר געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר פון מאַטערניש — הונגער און נויט. נישט קוקנדיק אויף די ביטערע באַדינגונגען, האָט זי געענדיקט די פאָלקשול און איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט עטלעכע פון אונדזער קלאַס אין גימנאַזיע. כאָטש זי האָט באַקומען אַ הנחה פונעם שׂכר־לימוד, איז דער אָפּצאָל געווען אַ פרישע לאַסט אויף אירע יונגע פּלייצעס. אין דער צייט ווען די גימנאַזיע האָט געשטעלט גרעסערע פאָדערונגען צו די שילערס, האָט זי אַ סך פון איר צייט געמוזט אָוועקגעבן די קאָרעפּעטיציעס. פון דער היים האָט זי קיין מאַטעריעלע הילף נישט געקענט דערוואַרטן. פאַרקערט, דער פאָטער האָט נאָך ווינציקער פאַרדינט. אין דער משפּחה איז צוגעקומען נאָך אַ קינד. צוליב דער שטענדיקער נויט האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פיזיש און גייסטיק נישט נאָרמאַל. דאָס מיידעלע האָט לאַנגע יאָרן נישט געקענט אַפילו זיצן, אָפּגערעדט שוין פון גיין, אָדער רעדן. די מוטער האָט צו דעם אומגליקלעכן וועזן אַרויסגעוויזן אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט און געדולד. מיט האָפענונג אין די אויגן פלעגט זי מיך פרעגן צי איך זע נישט קיין

פאַרבעסערונג. כּדי איר צו פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן פלעג איך איר פאַרזיכערן, אַז איך זע אַ פאַרבעסערונג און געווים וועט זי מיט דער צייט אַרויסוואַקסן פון דעם. די מוטער האָט מיך שטענדיק אויפגענומען מיט אַ ליבן שמייכל, מען האָט אין איר אַנטועזנהייט געפילט אַ שטראַלנדיקע וואַרעמקייט. זי פלעגט אויך מיט געדולד זיך צוקוקן, ווי איר ייִנגערער זון פלעגט שׂרהן און מיך לערנען טאַנצן. זי פלעגט צוזאַמען מיטן זון צוזינגען און מיר פלעגן אַלע דריי טאַנצן. איר פריינדלעכער שמייכל האָט מיך אויך אויפגענומען אין די שפּעטערע יאָרן, ווען שׂרה האָט שטודירט אין וואַרשע און איך פלעג קומען זי באַזוכן.

אײדער מיר בײדע, שׂרה און איך האָבן זיך אַזוי שטאַרק באַפריינדט, האָט זי זיך געחברט מיט רחמה ראַפּאַפּאָרט (ראָמע, ווי די באַראַווסקאַ האָט זי גערופן). זי האָב איך שוין געקענט פאַר דער שול. זי האָט געוווינט אויף גראָדזקע 16, אין הויז וווהין איך פלעג קומען צו מיין פעטער שלמה, וועלכער האָט דאָרט געוווינט מיט זיין ערשטער פרוי. רחמה פלעגט באַזוכן איר מוטערס שוועסטער, וועלכע האָט געהאַט געוווינט אַ שטאָק נידעריקער פון אונדז. רחמה איז געווען איינע פון די „גליקלעכע", וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבן אַנצוקומען אין גימנאַזיע. איר עלטערע שוועסטער האָט געענדיקט דעם לערער־סעמינאַר און זי האָט געקראָגן אַרבעט אין איר פאַך. בילדונג האָט אויך באַקומען איר ייִנגערע שוועסטער. אַז עטלעכע קינדער פון איין פאַמיליע זאָלן זיך קענען לערנען נאָכן ענדיקן די „פּאַוושעכנע", איז נישט געווען פון די אָפטע דערשיינונגען.

די פּרוכטמאַן, אַ טאָכטער פון אַן אייגנטימער פון אַ פּרוכטגעוועלב אויף לובאַרטאָווסקע 16, איז אויך געווען אונדזערע אַ מיטשילערין. זי איז געווען אַ קליינוווקסיק מיידל, און מ'האָט זי גערעכנט פאַר אַ שיינער. איז קיין לובלין געקומען אַ מאַן פון אַמעריקע. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט און זי האָט מיט אים אין גיכן חתונה געהאַט און אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. אַ סך מיידלעך האָבן זי מקנא געווען. ווען איר האָבן מיר מער נישט געהערט. יעדנפאַלס האָט זי אויסגעמיטן דער גורל פון די אַנדערע ייִדן אין לובלין. אירן אַ ברודער איז געלונגען איבערצולעבן די אָקופּאַציע. נאָך דער מלחמה האָט ער אויך געהאַט אַ פּרוכטגעוועלב אויפן זעלבן אָרט, ווו זיינע עלטערן. ער האָט שפּעטער עמיגרירט און, ווי ס'האָט מיך אינפאָרמירט די מאַכערוסקאַ, לעבן ביידע פּרוכטמאַנס אין אַמעריקע.

אײדער איך ענדיק דאָס קאַפּיטל װעגן דער „פּאָװשעכנע״ מיט אירע שילערס און לערערס, װילט זיך מיר נאָך זאָגן עפּעס װעגן דער באַראָװסקאַ. איך האָב זי געשילדערט װי אַ שטרענגע און פֿאַרביסענע פֿרױ צוליב װעלכער די קינדער האָבן געלעבט שטענדיק אין שפּאַנונג, ממש פֿאַר איר געציטערט. ס׳איז מיר אָבער שװער צו זאָגן צי זי איז טאַקע געװען אַ שלעכטער מענטש, אָדער צי האָט זי בלױז געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ שטרענגער, פֿאָדערנדיק בײַ די קינדער געהאָרכזאַמקײט. קען זײַן, אַז זי האָט געהאַלטן, אַז נאָר מיט שטרענגקײט קען מען באַװירקן די קינדער זיך גוט צו לערנען. געװיס האָבן די מערסטע קינדער זיך גוט געגרײט צו אירע לעקציעס, אָבער פֿון מורא פֿלעגן זײ, בײַם אַרױסרופֿן זײ, פֿאַרגעסן װאָס זײ האָבן געלערנט. זי האָט געװאָלט, אַז די קינדער זאָלן קענען גוט די כּפּל־טאַבעלע און זי פֿלעגט שעהענװײַז מאַטערן די קינדער, װעלכע זענען אױף די לעקציעס געזעסן אָנגעשטרענגטע, נישט װיסנדיק אױף װעמען דער אומגליקלעכער גורל װעט פֿאַלן, צו ענטפֿערן אױף אירע פֿראַגעס. זי פֿלעגט שפּרינגען פֿון אײן עק קלאַס צום צװײטן, אױסרופֿן די נעמען, אָדער גאָר פּלוצעם אָנװײַזן אױף אַ קינד װאָס האָט זיך אָמװײניקסטן דערױף געריכט. צײַט אױף צו רעכענען אָדער טראַכטן האָט דאָס קינד קײן מאָל נישט געהאַט. זי האָט זיך אױך באַמיט אײַנצופֿלאַנצן ליבשאַפֿט צו חיות און פֿײגל. אײן מאָל האָט זי אונדז דערצײלט װעגן אַ פֿײגעלע מיט אַן איבערגעהאַקטן פֿליגל. דאָס פֿײגעלע האָט אַ קינד אױסגעהײלט. װי ס׳האָט זיך אַרױסגעװיזן איז דאָס קינד געװען זי אַלײן. זי האָט אױך אַזאַ אופֿן געװאָלט אַרױסרופֿן בײַ די קינדער ליבשאַפֿט צו לעבעדיקע נפֿשות, און מיט דעם אפֿשר אױך געבן צו פֿאַרשטײן, אַז זי איז אין דער װירקלעכקײט נישט אַזאַ שטרענגע. ס׳איז אױך שװער צו דערגײן די סיבה פֿון איר פֿאַרפֿאָלגן די קינדער פֿאַר רעדן ייִדיש. האָט זי אפֿשר געטראַכט מיט דעם צו העלפֿן די קינדער? מיטן פֿאַרענדערן די נעמען און באַנוצן די פּױלישע שפּראַך און מנהגים האָט זי אפֿשר געהאָפֿט, אַז די קינדער װעלן האָבן אַ בעסער לעבן? אַ פֿאַקט איז, אַז אירע אײגענע קינדער האָט זי דערצױגן אין זעלבן גײַסט. זײ זענען געװען פֿולשטענדיק אַסימילירט. מען קען אױך טראַכטן אַז מיטן שטרענגן אױספֿירן די אָנװײַזונגען פֿון דער מאַכט האָט זי געהאָפֿט זיך צו שאַפֿן אַ זיכערע שטעלונג אין אױסהאַלטן איר פֿאַמיליע.

לענגאויס דער לובאַרטאָווסקע

אַרום 1917 האָט מיין פעטער שלמה פערנאַנד דאָס צווייטע מאָל חתונה געהאַט. גייענדיק צו אים האָב איך געמוזט פאַרבייגיין לובאַרטאָווסקע 30, ווו ס'האָט זיך געפונען דער פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וועלכער פלעגט אָנטאָן אַ סך צרות דער יידישער אָרעמקייט. דאָס הויז האָט מען נישט געקענט פאַרבייגיין אָן שרעק. מיין פעטער מיט זיין פרוי און איינציקן זון האָט געוווינט אין איין צימער מיט אַ קיך. זיין צווייטע פרוי, אַ שיינע, עטלעכע יאָר יינגער פון אים, האָט שטענדיק געשטרעבט צו פאַרשענערן דאָס לעבן. זייער קליינע וווינונג איז געווען שיין פאַרפּוצט, זי אַליין איז אויך געווען שיין געקליידט און זיך באַמיט איבערצונעמען די „בעסערע" מאַניערן און אָפּהיטן די „געהעריקע' עטיקעט. זי האָט געענדערט איר נאָמען און פון ציפּע איז זי געוואָרן צעשע. רעדן האָט זי ליב געהאַט מער פויליש ווי יידיש. איר זון האָט געמוזט די פרויען קושן אין דער האַנט ביים טרעפן און געזע־גענען. דאָס זעלבע האָט זי אויך געפאָדערט פון מיין פעטער. דאָס קושן אין האַנט איז פאַר מיר געוואָרן אַן אָפּקומעניש. ביי יעדער באַזוך ביי אונדז האָט זי געוואַרט איך זאָל איר אַ קוש טאָן אין האַנט. איך האָב דערצו קיין חשק נישט געהאַט. אַזאַ פירעכץ האָט מען ביי אונדז אין דער היים נישט פּראַקטיצירט און איך האָב די נייע מנהגים נישט געוואָלט אָננעמען. פלעג איך אַנטלויפן פון שטוב, ווען איך האָב מיך דערוווסט אַז זי קומט צו גאַסט. איך האָב זי אויך אויסגעמיטן ווען איך האָב זי באַמערקט אויף דער גאַס.

יעדן טאָג, נאָך מיטאָג פלעגט מיין מומע זיך אויספּוצן אין אירע שיינע קליידער. ווינטער פלעגט זי פּאַראַדירן אין זשאַקעט פון פּאָפּיעליצעס, אַ ירושה פון מיין פעטערס ערשטער פרויס אַ פוטער. די פּאָפּיעליצעס זענען לויט דער דעמאָלטדיקער מאָדע געווען אונטערגעגעבן אויף דער צווייטער זייט, פון אויבן איז געווען אַ שוואַרצער איבערצוג. צעשע האָט דאָס איבער־געמאַכט פריער אויף אַ לאַנגן פוטער און דערנאָך, ווען דאָס פוטער האָט זיך אָפּגענוצט, האָט זי געמאַכט דערפון אַ זשאַקעט. דאָס פוטער און דער זשאַ־קעט זענען געווען אין העלן בעזש־קאָליר. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון העכסטער עלעגאַנץ. קיין אָפּטע קליידונג ביי דער יידישער אָרעמקייט איז דאָס טאָקע נישט געווען. דער זשאַקעט האָט מיין מומען צוגע־געבן אַ באַזונדערן גלאַנץ און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מיין פעטער געהערט

צו די בעסער סיטואירטע. איר זשאַקעט, און מיין פעטערס פוטער מיטן קאַראַקול־קאַלנער, האָבן דעמאָלט דערמאָנט מיין פעטערס בעסערע צייטן, ווען זיין דרוקעריי איז גוט געגאַנגען. אָבער די אַרבעט אין זיין דרוקעריי איז שוין געגאַנגען שיטערלעך. די קאָנקורענץ איז געוואָרן שטאַרקער. ס'האָט אויך אָנגעהויבן ווירקן דער פּוילישער באָיקאָט קעגן די ייִדישע האַנטווערקערס. די באַשטעלונגען האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ שוואַכער. אַ שטיקל אויפלעבונג האָט די דרוקעריי געקענט, ווען העניעק, מיין פעטערס איינציקער זון, האָט אָנגעהויבן צוהעלפן. ער האָט בעסער באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און ער האָט פאַרביטן דעם זעצער און אויך אַ קאָרעקטאָר, וועמען דער פעטער האָט פריִער געמוזט באַנוצן. אַזוי אַרום האָט העניעקס מיטאַרבעט פאַרקלענערט די קאָסטן. באַזונדער געהאָלפן האָט אויך זיין אויסזען. די קונדן האָבן אין קאָנטאַקט מיט אים נישט שטענדיק גלייך „אַנטדעקט" זיין ייִדישן ייִחוס. דער נאָמען פערנאַנד, זיין גוט פּויליש רעדן, און זיין „גוט" אויסזען האָבן געבראַכט צו אַ פאַרבעסערונג אין מצב פון דער דרוקעריי. אָבער אויף לאַנג האָט דאָס נישט געקלעקט. אין די דרייסיקער יאָרן איז די פּרנסה פון מיין פעטער מיט זיין זון געווען זייער געשלאָגן.

אין זעלבן הויז, אויפן זעלבן ערשטן שטאָק, האָט געוווינט אַ פאַמיליע פון פיר פּערזאָן, די עלטערן און צוויי זין, בײדע האָבן געלערנט און געענדיקט די „פּאָווסעכנע" פאַר די ייִנגלעך. זיי זענען געווען אין מיין עלטער. די עלטערן האָבן זיך פאַרנומען מיט פישהאַנדל אויפן מאַרק. זיי האָט זיך גוט געלעבט.

די בלישאָקעס האָבן געוווינט און געהאַט אַ בעקעריי אויפן ראָג פון דער לובאַרטאָווסקע און רוסקע. דער אַריינגאַנג האָט געפירט דורך דער רוסקע. פון דער פאַמיליע געדענק איך דאָס עלטערע גרייז־גראָע פאַרפאַלק אויף וועמעס נאָמען ס'איז געווען די בעקעריי וואָס האָט געהאַט אַ זייער גוטן שם ווי איינע פון די בעסטע בעקערייען אין דער געגנט. דאָס ברויט פלעגט שמעקן אויסערגעוויינלעך. אין דער צייט ווען איך פלעג אַהין אַריינקומען, האָט אין דער בעקעריי צוגעהאָלפן די עלטערע טאָכטער (וואַרשיינלעך האָט זי געהייסן פּערל), שפּעטער האָט זיך אין בעקעריי אויך באַוויזן איר מאַן, וועלכן אַלע האָבן געקענט אונטערן צונאָמען „לוטוואַק". אַריינקומענדיק אין דער משפּחה, האָט ער באַלד זיך אַרויסגערוקט אויף אַ וויכטיקער פּאָזיציע און האָט צו ביסלעך אַלע אַנדערע אָפּגעשטופּט אין אַ זייט. איך האָב אים

נישט ליב געהאַט. קען זײַן, אַז געווירקט האָט דאָ בײַ מיר די אַלגעמיינע אײַנשטעלונג צו די „לוטוואַקעס", צו וועלכע די פּוילישע ייִדן האָבן געפֿילט נישט קיין סימפּאַטיע נישט קיין צוטרוי. ער איז געווען פֿליכעוואַטע, אַן אין האָר אויפֿן קאָפּ. אָבער פּערל, זײַן פֿרוי, איז צו אים געווען צוגעבונדן, אָבער זעט אויס אַז זי האָט אַ ביסל מורא געהאַט פֿאַר אים.

פֿון דער צווייטער טאָכטער האָבן די עלטערן געהאַט נאָר צרות און בושות. זי איז געווען אַ קריפּל פֿון געבוירן. זי האָט נישט געקענט גיין און נישט רעדן. זי איז געזעסן שטענדיק אין אַ ספּעציעלן בענקל, אַן ענלעכן צו די בענקלעך פֿאַר קליינע קינדער. אין יענער צײַט איז זי שוין געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. איך פֿלעג מורא האָבן פֿאַר איר ברומען און פֿאַר איר שטענדיקן יאָמערן. קען זײַן אַז אַזוי האָט זי געוואָלט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט די אַרומיקע, קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן מיט איר. איך פֿלעג זי אויסמײַדן. זי האָט מיר דערמאָנט אַ ווילד נפֿש, אַ שטומע חיה.

אין זעלבן הויז, מיטן אַרײַנגאַנג פֿון דער גאַס, האָט זיך געפֿונען אַן אַפּטייק. איך געדענק נאָר דעם נאָמען קאַטאַווסקי פֿון איינעם פֿון די צוויי שותּפֿים. אין דער אַפּטייק פֿלעגן אַלע פֿון דער אומגעגנט קויפֿן זייערע רפֿואות. מיר פֿלעגן אין אַפּטייק גיין נישט אָפֿט, ווײַל מיט דער הילף פֿון דאָקטאָר פֿלעגט מען זיך נוצן זייער זעלטן. ס'האָט שוין געמוזט זײַן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, אַז מיר זאָלן גיין צו אַ דאָקטאָר, און דאָס צוליב דעם פּרײַז פֿון אַ וויזיט בײַ אים, וועלכער איז שטענדיק געווען צו הויך פֿאַר דער אָרעמער קעשענע.

„אונדזער" דאָקטאָר, בײַ וועלכן מיר האָבן זיך יאָ געפֿילט אַ ביסל היימיש, איז געווען ציגנבערג. ער האָט געוווינט אויפֿן רינעק, רעכטס פֿון שטאָטזייגער. ער איז געווען אַ פֿאַלקסמענטש, גערעדט ייִדיש מיטן פּאַציענט. מײַן מוטער האָט געוויס צוליב זײַן ייִדיש־רעדן מיט אים זיך געפֿילט בעסער. מיט ד"ר ציגנבערגס רעצעפּט פֿלעג איך לויפֿן אַ מאָל צו קאַטאַווסקין אין אַפּטייק.

קאַטאַווסקי, אַ הויכער מאַן מיט געדיכטע וואָנצעס, האָט מיך שטענדיק אַ ביסל געשראָקן. איך פֿלעג לאַנג שטיין פֿאַר דער אַפּטייק ביז איך האָב מיר אָנגענומען מוט אַרײַנצוגיין. די אַפּטייק מיט אירע טונקל־ברוינע שענק און שענקלעך מיט די ווײַסע קנעפּלעך, פֿולע מיט פֿלעשער און פֿלעשעלעך פֿון פֿאַרשיידענעם פֿאָרמאַט, איז בײַ מיר געוואָרן אַ מוסטער פֿאַר אַן אַפּטייק.

ביז היינט קען איך מיך נישט געוווינען צו אַן אַפּטייק מיט אַן אַנדער אויסזען.

לובאַרטאָווסקע 29 האָט מען גערופן „דאָס הויז פון די ראַטעס". מיט איינעם פון זיי, העניעק ראַט, האָב איך אין די שפּעטערע יאָרן געלערנט אין דער „הומאַניסטישער" גימנאַזיע. פריִער האָב איך וועגן די ראַטעס געוווסט נאָר דאָס, אַז זיי געהערן צו די פאַרמעגלעכע. דאָס הויז זייערס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיטן טריסקער רבן, אייגנטלעך — מיט זיינע טעכטער, וועלכע פלעגן אַרויסרופן פאַרדראָס מיט זייער וועלטלעכער און מאָדערנער קליידונג, און מיט זייער געזעלשאַפט אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען אויך קריסטן, פשוט גערעדט — שקצים. זיך חברן מיט נישט־ייִדן האָט זיך גערעכנט פאַר אַ חטא ביי אַ טייל פון דער פאַנאַטיש־ייִדישער באַפעלקערונג, און דער חטא איז געווען נאָך גרעסער צוליבן אָפּשטאַם פון די טעכטער. דעריבער האָבן זיי געהאַט נישט קיין גוטן שם.

לובאַרטאָווסקע 31, (אָדער 33) איז געווען דאָס ערשטע הויז, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון דער דייטשישער באָמבאַרדירונג. אין דעם הויז האָט געוווינט מיין מוטערס אַ באַקאַנטע, אַ נייטאָרין, שׂרה לאה. זי איז געווען אַ שוועסטער פון מיין מוטערס חברטע, וועלכע האָט געוווינט ביי אונדז, ווען מיין פאָטער און איר מאַן האָבן געדינט ביי פּאַניען אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. צו שׂרה לאהס ווינונג האָבן געפירט הויכע, גע־דרייטע ספּיראַל־שטיגן. דאָס אַרויפגייען איז פאַר מיר נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. מיינע קורצע פיסלעך האָבן דעמאָלט קוים דערגרייכט צו דעם העכערן טרעפּל. ווען מיר פלעגן, פאַרסאַפּעטע, זיך שוין דערשלעפּן צו שׂרה־לאהס ווינונג, האָבן מיר זיך געמוזט תּיכף אָוועקזעצן. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי איינפאַך, וויל אין דעם קליינעם צימערל איז געווען זייער ענג. דאָרט איז געשטאַנען איר ניימאַשין, איר בעט, און צוויי טאַבורעטקעס, תּמיד פאַרלייגטע מיט ווייסער לייוונט. ס'האָט שטענדיק געמוזט דויערן אַ ווײַלע ביז שׂרה־לאה האָט באַפרייט די טאַבורעטקעס פאַר מיר און פאַר מיין מוטער און זי אַליין האָט זיך געזעצט אויפן בעט. שׂרה־לאה איז געווען אַן איינזאַמע פרוי. איך מיין אַז זי איז אין יענער צייט געווען אַן אַלמנה. זי האָט געטראָגן אַ שייטל אויפן קאָפּ און געהאַט אַ מויל אָן ציין. זי און מיין מוטער האָבן שטענדיק געהאַט זייער אַ סך וואָס זיך אָנצופּאַטרויען.

דאָס יידישע שפּיטאָל

דאָס יידישע שפּיטאָל, וואָס מ'האָט אויך גערופן „דאָס הקדש", האָט זיך געפונען ביים סוף פון דער לובאַרטאָווסקע. ווייטער איז דעמאָלט געשטאַנען בלויז איין הויז, וועלכעס האָט געהערט צו די שיפּס. דאָס שפּיטאָל איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויערל. אויף דעם מויערל פלעגן מיר און אַ סך אַנדערע, איבערהויפּט יידישע פרויען מיט קינדער, קומען נאָך מיטאָג זוכן אַ ביסל פרישע לופט. דאָרט פלעגן די פרויען זיך אוועקזעצן, אַ ביסל זיך אָפּרוען נאָך דעם גאַנצן טאָג, זיך טיילן מיט די „לעצטע נייעסן", אָראָפּ־רעדן זיך פון האַרץ; דאָרט פלעגן די קינדער געפינען חברים און זיך שפּילן אין פאַרשידענע שפּילן, ווער מיט אַ קליפּע, ווער מיט אַ ראָד, ווער מיט אַ באַלעם געמאַכט פון שמאַטעס.

לאַנגע יאָרן האָב איך דאָס שפּיטאָל געזען דורך די שטאַכעטן פונעם מויערל. פון אינעווייניק האָב איך די טראַגישע לאַגע דערזען אין דער פולער גרויזאַמקייט, ווען מיין זיידע איז געפערלעך קראַנק געוואָרן. פון די גע־שפּרעכן פון מיינע עלטערן און אַנדערע דערוואַקסענע האָב איך שטענדיק געהערט, אַז אויב דאָס שפּיטאָל עקזיסטירט, מוזן אויך עקזיסטירן ניסים. די איינקונפטן זענען שטענדיק געווען ווייט פון די שפּיטאָל־באַדערפענישן. זיי זענען קיין מאָל נישט געווען גענוגנדיקע. תמיד האָט אויסגעפעלט אויף מעדיקאַמענטן, אויף עסן פאַר די קראַנקע, אויף די געהאַלטן פאַר די דאָק־טוירים און פאַרן איבעריקן באַדינונגס־פּערסאָנאַל. קיינער פון זיי האָט נישט געקראָגן זיין לוין צו דער צייט.

קיין מלוכישע, אָדער קאָמונאַלע שטיצע האָט דאָס שפּיטאָל נישט באַקומען. די עיקר־הילף איז געקומען פון דער יידישער קהילה און פון געשאַנקען פון יידישע פילאַנטראָפּן. אין דער צייט ווען מיין זיידע איז דאָרט געלעגן האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען דעם טרויעריקן מצב: די קראַנקע זענען אָפּט געווען הונגעריק. ס'האָט דאָרט פּשוט געפעלט דאָס נויטווענדיקסטע. די קראַנקע זענען דאָך שטענדיק געקומען פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און האָבן אויף קיין הילף פון דער היים נישט געקענט רעכענען. די שטערבלעכקייט צווישן די קראַנקע איז געווען גרויס, ווייל אָפּט מאָל פלעגן זיי אין שפּיטאָל אָנקומען צו שפּעט, ווען דער דאָקטאָר האָט זיי שוין אַ סך נישט געקענט העלפן. באַזונדערס

גרויס איז געווען די שטערבלעכקייט אין דעם כירורגישן אָפּטייל מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט דער דאָקטאָר ראָזען. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ שלעכטע רעפּוטאַציע. כאָטש די נישט געראָטענע אָפּעראַציעס זענען געשען אָפּט צוליב דעם שלעכטן אויסשטייער פון שפּיטאָל, און אויך צוליבן פאַרצווייפלטן צו־שטאַנד פון די וועלכע פלעגן קומען צו אים צו שפּעט. מענטשן פלעגן מורא האָבן צו לאָזן זיך דורך אים אָפּערירן. די סיבות פונעם טויט פלעגט מען צושרייבן זיינע שוואַכע קענטעניש.

צווישן די דאָקטוירים פון שפּיטאָל איז באַקאַנט געווען דער דאָקטאָר מאַנדעלבוים, דער לאַנגיאָריקער דירעקטאָר, וועלכער איז אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע אומגעקומען ערגעץ־ווו אין אונגאַרן. וועגן זיין טראַגישן טויט האָט מיר דערציילט זיין פרוי פראַנציסקאַ, וועלכע האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אין אַ קאַטוילישן קלויסטער. עפּעס־ענדיק זיין קאַבינעט אויף דער בערנאַדינסקע אין זיין אייגענעם הויז, האָט ער געמאַכט אַ גרויסע קאָנקורענץ דעם דאָקטאָר צינבערג, נאָך וועלכן ער האָט אויך איבערגענומען דעם פּאָסטן פון שפּיטאָל־דירעקטאָר. פון זיין משפּחה לעבט זיין טאָכטער קריסטינאַ מאַדזעווסקאַ, וועלכע געפינט זיך אין אופּסאַלאַ אין שוועדן. זי האָט געענדיקט אין פּוילן צוויי פאַקולטעטן: מעדיצין און אַנטראָ־פּאָלאָגיע. זי פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואַרשיינלעך אין צווייטן פון די דערמאָנטע געביטן. זי האָט אויך פּובליצירט עטלעכע בעלע־טריסטישע ביכער. דעם דאָקטאָרס זון איז אומגעקומען אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, זיין פרוי איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין לובלין אין עלטער פון אַריבער 80 יאָר.

די ישיבה

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט באַלד נאָכן שפּיטאָל,ביים אַריינגאַנג פון לובאַרטאָווסקע אויף אוניצקע, אָנגעהויבן וואַקסן אַ געביידע, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם נייעם אין יענער צייט, הרב שפּירא. דאָס איז געווען דער בנין פון דער קינפּטיקער ישיבה פאַר יידישע בחורים פון דער גאַנצער וועלט. צום לייגן דעם גרונטשטיין זענען געקומען רביים און חסידים, מאַסן פרומע לייט פון דער גאַנצער וועלט. גאַנצע גאַסן זענען דעמאָלט געווען פול מיט שוואַרצע קאַפּאָטעס, שטריימלעך און ווייסע זאָקן פון די פרומע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט מיטמאַכן דאָס גרויסע געשעעניש פון לייגן דעם

גרונטשטיין פאַר דער באַרימט געוואָרענער אין די שפּעטערדיקע יאָרן ישיבת חכמי־לובלין. פאַר וואָס דער גורל האָט באַשטימט לובלין פאַר אַזאַ ישיבה, וואָס איז געווען איינציק אין דער יידישער וועלט, איז מיר נישט פולקאָם קלאָר. מעגלעך אַז געווירקט דאָ האָט די אויטאָריטעט פון דעם רב שפּירא, וועלכער איז געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט און אַ הויך געבילדעטער מאַן אויך אין וועלטלעכן וויסן. מעגלעך אויך אַז לובלין איז אויסגעקליבן געוואָרן צוליב איר רייכער יידישקייט־טראַדיציע און דער יידישער באַפעל־קערונג פון עטלעכע פערציק טויזנט נפשות. אַ סך יידן פון לובלין האָבן געשפּענדט געלט פאַר דער ישיבה. זאַמל־פּושקעלעך האָבן זיך באַוויזן אין לובלינער היימען, אָבער די גרעסטע סומעס זענען אַריינגעפלאָסן פון יידן פון דער גאַרער וועלט. אַזוי אַרום אין אין לובלין, ווו אין איין עק שטאָט האָט זיך געפונען דער קאַטוילישער אוניווערסיטעט, אין צווייטן עק פון דער שטאָט אויסגעוואַקסן אַ יידישע רעליגיעזע היכשול. צו דער דערעפענונג פון דער ישיבה זענען טויזנטער יידן פון דער גאַנצער וועלט ווידער געקומען ביישטויינען דעם חנוכת הבית.

די ישיבה איז געווען גאָר אַ נייעס און אַ יוצא־דופן אין דער רעליגיעזער וועלט. די באַדינגונגען פאַר די בחורים זענען געווען גאָר אַנדערע, ווי אין אַלע אַנדערע ישיבות אין פּוילן און אפשר אויך אין דער וועלט. דאָ זענען געווען ליכטיקע גראַמע צימערן צום וווינען, גרויסע זאַלן צום לערנען, ווי אויך די נויטיקע היגיענישע איינריכטונגען. די גוטע באַדינגונגען האָבן געדאַרפט דערמוטיקן יונגעלייט פון רייכע היימען צו קומען קיין לובלין שטודירן. אַ באַזונדערע צוציונגס־קראַפט האָט געהאַט דער מאָדעל פון בית־המקדש וואָס האָט געזאָלט זיין פון עכטן גאָלד אויסגעגאָסן און געפורעמט לויטן אַמאָליקן בית־המקדש.

באַזוכן די ישיבה איז נישט געווען לייכט, איבערהויפּט פאַר פרויען. מיר אָבער האָט זיך דאָס איינגעגעבן, צוליב מיין באַקאַנטשאַפט מיט גדליהו פון די הערינגס זון (גערופן האָט מען אים אַזוי ווייל ער האָט גע־האַנדלט מיט הערינג). ער האָט געלערנט מוזיק ביי מיין זיידן. האָט ער מיר צוגעזאָגט צו ווייזן די ישיבה פון אינווייניק. קענענדיק דעם בן־יחיד פון גדליהון פאַר אַן עקסצענטרישן בחור, וועלכער האָט געהאַט משונהדיקע איינפאַלן, האָב איך נישט שטאַרק געגלויבט, אַז ער וועט האַלטן וואָרט. אָבער דאָס מאָל האָט ער מיך טאַקע אַריינגעפירט אין דער ישיבה און איך האָב

געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען אַ ביסל ווי זי זעט אויס אינעווייניק: זען די גרויסע זאַלן, וווּ די בחורים האָבן געלערנט און די גאַלעריע אַרום די זאַלן, פון וואַנען איך האָב געקענט באַאָבאַכטן די יוגנט, וועלכע האָט דאָרטן געלערנט. פאַר די בחורים איז מיין באַזוך צוזאַמען מיט אַ וועלטלעך־געקליידטן בחור געווען עפּעס גאָר אומגעוויינלעך. זיי האָבן בגנבה געוואָרפן אויף אונדז נייגעריקע בליקן, ווער פאַרוואונדערטע, ווער בייזע. דער גאַנצער באַזוך האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז עפּעס אַ שווערער חלום. איך האָב די גאַנצע צייט מיך געפילט אַזוי, ווי איך וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. דעם ראש־ישיבה, הרב שפּיראַ, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טרעפן עטלעכע מאָל. יעדן מלוכישן יום־טוב פלעגט ער האַלטן אַ דרשה פאַר די קינדער פון די פיר יידישע פאָלקסשולן. די פוילישע קינדער פלעגן דעמאָלט גיין אין קירך, און מיר פלעגן זיך זאַמלען אין דער מהרש״ל־שול, וווּ ס׳האָט צו אונדז גערעדט דער רב שפּיראַ. איין מאָל אין אַזאַ יום־טוב, האָט ער פאַר אונדז, קינדער, אין זיין דרשה שטאַרק געלויבט יוזעף פּילסודסקין. ער האָט אים פאַרגליכט מיט דעם ביבלישן יוסף... ווי אַזוי ער האָט דעם פּאַראַלעל דורכגעפירט, איז מיר שווער זיך צו דערמאָנען. איך געדענק נאָר, אַז דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ווידערווילן און אַ פאַרדראָס. זיין לויבגעזאַנג האָט נישט געשטימט מיט די געפילן און דעם מצב פון דער יידישע באַפעלקערונג פון יענער צייט. מיר האָט זיך גוט פאַרגעדענקט די לוויה פון הרב שפּיראַ, אין וועלכער ס׳האָט אָנטייל גענומען די גאַנצע שטאָט. איך האָב מיך געפונען אויף אַ גוטן אָבסערוואַציע־פּונקט, אויפן באַלקאָן ביי די אַלטערס, אויפן פּערטן שטאָק לובאַרטאָווסקע 21. פון דאָרט האָב איך געקענט זען דעם גאַנצן לוויה־צוג, ווי אויף דער האַנט. די גאַנצע לענג פון דער גאַס ביזן שטאָט־זייגער פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, ביז דער אַזוי גערופענער לעווערטאָווער ראָגאַטקע. דער צוג פון מאַסן מענטשן האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דאָס ערשטע און לעצטע מאָל האָב איך געזען אַ גרויסע צאָל יידן פאַרזאַמלט אויף איין גאַס פון דער שטאָט. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די גאַס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער רירעוודיקער מאַסע, געשאַפן פון די שוואַרצע קאַפּאָטעס. ערגעץ וווּ האָט זיך נאָר אויסגעטיילט אַ ווייסע פאַר זאָקן פון די גאַליציאַנער חסידים, אָדער אַ סויבל־שטריימל.

נאָך דער מלחמה האָב איך באַזוכט דעם יידישן בית־עולם. די דייטשן

האָבן דאָרט פאַרניכטעט אַלע קברים, אָבער דער אוהל פון הרב שפּירא איז געבליבן אַ גאַנצער.

דער סאַד אַנטקעגן דעם שפּיטאָל איז געווען דאָס צווייטע אָרט, ווו די אײנוווינערס פון דער לובאַרטאָווסקע האָבן געזוכט אַ ביסל פרישע לופט. גרויס איז דער סאַד נישט געווען, ער האָט געקענט האָבן עטלעכע הונדערט קוואַדראַט־מעטער, קיין סך ביימער האָט ער אויך נישט געהאַט, אָבער אין דער געגנט ווו ס׳איז געווען ווייניק גרינס איז דאָס געווען אַ געווונטשן אָרט. דער אייגנטימער איז געווען נישט אַנטציקט פון די באַזוכערס און, נישט קוקנדיק אויף זיין פאַרבאָט אַריינצוקומען, פלעגט דאָרט שטענדיק פול זיין מיט פרויען און קינדער וואָס האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער זון, אָדער געזעסן אין שאָטן פון די אָנגעמישע ביימלעך.

דאָס בילד פון דער לובאַרטאָווסקע וואָלט נישט געווען גאַנץ, ווען איך לאָז אַדורך די טרעגערס, וואָס האָבן זיך אַריינגעשריבן אין דער גאַס ווי אירער אַ כאַראַקטעריסטישער באַשטאַנדטייל. זיי פלעגן שטיין גרופּעסווייז און וואַרטן אויף אַ שטיקל אַרבעט. צו שלעפּן שווערע לאַסטן אויף די פּלייצעס, אַ מאָל אויף לאַנגע שטרעקעס, האָט מען געדאַרפט זיין שטאַרקע קרעפטיקע מענער. ברייטפּלייציקע, מיט גראָבע, אַנגעלאָפענע אָדערן אויף די מאַזאָליקע הענט, זענען זיי געווען אויך אַן אָרגאַניזירטע גרופּע וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאָלידאַרישקייט.

אין 1920 האָט אַ באַנדע שוואַרצמאַהדיקע אויסוואָרפן געפּרוווט צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף די ייִדן פון לובאַרטאָווסקע און דער שכנותדיקער קאַוואַלסקע גאַס. דעם טאָג ווען די באַנדע האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אויף אונדזער גאַס געדענק איך גענוי. איך בין געשטאַנען אין שטוב ביי מיין ברודערס וויגעלע אין מיטן צימער. מיין מוטער האָט אין פּחד אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, היטנדיק זיך נישט געטראָפן צו ווערן פון אַ שטיין. די פאַרצווייפלונג פון די אײנוווינערס, די מורא זייערע פאַר אַ פּאָגראָם איז געווען גרויס. מ׳האָט נישט געוווּסט די צאָל פון דער מחנה און מיט וואָסער געווער זיי זענען באַוואָפנט. אָבער — די אָנגרייפערס האָבן געליטן אַ מפּלה, איידער די צעיושעטע אויסוואָרפן האָבן באַוויזן צו צעפירן זיך די הענט.

פלוצעם איז געוואָרן אַן אָנגעלויף פון די טרעגערס אין שפּיץ מיט „הויזשעבו״. הויזשעבו איז געווען דער צונאָמען פון אַ באַקאַנטן צווישן די

טרעגערס אין לובלין, אייגנטימער פון אַ פלאַטפאָרמע מיט צווי פערד — אַ הויכוווקסיקער ייִד, מיט אַ פלאַם־פייערדיק רויטן פנים, אַ גיבור. צווישן די וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די זעלבשוץ האָט זיך אויך געפונען משה־יאָסל שפּיעוואַק, דער ברודער פון מיין שכן חיים־יאַנקל.

די טרעגערס זענען געווען אָרגאַניזירט. זיי האָבן געהאַט אַ פּראָפעסיאָ־נעלן פאַראיין, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט דער בונדיסט לייבל לערער.

ווען איך געדענק איך אַ מעשה, פאַר וועלכער ס׳האָבן אים אַ סך פאַר־אורטיילט. ער האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי און זיך פאַרבונדן מיט אַ צווייטער, אַ יינגערער. אָבער איך געדענק אויך אַ צווייטן פאַקט וואָס איז ווערט פאַר־צייכנט צו ווערן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם אַזוי גערופענעם פאָלקספראָנט. איין מאָל, בעת אַ געמיינזאַמען מיטינג פון קאָמוניסטן מיט בונדיסטן, איז דעם מיטינג באַפאַלן די פּאָליצײַ. פּיוול קאַמיען פון די קאָמוניסטישע טוערס האָט פאַרגעלייגנט די רעזאָלוציע פון זיין פּאַרטיי, וואָס ווען זי פאַלט אַריין אין די פּאָליצייִשע הענט האָט עס געשמעקט מיט יאָרן תּפיסה. לערערן האָט זיך איינגעגעבן, נישט אָן ריזיקע, צו באַהאַלטן דעם דאָקומענט, אַ בולטער באַווייז פון פּיוולס קאָמוניסטישער טעטיקייט, און ראַטעווען פון אַ צרה סיי אים, סיי דעם פאָלקספראָנט.

אויף דער לובאַרטאָווסקע האָבן מיר געהאַט אויך העסעס וואַג־ און געוויכט־פאַבריק. אין פאַבריק־טורעם איז געווען אַ זייגער, וואָס האָט גע־מאָסטן די צייט פון דער גאַס און אויך אָנגעמאָסטן דער גאַס איר ריטם. געווען אויך דער סיגנאַל פון דער סירענע — ער האָט צעטיילט דעם טאָג פון די איינוווינערס, ווען פאַר אַרבעט, ווען פאַר דאַוונען. די שול־קינדער געוועקט כּדי זיך צו איילן אין שול אַריין. דעם אייגנטימער האָט געקענט די גאַנצע גאַס. אָפט האָט מען אים געזען פאָרן אין זיין בריטשקע צוזאַמען מיט זיין בלאָנדער טאָכטער. אין די צוואַנציקער יאָרן איז אין דער פאַבריק אויסגעבראָכן אַ שׂריפה. זי האָט געברענט עטלעכע טעג. אויף דער גאַס האָט מען געמיינט אַז ס׳איז געקומען אַ סוף פון דער וועלט. אַחוץ דעם וואָס די שׂריפה האָט באַדראָט די אַרומיקע הייזער, האָט מען זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די פאַבריק, אַ לעבעדיקער גליד פון דער גאַס, קען אויפהערן צו עקזיסטירן, און דער זייגער און די סירענע וועלן אויפהערן אָנזאָגן די צייט.

כאָטש דער זייגער איז ווייטער געהאַנגען אויפן פריִערדיקן אָרט, האָט ער מער די צייט נישט אָנגעוויזן. נאָך דער שׂריפה האָט די פאַבריק זיך נישט געקענט מער צוריקשטעלן אויף די פיס. ס׳האָט דערנאָך נאָך געאַרבעט אַ געוויסע צייט אַ טייל פון דער פאַבריק, נאָר צו דער פריִערדיקער מדרגה איז זי שוין נישט דערגאַנגען. צום סוף האָט זי זיך ענדגילטיק פאַרמאַכט. אויפן אָרט איז נאָר געבליבן דעם אייגנטימערס בלאַנדע טאָכטער, וועלכע פלעגט ווייטער צי׳ען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און די נייגעריקע בליקן, ווען זי פלעגט זיך באַווייזן מיט איר חתן.

די טרעגעלס בעקעריי האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אויף דער גאַס. דאָס איז געווען די ערשטע און איינציקע פּוילישע בעקעריי צווישן דער גרויסער צאָל ייִדישע אויף דער לובאַרטאָווסקע. פון אָנהויב האָט קיינער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג נישט געוואָגט איבערצוטרעטן די שוועל אירע. צו ביסלעך האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע קונים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן ידיעות וועגן די אייגנטימערס און זייער גוט געבעקס. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די טרעגעלס זענען זייער העפלעכע פאַרקויפערס און זייער ווייס געבעקטס צייכנט זיך אויס מיט אַ ספּעציעל גוטן געשמאַק. אַזוי אַרום האָבן די טרעגעלס געוווּנען אַלץ מער קונים און אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט די אַרומיקע ייִדישע בע־קערייען.

אויף דער לובאַרטאָווסקע האָט אויך נישט געפעלט קיין אונטערוועלט. מאָטיקע, דער לובלינער אַל־קאַפּאָנע, האָט געהאַט זיין שטענדיקע „רעזידענץ״ פאַרן הויז לובאַרטאָווסקע 23, אָדער אויפן פּלאַץ, וואָס איז געלעגן צווישן לובאַרטאָווסקע און דעם אָנפאַנג פון רוסקע. דאָרט האָט ער אַדורכגעפירט אַלע זיינע „לינקע״ געשעפטן מיט דער הילף פון זיין מעסער. די גאַנצע געגנט האָט געציטערט פאַר מאָטיקען, דעם פּרעזידענט פון דער אונטער־וועלט. זיין שם איז געגאַנגען זייער ווייט. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג. מיר, קינדער, האָבן אים אויסגעמיטן, כאָטש ס׳האָט געהערט צום יחוס אים צו קענען. איך האָב אים אָפט מאָל געזען, ווייל איך האָב געוווינט אין צווייטן הויז פון זיין שטענ־דיקן פּלאַץ.

ווייזט אויס אַז נישט שטענדיק איז אים געלונגען מיט דערפאָלג אַדורכ־צופירן זיינע „געשעפטן״. איין מאָל האָט דאָס מזל אַזוי אים אונטערגעפירט,

אַז ער איז נאָך דעם לאַנגע וואָכן געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ צעשניטענעם בויך און אַ צעבראָכענעם פוס. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער שוין אויף שטענדיק געהאַט אַ צייכן אויפן בויך און אַ קירצערן פוס אויף וועלכן ער האָט אונטערגעהונקען. ווי מ'האָט מיר דערנאָך דערציילט, האָט מאָטיקע אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע און דער אויסראָטונג פון די לובלינער ייִדן, געהאָלפן ייִדן, און זיך באַמיט צו שיצן און ראַטעווען זיי. געננוי וועגן זיינע מעשׂים פון יענער צייט איז מיר נישט געלונגען זיך צו דערוויסן, אָבער פון דעם ווייניקן וואָס מ'האָט מיר דערציילט דרינגען מיר אַז ער האָט זיין חוב אָפּגעצאָלט און אַ ביסל זיך ריינגעוואַשן פאַר דער שרעק אין וועלכער ער פלעגט האַלטן די ייִדן.

די רוסקע גאַס

אויפן ראָג רוסקע און טאַרגאָווע, אַנטקעגן דעם פּלאַץ ווו די פּויערישע פורלעך פלעגן שטיין, האָט דעם פּאַרטער פון הויז פאַרנומען דאָס בית־מדרש פון די קצבים, אין וועלכן מיין פאָטער פלעג דאַוונען שבת. יעדן שבת איז דאָס קליינע צימער געווען געפּאַקט מיט מתפּללים. יעדער האָט אין די תּפילות אַריינגעלייגט זיינע אייגענע דאגות און בקשות. יעדער פון זיי האָט עס געטאָן אויף זיין אייגענעם אופן. אַ טייל מיט אַ גוטן בעטן, טייל מיט אַ געבייזער, אַנדערע מיט געפּאָדער. ס'האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן דאַוונען נישט געקענט. זיי האָבן פאַרפּאַסט אייגענע טעקסטן פון בקשות אָדער פאָדערונגען. דאָס בית־המדרש האָט געהאַט העכסטנס 20 קוואַדראַט מעטער, איז די ענגשאַפט געווען גרויס. אַלע זיץ־ און שטייפּלעצער זענען געווען פאַרנומען, ס'איז שווער געווען צו אָטעמען, אָבער די מתפּללים האָבן אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. זיי האָבן נאָר געוואָלט זייער תּפילה זאָל פאַרנומען ווערן פון גאָט און ער זאָל העלפן.

רוסקע 11 האָט זיך מיר פאַרגעדענקט צוליבן פריזיר־אַנשטאַלט, פון אַ גאַנץ יונגן בחור וועלכער האָט געהאַט אַ הויקער אויפן רוקן און אַ קרומע באָק דערצו. צוליב דעם פעלער האָט מען אים גערופן דאָס „בעקל״. ווי אַ

קעגנזאַץ, כּדי אונטערצושטרייכן זיין אומגליקלעך אויסזען, האָט ביי אים געאַרבעט דער שיינער בחור, שאַמעלע גרייער, וועגן וועלכן מע זאָגט אַז ער האָט אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסוואורף. ער האָט געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן אויפן חשבון פון די אומגליקלעכע אין געטאָ.

פון „בעקל" פלעגן אַלע חוזקן. פריילעך האָט מען זיך געמאַכט איבער־הויפּט צוליב זיין שטאַרקן אינטערעס צו שיינע מיידלעך. מ׳פלעגט אים איינרעדן, אַז אַלע מיידלעך לויפן אים פּשוט נאָך. ער האָט אין דעם גע־גלויבט און זיך באַמיט מיט איניקע באַשטימען אַ טרעפונג. די אַרומיקע קינדער האָבן שטענדיק באַוואַכט זיינע באַמיונגען און אָפּגעלאַכט פון זיינע דורכפאַלן.

אויף רוסקע 13 פלעג איך פאַרברענגען אַ סך צייט. דעריבער האָב איך דאָרט געקענט דעם אַרום. דאָרט האָט געהאַט אַ סאָדע־וואַסער־געוועלבל און דאָרט האָט אויך געוווינט מיין זיידנס אַ שוועסטער, חמהלע, מיט איר מאַן בערל און זייער איינציקער טאָכטער. זי האָט אויך געהייסן רויזע, ווי איך, אַ נאָמען מסתּם נאָך אַ געמיינזאַמער קרובה. אין די פריִערדיקע יאָרן האָט די פאַמיליע (גאָלדפאַרב האָבן זיי געהייסן) געוווינט אין וואַרשע, חמהלעס מאַן פלעגט פאַרדינען פון פאַפּיראָסן־האַנדל. ווען די „געשעפטן" האָבן אָנגעהויבן גיין מיט דער פוטער אַראָפּ, האָט בערל באַשטימט זיך איבערציִען קיין לובלין, ווו ס׳האָבן געוווינט חמהלעס קרובים. בערל האָט געדונגען דאָס צימער אויף רוסקע 13. אין איין זייט האָבן זיי געוווינט, און אין דער צווייטער, דער קלענערער זייט, איז געווען דאָס געוועלבל. דאָס צימער האָבן זיי אָפּגעטיילט מיט אַ הילצערן ווענטל. דאָס וואָס דאָס געוועלבל מיט דער וווינונג האָבן זיך געפונען צוזאַמען האָט געהאַט אַ גוטע זייט: זיי זענען שטענדיק געווען צו דער האַנט פון די גראָשנדיקע קונים. דערפאַר האָבן זיי קיין מאָל קיין רו נישט געהאַט, שוין נישט רעדנדיק פון דער ענגשאַפט. אין דעם שטיבל איז שטענדיק געווען אַ שווערע לופט. אַלע דריי זענען געווען קראַנקע מענטשן. בערל האָט געליטן אויף אַן אַסטמע און פלעגט קריגן געפערלעכע אָנפאַלן, וועלכע האָבן געשאַפן שטענדיק דעם איינדרוק, אַז ער וועט לאָזן די נשמה. האָט ער אָנגעהויבן הוסטן פלעגט זיין פּנים קריגן אַ פיאָלעטן קאָליר און די אויגן פלעגן שיִער נישט אַרויסשפּרינגען פון די לעכער. אין די שפּעטער־דיקע יאָרן האָט ער גענוצט אַ געוויסן סאָרט פאַפּיראָסן מיטן נאָמען „אַסט־

מאַסאַן". זיי פלעגט ער אָנהויבן רייכערן, ווען ער האָט געפּילט, אַז אַן אַטאַק דערנענטערט זיך. ער פלעגט דאַן אָפּהוסטן פרי׳ער אין אַ סך אַ לייכטערער פאָרם, די אַטאַקן האָבן פאַרלוירן די פרי׳ערדיקע קראַפט.

דאָס סאָדע־וואַסער־געוועלבל איז געווען די קוועל פון בערלס „פרנסה". דער אויסגעטיילטער פאַר דעם צוועק טייל פון צימער איז געווען זייער אַ קליינער, פּירקאַנטיק, ברייטער ווי לענגער. אויף דער וואַנט אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג זענען געווען עטלעכע פאָלקעס מיט עטלעכע סאָרטן פון די ביי־ליקסטע צוקערלעך אין שעכטלעך, אָדער בלעכענע פּושקעס. די לעצטע זענען געווען פאַר די אַזוי גערופענע „לאַנדרינקעס", וועלכע זיי פלעגן פאַר־קויפן אויף דער וואָג. לינקס פון דער טיר זענען געשטאַנען עטלעכע זעקעלעך מיט באָניעקערן, שוואַרצע קערעלעך פון זונרויזן. אַ מאָל אויך אַ ביסל וועל־טשענע אָדער אַנדערע ניס. ביי דער זעלבער וואַנט, נענטער צו דער טיר, האָט זיך געפונען אַ באַלאָן מיט סאָדע־וואַסער. דער באַלאָן איז געשטאַנען אין אַ פעסל באַלייגט מיט אייז, באַשיט מיט זאַלץ. אין אַ צווייט פעסל איז געשטאַנען אַ קופּערנע באַנקע מיט „ליאַדעס", די באַנקע איז אויך געווען באַלייגט מיט אייז און זאַלץ. דעם באַלאָן מיטן סאָדע־וואַסער און דאָס אייז האָט מען יעדן טאָג געבראַכט פון דער סאָדע־וואַסער־פאַבריק פון די ווייצענ־פעלדס פון דער טאַרגאָווע, ביים צווייטן אַריינגאַנג צו דער לובאַרטאָווסקע 21. (זיי האָבן אויך געוווינט אין דער זעלבער אָפּיצינע און געהאַט אַ סאָדע־וואַסער־געוועלב ביי די שיפערס, וועלכעס זיי האָבן געהאַלטן אָפן אויך שבת און אַרויסגערופן דערמיט ערגערניש פון די רבנים און פרומע יידן. ווען זייער אָפן האַלטן שבת איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אַ סך יאָרן. זיי האָבן דעם קאַמף געוווּנען.) די ליאַדעס פלעגט בערל אַליין מאַכן. דאָס איז געווען אַ זייער שווערע אַרבעט. ער האָט געמוזט די באַנקע מיט דער צוגעגרייטער פליסיקייט לאַנגע שעהען דרייען אין דעם פעסל מיט אייז. דאָס האָט אים שטענדיק געקאָסט זייער אַ סך כוחות, וועלכע ער האָט צוליב זיין אַסטמע נישט געהאַט צו פיל. ער האָט דעריבער געמוזט אָנקומען צו אונדזער, דאָס הייסט, צו די קינדערס הילף. אַזוי ווי ער האָט אונדז קיין מאָל נישט באַהאַנדלט העפלעך איז דאָס אים נישט לייכט אָנגעקומען.

פאַר בערלען האָבן קינדער (די גרעסטע צאָל פון זיינען קונדן) מורא געהאַט. מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בייזן און שלעכטן, כאָטש אין דער אמתן האָב איך געקענט בערלען אין מינוטן ווען ער איז געווען אָנגענעם

און אינטערעסאַנט פאַר די קינדער. ער פלעגט אונדז דערציילן וועגן פאַר־שידענע זאַכן, אויפקלערן דאָס וואָס איז פאַר אונדז געווען נישט פאַר־שטענדלעך; ער פלעג אויך גאַנץ געלונגען זיך וויצלען. איך געדענק אַ זייער אינטערעסאַנטן שפּאַציר מיט אים און זיין טאָכטער אין זאַקסישן גאָרטן, ווו ער האָט אונדז אין דער אַזוי גערופענער „טשעמנע אַלעע״ געוויזן אַ סטאַטוע, וועלכע האָט, לויט אים, געזאָלט זיין אַ דענקמאָל פון אַ תליה, אויף וועלכער מען פלעגט אין די צאַרישע צייטן הענגען פאַרברעכערס. וויפל אמת ס׳איז געווען אין דער דערציילונג האָב איך קיין מאָל נישט געקענט פעסטשטעלן, כאָטש איך האָב געפּרוווט זיך דערוויסן אין די שפּע־טערדיקע יאָרן. בערל איז געווען אין אַלגעמיין אַן אינטעליגענטער און באַלעזענער מאַן, זיינע שטענדיקע דאגות־פּרנסה און זיין קראַנקייט האָבן זיכער געווירקט אויף זיין פאַרביטערטקייט, און אויף דעם רושם וואָס ער האָט געמאַכט פון אַ בייזן און שלעכטן מענטש. גאַנץ מעגלעך, אַז אין אַנדערע באַדינגונגען וואָלט ער געווען גאָר אַן אַנדערער.

וועגן חמהלען פלעגט מען זאָגן, אַז זי האָט נישט קיין גאַל. זי איז אָבער געווען זייער קראַנק אויף די לונגען און האָט אָפט מאָל געמוזט זיך צוריק־ציִען אין דעם הינטערגעוועלב, וויל די כּוחות פלעגן זי פאַרלאָזן.

חמהלע פלעגט אָפט קומען אונדז באַזוכן, און שטענדיק פלעגט זי פאַר מיר, מיינע צוויי ברידער און שוועסטער, עפּעס ברענגען פון איר געוועלבל. די מתּנות האָט זי געמוזט נעמען אין געהיים פון איר מאַן. ער האָט אַזעלכע שוואַכקייטן נישט פאַרטראָגן. צוליב די נאַשערייען, זענען אירע באַזוכן ביי אונדז געווען אַנגעלייגטע. אָבער, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן איר שווערער אַנשטעקנדיקער קראַנקייט, פלעגן אונדז אירע באַזוכן שרעקן. מיר, די קינדער, פלעגן יעדעס מאָל פאַרשווינדן פון דער היים. איר צושטאַנד האָט זיך כּסדר פאַרערגערט, זי איז געוואָרן אַלץ מאָגערער און מאָגערער. צום סוף איז פון איר געבליבן הויט און ביין. איר טויט האָט זיך דער־נעענטערט. איך האָב זי מיט מיין מוטער באַזוכט דעם לעצטן טאָג פון איר לעבן. אויפן בעט איז געלעגן אַ בינטל ביינער אַנגעטאָן אין אַ קליידל. זי איז שוין לאַנגע שעהען געלעגן אָן באַוועגונג, אָבער ווען מיר זענען אַריינ־געקומען, האָט זי נאָך געעפנט אויף אַ ווײַלע אירע אויגן, וועלכע האָבן דערמאָנט צוויי גרויסע גאָלקעס איבערגעדעקטע מיט אַ ווייס הייטל. זי האָט אַ קוק געטאָן מיט אירע נישט זעעוודיקע אויגן און זיי שנעל צוריק פאַר־

מאַכט, און איר קערפּער איז ווייטער געלעגן אָן באַוועגונג. דעם זעלבן טאָג איז זי געשטאָרבן.

איר טאָכטער רויזע, אָדער רוזשע, ווי מע פלעגט זי רופן, האָט קיין חשק צום לערנען נישט געהאַט. זי איז אין שול נישט געגאַנגען. אָבער לייענען און רעכענען האָט זי געקענט. זייער פרי האָט זי אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר סעקסועלע פראַגן. זי פלעגט די אַנדערע קינדער אויפקלערן די סודות פון געשלעכט. זי איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר און פון די אַרומיקע קינדער, און זי האָט געהאַט אַן אַלבאָם מיט פאָרנאָגראַפישע בילדער ערגעץ פאַרבאָרגן. מיט אַ ספּעציעלן ריטואַל, ווען די עלטערן זענען נישט געווען אין דער היים, פלעג זי אונדז ווייזן דעם אַלבאָם. דאָס האָט געקענט זיין ראש השנה און יום כיפור, ווען אירע עלטערן זענען געווען ביים דאַווענען און דאָס געוועלב מיט דער שטוב זענען געבליבן אויף איר אויפזיכט. דעמאָלט פלעגט זי אונדז אַריינלאָזן אין היגטערגעוועלב, אין זייער שטוב הייסט עס, פאַרמאַכן די לאָדן און די טיר אין געוועלב אַריין. נאָך אַלע זיכערקייט־שריט פלעגט זי אַרויסנעמען דעם פּאַקעט פון שאַנק און איינציקווייז ווייזן די פאַרשידענע בילדער. די אויסערגעוויינלעך געהיימע סיטואַציע צוזאַמען מיט די בילדער האָבן אַרויסגערופן אַזאַ שפּאַנונג, אַז מיר האָבן נישט געוואַגט צו אָטעמען. עטלעכע יאָר פלעגט זי איינאָרדענען אַזעלכע סעאַנסן. זי פלעגט אויך ליב האָבן צו לייענען. איר ליטעראַטור זענען געווען די ביכלעך וואָס דערשיינען אין סעריעס און וועלכע זענען געווען זייער פּאָפּולער. צוויי נעמען האָב איך פאַרגעדענקט: „יאַסקיניאַ ליכטענ־וואַיסאַ” און „העגריק לערמאַן”. אַזוי ווי זי פלעגט אָפט מאָל שטיין אויך אין געוועלבל, פלעג זי אויך האָבן אין טאַש אַ ביסל מזומן־געלט, אָן דעם וויסן פון די עלטערן, און זי האָט געקענט קויפן די דערמאָנטע „ביכלעך”, אויף וועלכע די קינדער האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג יעדע וואָך. כדי צו מאַכן זיך פּאָפּולער צווישן די קינדער האָט רויזע אויך צעטיילט נאַשערייען פונעם געוועלבל אָן געלט. איך מיין, אַז איר „ברייטהאַרציקייט” האָט געוויס כסדר פאַרקלענערט די הכנסות זייערע, און ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז איר האַנדלונג האָט חרוב געמאַכט זייער פּרנסה.

אַ קורצע צייט נאָך חמהלעס טויט האָבן בערל און זיין טאָכטער (זי אויך שוין אַנגעשטעקט מיט טובערקולאָז) פאַרלאָזט לובלין און אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. רויזע האָט דאָרט געאַרבעט ביי אַ קראַנקער פרוי, וועלכע איז שטענ־

דיק געלעגן אין בעט. בערל האָט געמוזט געניסן פון די קליינע פּאָרדינסטן פון זיין טאָכטער, זיי האָבן אַפילו נישט געקלעקט אויף זיין עסן (זי האָט עסן געהאַט פאַר דער אַרבעט). בערל איז אין קורצן געשטאָרבן. רויזע האָט וואַרשיינלעך ביזן אויסברוך פון דער מלחמה געאַרבעט ביי דער קראַנקער. זי האָט געטרוימט חתונה צו האָבן מיטן איינציקן זון פון דער פרוי. די פרוי האָט, ווייזט אויס, אונטערגעהאַלטן אירע טרוימען, אָבער דער בחור האָט וועגן דעם נישט געטראַכט, כאָטש ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט דאָס פּאַרגע־ניגן אויסצונוצן איר שטענדיקע גרייטקייט אים צו באַדינען. די פרוי איז געווען אַ שוועגערין פון דעם דערמאָנטן „פּזשעדאָווניק" שוועטאָסלאָווסקי, וועלכער האָט עטלעכע יאָר מיט זיין פרוי נאַדזשע און זיינע צוויי זין געוווינט אויף רוסקע 13, אין צוויי קליינע צימערלעך. מיט דער פרוי נאַדזשע פלעגט זיך חמהלע גוט פאַרהאַלטן,ביידע פרויען פלעגן זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, דערציילן וועגן זייערע מענער, וועלכע האָבן זיי באַהאַנדלט שלעכט. שוועטאָסלאָווסקי האָט זיין גאַנצן כעס און אַנטוישונג אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון זיין שטילער פרוי. צוליב זיין ביטערער לאַגע פלעגט אויך בערל אויסגיסן זיין שווער האַרץ אויף חמהלען, וועלכע האָט פאַר אים געציטערט. מיט די צוויי זין פון די שוועטאָסלאָווסקיס האָב איך קינדווייז אַ געוויסע צייט מיך געחברט.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, פאַרלאָזנדיק וואַרשע, האָבן די שווענ־טאָסלאָווסקיס דורך לובלין געצויגן קיין רוסלאַנד. זיי האָבן דעמאָלט ביי אונדז איבערגענעכטיקט.

דורך די שוועטאָסלאָווסקיס האָט רויזע באַקומען די אַרבעט ביי נאַדזשעס שוועסטער, וועלכע פלעגט פאַר דער קראַנקייט קומען אויף באַזוכן קיין לובלין. די באַזוכן פלעגן מיר, ד.ה. רויזע און איך, באַגריסן. איבערהויפּט האָט אונדז אינטערעסירט דער זון מיט דעם גימנאַזיסטישן אוניפאָרם. מיר פלעגן וואַרטן ער זאָל זיך באַווייזן. קען זיין אַז אין יענער צייט זענען געבאָרן געוואָרן די ליבע־האָפענונגען און דערוואַרטונגען פון מיין קוזינקע. ווען די פרוי איז קראַנק געוואָרן און רויזע איז געבליבן אַליין אָן מיטלען צום לעבן, האָבן זיי פאַרגעלייגט רויזען די פלעגערין־אַרבעט און זי האָט דאָס אָנגענומען.

אין זעלבן הויז רוסקע 13 האָט געוווינט אַ פאַמיליע פון דריי פערזאָן. די פרוי האָט מען גערופן די „פּריזיערקע", זי פלעגט מאַכן שייטלען און פון דעם אויסהאַלטן די פאַמיליע. זיי האָבן געלעבט בעסער ווי אַנדערע פונעם

הויז און פון אַ סך פון דער גאַס. ס׳קען זיין, אַז צוליב זייער בעסערער לאַגע האָט זייער איינציקע טאָכטער עלקע נישט געפונען קיין חן ביי די אָרומיקע קינדער, זיי פלעגן פון איר אָפּלאַכן און איר אָפּטאָן פאַרשידענע שפּיצלעך. זי האָט דעריבער נישט אָפּט זיך באַוויזן אויף דער גאַס, מעגלעך אויך, אַז די עלטערן פלעגן איר נישט דערלויבן זיך אָפּצוגעבן מיט די אָרעמע קינדער.

רוסקע 13 האָט געגרענעצט מיט אַ גאַנץ גרויסן פּלאַץ, וואָס האָט געפירט צום פּישטאַרג. דאָרט פלעגן זיך, ווי שוין דערמאָנט, אין געוויסע טעג אָפּשטעלן פויערישע פורלעך מיט פאַרשיידענע פּראָדוקטן וואָס די פויערים האָבן פאַרקויפט צו ביליקערע פרייזן: קאַרטאָפל, שוואָמען, אויפּס, עופות. אויף דעם פּלאַץ האָבן זיך אויך געפונען די אַזוי גערופענע „קאַזשאַנגע קלאָזעטן", וואָס זענען געווען די איינציקע אַזעלכע איינריכטונג פאַר דער באַפעלקערונג, און וווהין ס׳פלעגן אויך גיין די אָנגעפאַרענע פויערים. אויף דעם פּלאַץ פלעגן זיך פאַרזאַמלען די אָרומיקע קינדער, איבערהויפּט ווען ר׳איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די פויערישע פורלעך. דאָרט האָבן מיר זיך געקענט שפּילן אָן אַ באַגרענעצונג: לויפן, שפּרינגען, וויפל אונדזער האַרץ האָט געגלוסט. דאָרט פלעגט רויזע גאָלדפאַרב, מיין קוזינקע, אָרגאַניזירן פאַרשידענע שפּילן. אויסגענוצט האָט זי די שטיגעלעך צו די צוויי ווינונגען פון דער זייט רוסקע 13, וועמענס שכנים האָבן פּראָטעסטירט, צוליב אונדזער טומל. אָבער זייערע פּראָטעסטן האָבן זיי קיין סך נישט געהאָלפן. זיי פלעגן אונדז פאַריאָגן. מיר פלעגן שנעל צוריק קומען און פאָרזעצן אונדזער שפּילן.

אויף דעם פּלאַץ, נעענטער צום פּישטאַרג, איז געשטאַנען אַ קליין איינ־שטאָקיק הייזל. איך פלעג אַ מאָל גיין אַהין צוזאַמען מיט מיין פאָטער איינ־מאָנען חובות ביים שוסטער דילעווסקי. ער איז געווען איינער פון מיין פאָטערס קליענטן. זיין לאַגע איז געווען אַ ביז גאָר שווערע. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט געבן זיין פאַמיליע דאָס נייטיקסטע, כאָטש ער איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן און אַן אמתער פאָלקס־אינטעליגענט. פון איבערצייגונגען איז ער געווען אַ קאָמוניסט. מיר האָט ער, אין יאָרן אָרום, ווען ער האָט שוין געוווינט אין וואַרשע, אָרויסגעהאָלפן אין אַ שווערן מאָמענט, ווען איך האָב מיך געניטיקט אין אַן אַליבי. ער האָט מסכים געווען עדות צו זאָגן, אַז איך האָב געוווינט ביי אים אין וואַרשע אין צייט ווען די פּאָליציי האָט מיך געזוכט אין לובלין, פאַר מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען.

די לאַגע פון די דילעווסקיס האָט זיך פאַרערגערט צוליב דער שטענ־

דיקער קראַנקייט פון זיין פרוי. זי איז לאַנגע יאָרן געלעגן אין בעט אַ פּאַראַליזירטע און ער האָט געמוזט אַלץ טאָן אַליין: וואַשן וועש, ראַמען, קאָכן, באַדינען די קינדער און די קראַנקע פרוי. דערפאַר האָט ער געמוזט אַרבעטן ביי טאָג און ביי נאַכט און נישט געהאַט גענוג צייט פאַר דער מלאכה. די פאַרדינסטן האָבן אָן אויפהער זיך איינגעשרומפּן, בעת די באַדערפענישן זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט דער פאַמיליע. די נויט אין דער שטוב איז געווען אַ שרייענדיקע. אין דער שטוב, וועלכע איז געווען שמוציק און פינצטער, האָט זיך נישט געפונען קיין שום מעבל אַחוץ איין אָדער צוויי בעטן און זיין וואַרשטאַט ד.ה. דאָס טישל מיט אַ בענקל. מיין פאָטער פלעגט זאָגן אַז ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה, אָבער די באַדינגונגען האָבן אים געמאַכט אין גאַנצן אומבאַהאָלפן. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

נישט ווייט פון אים האָט געוווינט אַ פּוילישע פרוי, זי איז געווען די אויפראַמערין פון די „קאַזשאַנגע קלאַזעטן”. די פרוי מיט אירע צוויי טעכטער האָבן אויך געליטן פון גרויסער נויט. איר געהאַלט איז געווען אַ מינימאַלער. אירע צוויי מיידלעך זענען געווען שטענדיק דערשלאָגן. מ׳האָט זיי אַפילו געהאַלטן פאַר אומנאָרמאַלע. ס׳האָט זיי אָבער אָפּגעגליקט. ביידע זענען זיי אָנגעקומען אין דעם לערער־סעמינאַר, און דערנאָך אויך באַקומען פּאָסטנס אַלס לערערינס. די צוויי מיידלעך האָב איך, אַלס די איינציקע באַקאַנטע פון דער רוסקע גאַס, געטראָפן אין לובלין נאָך דער מלחמה. אַחוץ זיי האָב איך נאָך געטראָפן אַ זון פונעם „סטרוזש” פון רוסקע 18, ווו מיין פאָטער האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט. אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען... צוליב דעם דורכפאַל מיט אים, האָב איך שוין די צוויי שוועסטער אויך נישט געוואַגט צו פרעגן וועגן מיינע עלטערן.

דורך אַ הויז, וואָס האָט זיך געפונען רעכטס אויף דעם פלאַץ, איז געווען אַ דורכגאַנג צו כהנס בית־מדרש, אַהין פלעגן מיר, קינדער, אָפט מאָל גיין. אונדז האָבן שטאַרק אינטערעסירט די בחורים, וועלכע פלעגן דאָרט דאַווענען און לערנען. די בחורים זענען אויך געווען אָנגעלייגט אונדזערע באַזוכן, ווייל אין דער גרופּע האָבן זיך שוין געפונען מיידלעך, גוט אַנטוויקלטע פאַר זייער עלטער, וואָס האָבן צוגעצויגן די בליקן פון די בחורים.

אַנטקעגן רוסקע 13, ווו מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט, איז געווען אַ בעקעריי, וואָס איר אייגנטימערין איז געווען אַן עלטערע פרוי. דאָרט פלעגן

מיר אַ מאָל קויפֿן ברויט, אָדער זעמל, פֿאַר פּסח פֿלעגט מען דאָרט באַקן מצות. די קונים פֿלעגן אַליין ברינגען מעל צום באַקן. איינע האָבן צוגעגרייט דאָס טייג, אַנדערע האָבן עס געוועלגערט, נאָך אַנדערע האָבן מיט אַ ספּעציעלן אינסטרומענט עס דורכגעלעכערט, כּדי די מצות זאָל זיך נישט בלאָזן. ביים אויוון זענען געשטאַנען אַנדערע, וועלכע האָבן צוגעזען די מצות זאָלן אַרויס־קומען ווי געהעריק, נישט רוי און נישט צוגעברענט.

די ענגשאַפט אין דער בעקעריי איז אין דער צייט פֿון מצות־באַקן געווען זייער גרויס. די קונים האָבן געמוזט וואַרטן לאַנגע שעהען ביז זיי האָבן געקענט באַקן זייערע מצות. איך פֿלעג דאָרט פֿאַרברענגען אַ סך צייט ביז מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף אונדזער ריי. די פֿאַרטיקע מצות פֿלעגן מיר שטענדיק אַריינלייגן אין די צוגעגרייטע ריינע ציכן. מיט צופֿרידנקייט האָבן מיר די מצות אַהיימגעטראָגן און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד ביז מיר וועלן זיי אָנהייבן ניצן. גלייכצייטיק פֿלעגן מיר זיך אין דער בעקעריי פֿאַר־זאָרגן מיט מצה־מעל צו די פּסחדיקע קניידלעך און כרעמזלעך, און לעקעכער, די באַליבטע מאכלים אין דעם יום־טוב.

אין זעלבן הויז האָט זיך געפֿונען אַ „מאַנגל", וווּ מיר פֿלעגן מאַנגלען דאָס וועש. איך פֿלעג שטענדיק העלפֿן ביי דער אַרבעט און בין געווען פֿון דעם שטאָלץ. גאַנץ לאַנג האָט געדויערט ביז מ'האָט מיך „אָוואַנסירט" אין דער אַרבעט. איך האָב געמוזט דורכגיין פֿאַרשידענע שטאַפּלען אין דער „קונסט" פֿון מאַנגלעווען. אָנגעהויבן האָב איך מיט דערלאַנגען שטיקלעך וועש צו די וואַלקעס, וועלכע מ'האָט געוויקלט מיט ספּעציעלע יילעכער פֿון דאָרפֿיש געוועבטן ליין. די שטיקלעך האָבן געמוזט געלייגט ווערן אין אַ געוויסער אָרדענונג און שטאַרק אָנגעוויקלט זיי זאָלן זיך נישט קנייטשן. ס'זענען אַוועק אַ סך אַזעלכע באַזוכן ביז די וועשערין האָט מיר אָנפֿאַרטרויט זעלבשטענדיק אָנצוּוויקלען אַ וואַלעק. ווען איך בין שוין צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט, בין איך געווען זייער שטאָלץ און האָב זיך מיט דעם באַרימט פֿאַר מיינע חברטעס. באַזונדערס האָט מיך געפֿרייט, ווען מיין מוטער האָט וועגן מיינע דערגרייכונגען דערציילט פֿאַר די שכנות.

ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָב איך אויך געפּרוּווט העלפֿן ביים דרייען די קאָרבע, כּדי דער מאַנגל זאָל קענען אויספֿירן זיין אַרבעט, ד.ה. אויסגלייכן די וועש. דאָס דרייען די קאָרבע איז געווען גאָר שווער, זי איז געגאַנגען שווער און געסקריפּעט, ווייל זי איז קיין מאָל נישט געווען

צו דער צייט געשמירט. דאָס גיין אין מאַנגל אַריין איז פאַר מיר לאַנגע יאָרן געווען אַ גרויס פאַרגעניגן.

פון דער רוסקע 16 געדענק איך די גרינס, אַ פאַרמעגלעכע משפחה, און זייער טאָכטער וועלכע האָט פאַראַדירט יעדן טאָג אויף לובאַרטאָווסקע, אויפן וועג צו דער ראַדזיווילאָווקעס גימנאַזיע, אָדער אויף דער קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע. זי פלעגט וועקן אינטערעס און קנאה פון די קינדער אין דער סביבה מיט אירע קליידער און מיטן היטל פון דער גימנאַזיע. דעם צווייטן מיטגליד פון דער פאַמיליע האָב איך געקענט פון דער דערציילונג פון מיין ברודער אשר, וואָס איז געווען אַ תּלמיד אין דער „פּאָושעכנע" אויף „שוויענטעגאָ מיקאָלאַיאַ", ביידע האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי די בעסטע שילערס אין קלאַס. נאָך דער מלחמה האָב איך לייזערקען געטראָפן אין לובלין, ער האָט געוווינט ביי שׂרה נאַמבערג, אַ פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטישע טוערין. לייזערקע האָט עמיגרירט נאָך דעם קיין אַמעריקע.

איך האָב שוין דערמאָנט אַז אויף רוסקע 18 איז געווען מיין פאָטערס וואַרשטאַט. דאָ האָבן מיר אָנגעקניפּט באַקאַנטשאַפט מיט די איינוווינערס און מיט דער אייגנטימערין ראָזענבערג. מיט איר זון חיים־יהושוע האָב איך מיך געטראָפן אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע. ווייל זיין מוטער האָט זיך געוווּנטשן צו זען אים אַלס רבֿ, איז ער שפּעט אָנגעקומען צו וועלטלעכער בילדונג. צוליב דער הינטערשטעליקייט אין דער פוילישער שפּראַך איז אים נישט לייכט אָנגעקומען די מאַטורע און שפּעטער אויך די דעראָבערונג פון יורידישע קענטעניש.

בשכנות מיט מיין פאָטערס וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אַ גראָשענדיק שפּייז־געוועלבל. די אייגנטימערס, אַ פאַרפאַלק, אָדער אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, האָבן געוווּנען די סימפּאַטיע און אויך דעם מיטלייד ביי די אָרעמקע איינוווינערס. אַ דאַנק דער יִחוסדיקער פאַמיליע פון שוחטים פון וועלכער זיי האָבן געשטאַמט איז זיי געווען דערווידער זייער פרנסה, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויפן לעבן.

מיט אַ פאַמיליע פון פערטן שטאָק זענען מיר געווען געבונדן אויף עטלעכע אופנים. דער פאָטער איז געווען אַ שוסטער און ווי אַזעלכער, מיין פאָטערס אַ קליענט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל קינדער און געחלומט

צו שאַפֿן פֿאַר זיי אַ בעסערע פּאָזיציע, ווי ער אַליין האָט געהאַט. אָפֿט האָב איך מיך געפֿונען ביי אים אין שטוב און שטענדיק אים געטראָפֿן אויפֿן בענקל נישט ווייט פֿון פֿענצטער, אין איינציקן צימער. אין שטוב איז תּמיד געווען זייער ריין. פֿאַר דעם האָט שוין געזאָרגט די פֿרוי זיינע, אַ קליין־ווּוקסיק ווייבל. מיט די עלטערנס מי און אָנשטרענג איז דעם עלטסטן זון געלונגען צו ענדיקן עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און בוכהאַלטעריע־קורסן און קריגן אַ פּאָסטן אין אַ באַנק. מיט דעם זון האָבן די עלטערן שטאַרק שטאָלצירט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פֿון מיינער אַ חברטע מיטן נאָמען פֿאַרביאַזש. פֿאַרן צווייטן זון האָבן זיי געפֿונען אַן אָרט פֿון אַ לערנ־ייִנגל און דערנאָך אַ געזעל ביי מיין פֿאָטער. ער האָט זיך געזאָלט לערנען קאָמאַשנמאַכעריי, ווייל דאָס פֿאַך האָט געהאַט אַ בעסערן אָנזען ווי שוסטעריי. אַקסיל, זייער זון איז געווען אין מיין עלטער. איך פֿלעג מיך מיט אים חברן און פֿאַרברענגען מיט אים אין געמיינזאַמע קינדער־שפּילן. אַקסיל איז געווען אַ סימפּאַטיש און שיין ייִנגל.

מיט דער פֿאַמיליע האָט אונדז נאָך געבונדן מיין קראַנק אויג. זייערע אַ טאָכטער האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט אַן אויג. מיר פֿלעגן אין איינעם זוכן מיטלען צו היילן די אויגן און טיילן זיך מיט די דעראַבערטע מעדי־ציניש נייעסן אויף דעם געביט. מיך האָט געהיילט דער באַקאַנטער אין לובלין ספּעציאַליסט ד״ר זיידמאַן. מיט איר זענען די עלטערן געפֿאָרן צו אַ באַרימטן אָקוליסט קיין לאָדזש. צו קיין גרויסע רעזולטאַטן האָבן מיר ביידע זיך נישט דערשלאָגן.

דאָס הויז האָט זיך נאָך אויסגעצייכנט מיטן „סטרוזש״. זיינע זין האָבן גערעדט ייִדיש נישט ערגער פֿון די ייִדן. זיי פֿלעגן זיך שפּילן מיט די אַרומיקע ייִדישע קינדער. זיי האָבן איבערגענומען אַ גרויסע טייל אַרבעט פֿון די עלטערן, ווי דאָס טעגלעכע באַגיסן די גאַסן אין די זומערדיקע טעג. די אַרבעט האָט נישט געהערט צו די לייכטסטע, זי האָט געפֿאָדערט אַ גרויסע צאָל עמערס וואַסער צו באַגיסן דאָס שטיקל טראָטואַר און וועג וואָס האָט געהערט צום הויז ווי אויך דעם היפֿשן הויף. דערפֿאַר האָבן זיי זיך באַמיט צו היטן ריינקייט און נישט דערלאָזט די קינדער זאָלן די גאַס פֿאַרשמוצן. זייער פֿלייסיקייט האָט אָבער אונדז, קינדער, גאָר נישט „געשמעקט״.

אַ געוויסע צייט האָב איך טאָג־טעגלעך באַזוכט דאָס הויז אויף דער רוסקע, וועלכעס האָט פֿון דער זייט פֿאַרמאַכט די שעראָקע. דאָרט האָט

אַ חזן געעפנט אַ שול פאַר מיידלעך מיט אַ ביסל וועלטלעכע לימודים. דער חזן איז געווען אַ דיקער מאַן, מיט אַ רויט ווייבעריש פנים. ער איז געווען שטרענג, אָבער אָן שום פעדאַגאָגישע פעיִקייטן. קיין גרויסן דערפאָלג מיט זיין שול האָט ער נישט דערגרייכט. ווען די מלוכה האָט געעפנט די אָבליגאַטאָרישע פאָווּשעכנע שולן, פרייע פון אָפּצאָל, האָט ער זיין שול געמוזט פאַרמאַכן. דעמאָלט האָב איך אויך די שול זיינע פאַרלאָזט. דעם לאָקאַל האָט איבערגענומען אַן אַרבעטער־פאַראיין. דאָרט האָבן זיך געזאַמלט די מיטגלידער און אין די אָונטן איז ער געווען געפּאַקט. דער פאַראיין האָט עקזיסטירט ביז דער מלחמה.

צווישן רוסקע און שעראַקע איז געווען אַ בית־מדרש. דאָרט האָבן געדאַוונט די אָרעמיקע ייִדן, דאָרט פלעגט דאַווענען מיין זיידע, וועלכע האָט געוווינט אויף שעראַקע 52, עטלעכע מעטער פונעם בית־מדרש. יעדן אָונט האָט מען דורך די פענצטער געקענט זען די דאַוונענדיקע ייִדן אין די טליתים. פרייטיק־צונאַכטס און שבת ביז האַלבן טאָג איז דאָרט שטענדיק געווען געפּאַקט, אַלע זיצנדיקע און שטייענדיקע פּלעצער פון דעם נישט צו גרויסן צימער זענען געווען פאַרנומען. איך פלעג שטענדיק אויפן וועג צו מיין זיידן אַריינקוקן דורך די שויבן וואָס זענען געווען מאַט פון שמוץ. נאָענט פונעם פאַראיין האָט זיך געפונען אַ גריכיש־קאַטוילישער קלויסטער. דאָרט פלעגן צום גאָטדינסט קומען די רעשטלעך פון דער איבערגעבליבענער רוסישער באַפעלקערונג פון די צאַרישע צייטן. די צערקווע האָט ביי די ייִדישע קינדער אַרויסגערופן געמישטע געפילן. פון איין זייט זענען מיר געווען נייגע־ריק צו זען וואָס ס'קומט פאַר אינעווייניק אין דעם מויערל, פון דער צווייטער זייט האָט דאָס נישט־באַקאַנטע אַרויסגערופן אַ מורא. איך פלעג מיט אינטע־רעס אַריינקוקן דורך די שטאַכעטן, אָבער קיין מאָל האָב איך זיי נישט אַריבערגעטרעטן. די פאַנטאַזיע האָט געמאָלט פאַרשידענע שרעקבילדער. די צערקווע איז געבליבן דער איינציקער פלאַץ פאַר די גריכיש־קאַטוילישע, נאָכן פאַרהאַסטן און דורך די פּאָליאַקן אויפגעריסענעם סאָבאָר. אויפן פלאַץ ליטעווסקי, ווו ס'האָט זיך געפונען די אַזוי גערופענע „גובערניע". צו דעם מויערל פלעג איך קומען בעת מיינע באַזוכן ביי מיין באָבען, מיין פאָטערס מוטער, וועלכע האָט דאָרט געוווינט צוזאַמען מיט איר טאָכטער, מיין מומען. די באָבע מיינע האָט געהאַט אַ סך קינדער, נאָר שטענדיק האָט זי געוווינט מיט מרימען. פון איר יאַטקע אויפן פישטאַרג, צוזאַמען מיט אַ שותּפטע,

מיטן צונאָמען די גראָבע שבע, האָט זי אויסגעהאַלטן זיך און די טאָכטער מיט אירע פינף קינדער. מרים האָט גליקלעך חתונה געהאַט מיט אַ זייער סימפּאַטישן יונגמאַן, וועלכער האָט זי, ווי מע פלעגט זאָגן, געטראָגן אויף די הענט. האָט זיך אַריינגעמישט דער נישטגוטער און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין קאָרטנשפּיל. און דערצו איז ער קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז און נאָך אַ קורצער צייט געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק מרימען מיט פינף קינדער. איר לאַגע, נאָכן טויט פונעם לעבנסלוסטיקן, איבערגעגעבענעם צו דער פאַמיליע חיימען, האָט געקאָנט זיין גאָר אַ טראַגישע, ווען די באָבע מיינע וואָלט נישט גענומען אויף זיך די פליכט צו העלפן דער אַלמנה. ווען איר שותּפטע איז געשטאָרבן, האָט זי מרימען אַריינגענומען אין דער יאַטקע צו הילף און אויף אַזאַ אופן איר פאַרזיכערט אַ געוויסע עקזיסטענץ. די באָבע מיינע האָט איר אָוועקגעגעבן אַלע אירע פאַרדינסטן, און פון קיין הונגער האָבן די יתומים נישט געליטן. זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך אַליין געמוזט אַן עצה געבן, ביז וואַנען מרים פלעגט קומען אַ פאַרמאַטערטע און זיך ערשט נעמען צו דער שטובאַרבעט. ס׳זענען אַוועק יאָרן. די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, און דעמאָלט ערשט האָט די סיטואַציע זיך אָנגעהויבן פאַרבעסערן. דער עלטסטער זון האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען אַ פּאָר גראָשן פאַרדינסט, אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ פּוטער־געשעפט אויף קראַקאָווסקע־פּשעדמיעשטשע. (צום באַדויערן געדענק איך נישט דעם נאָמען פונעם אייגנטימער, וואָס איך געדענק יאָ איז דאָס, אַז ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם וואָס ער האָט פּאַר אַ געוויסער סומע געלט אָפּגעטרעטן זיין פרוי דעם ד״ר בראַמבערג) אָבער דעמאָלט ווען ס׳האָט אָנגעהויבן אַ ביסל גרינגער ווערן, איז די באָבע קראַנק געוואָרן, זי האָט געמוזט פאַרלאָזן די יאַטקע, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז די באָבע מיינע געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר.

קיין באַזונדערע נאָענטקייט מיט דער באָבען האָב איך נישט געפילט. איך פלעג נישט אָפט זיך טרעפן מיט איר. זעלטן פלעג איך זי באַזוכן צוזאַמען מיט מיינע עלטערן. אין געוויסע שבתים פלעגן מיר זי טרעפן באַזוכנדיק מיין פאָטערס שוועסטער ברכה פון צירוליטשע, וועלכע האָט צו דער מוטער געהאַט טענות, אַז זי ציט פאַר מרימען. אַזעלכע טענות האָט אויך געהאַט מיין פאָטערס ברודער ברוך, בעסער געזאָגט, זיין פרוי. זי פלעגט טענהן אַז די באָבע העלפט נאָר מרימען און לאָזט ברוכן אָן הילף אין זיין שווערער

מאַטעריעלער לאַגע פון אַן אַרבעטסלאָזן. איך פלעג אַ מאָל קומען צו מיין באָבען אין דער יאַטקע, אָבער אַריינגיין פלעג איך נאָר ווען זי האָט מיך באַמערקט און אַריינגערופן. טייל מאָל פלעגט מיין באָבע זיך ענדיקן מיט אַ מתנה אין דער פאָרם פון אַ פּאָר גראָשן אויף אַ נאַשעריי. נישט אָפט האָט געטראָפן איך זאָל האָבן עטלעכע גראָשנס צו טאָן מיט זיי וואָס מיר געפעלט.

די אַנדערע איינינקלעך זענען דער באָבען אויך נישט געווען גלייכגילטיק. ווען אברהמעלע ברוכס איינציקער זון איז קראַנק געוואָרן אויף סקאַרלאַטינע, אַ געפערלעכע קינדער־קרענק אין יענער צייט, איז זי נישט אָפּגעטרעטן גאַנצע טעג פון זיין בעט. ווען איך האָב אין 1935 אַדורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, איז זי נישט אַרויסגעגאַנגען פונעם שפּיטאָל.

אויף רוסקע 2, ווו ס'האָט געוווינט מיין באָבע מיט דער מומען, אָבער טיפער אין הויף, מיט אַן אַריינגאַנג פון עטלעכע שטיגעלעך, וועלכע זענען מער ענלעך געווען צו אַ לייטער, האָט געוווינט מיין מוטערס אַ חברטע, מאַשע, מיט איר מאַן און מיט פיר טעכטער. זי, אַ שוואַרצע, אַ שיינע פרוי, ער — אַ געל־האָריקער, אויסגעדאַרטער מאַן מיט אַ פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך. ער האָט קיין באָרד נישט געטראָגן און איז כּמעט שטענדיק געווען באַוואַקסן מיט געלע שטעכיקע בערשטלהאָר, וועלכע האָבן אים קיין חן נישט צוגעגעבן. ער איז טאַקע געווען אַ בערשטל־מאַכער. זיין וואַרשטאַט האָט ער געהאַט אין דער זעלבער וווינונג און האָט פאַרנומען אַ גרויסן טייל פון די צוויי צימערלעך. די ענגשאַפט און דער שטויב פון דער שטשעטשינע האָבן באַשווערט דאָס אָטעמען. אָבער טראָץ זיין שווערער אַרבעט האָבן די פאַרדינסטן נישט געקלעקט אויף די מינימאַלע באַדערפענישן. הונגער איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט ביי דער פאַמיליע. מיין מוטער פלעגט שטענדיק אָוועקגעבן פאַר זייערע קינדער די קליידער פון וועלכע מיר זענען אויסגעוואַקסן. זי האָט פון צייט צו צייט געגעבן אויך אַן אַנדער שטיצע פאַר די קינדער. די קינדער האָבן פון די פריסטע יאָרן אַן געהאָלפן דעם פאָטער ביי דער אַרבעט און מיטן אָפּטראָגן די פאַרטיקע בערשטלעך צו זאַנדשטיינען פון דער גראַדזקע, פון וועמען זיי האָבן אָנגענומען די באַשטעלונגען. ווען די זענען אונטערגעוואַקסן האָבן צוויי טעכטער, רייזל און צירל, אָנגענומען אַרבעט אויף אייגענער האַנט. אַזוי אַרום האָבן די צוויי טעכטער, גאַנץ פרי, געשאַפן זיך אייגענע איינקונפטן און פאַרבעסערט די אייגענע לאַגע און דערמיט אויך די סיטואַציע פון דער גאַנצער משפחה. די עלטסטע טאָכטער,

רייזל, איז געווען אַ שיין מיידל. זי האָט געהאַט דערפֿאָלג ביי יינגלעך. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און זי האָט געפֿונען איר „באַשערטן" און טאַקע חתונה געהאַט. זי האָט אַליין געשאַפֿן זיך דעם אויסשטייער צו דער חתונה און געדונגען אַ דירה כּדי נישט צו וווינען צוזאַמען מיט די עלטערן. צופֿעליק טרעפֿנדיק מיך, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט פּרנסה, אַז צוזאַמען מיטן מאַן קענען זיי צוזאַמענשטעלן אויף די נויטיקסטע זאַכן און דורכלעבן.

די צווייטע שוועסטער, וועלכע האָט געאַרבעט און פֿאַרהעלטעניסמעסיק נישט שלעכט פֿאַרדינט פֿאַר אירע באַדערפֿעניש, האָט ווייטער געוווינט מיט די עלטערן און זיי געהאָלפֿן מאַטעריעל. דאָס מיידל איז מיר געפֿעלן מיט די צוויי לאַנגע דיקע צעפּ, וועלכע האָבן, לויט דער דעמאָלטדיקער מאָדע, געהאַט איין חסרון: זיי זענען געווען געלע, (פֿאַקטיש זענען זיי געווען העל ברוין מיט אַ רויטן ניואַנס). דעם קאָליר פֿון די האָר און די זומער־שפּרענקעלעך האָט זי געירשנט פֿון איר פֿאָטער. ביידע „חסרונות" האָבן דעם מיידל פֿאַרשאַפֿט פֿיל אומאַנגענעמלעכקייטן. די גאַנצע פֿאַמיליע ספּירט האָט געלעבט ביז דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה אין לובלין. ווען איך בין צוריקגעקומען, נאָך דער מלחמה. האָב איך קיינעם פֿון זיי נישט געטראָפֿן.

דאָס הויז אויף רוסקע 27 האָב איך באַזוכט מיט אַ מיידל וועלכע האָט עטלעכע יאָר געאַרבעט ביי מיין מוטער, העלפֿנדיק איר אין שניידעריי. איר נאָמען איז געווען מינטשע. זי פֿלעגט מיר שענקען אַ סך צייט קינדווייז, ווען מיין מוטער פֿלעגט אַוועקגיין צו אירע קליענטן, אָדער גאָר איינקויפֿן. זי פֿלעגט מיר געבן צו עסן, מיר דערציילן מעשׂהלעך, און אַ מאָל מיך מיטנעמען צו אירע עלטערן, וועלכע האָבן געוווינט טיף אין דעם פֿינצטערן קאָרידאָר פֿון רוסקע 27, אין אַ קליין פֿינצטער צימערל. איר פֿאָטער פֿלעגט פֿאַרדינען פֿון מלמדות און אַ מאָל אויך פֿון אָפּשפּרעכן אַן עין הרע. טאַקע ביי אַזאַ געלעגנהייט בין איך ביי זיי געווען. מיין ברודערל, וועלכן מ׳האָט געהאַלטן פֿאַר זייער אַ שיין קינד איז מיט אַ מאָל קראַנק געוואָרן. אַ שכנה, דער פֿרוי אַלטערס מוטער, האָט באַשטימט, אַז דעם קינד האָט מען אַן עין הרע געגעבן און מען מוז אים „אָפּשפּרעכן" דאָס „גוט אויג". צו וועמען גייט מען אויב נישט צו מינטשעס פֿאָטער וועלכער איז געווען, לויט דער פֿאַרזיכערונג פֿון זיין טאָכטער, דער אמתער אָפּשפּרעכער... מיין מוטער האָט געגעבן אַ שטיקל סחורה פֿון מיין ברודערס אַ בגד — מיט דעם בין איך

מיט מינטשען אַוועק צו איר פאָטער. ער האָט אַדורכגעפירט אַ מיסטעריעזע צערעמאָניע פון וואָס איך געדענק אַז ער האָט דאָס שטיקל מיטגעבראַנגטע סחורה פאַרברענט, מורמלענדיק אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אַרום אונדז געפינען זיך אומנאַטירלעכע כּוחות. דאָס געפיל און דעם איינדרוק האָט געוויס אַרויסגערופן די טונקלקייט פון דער שטוב און זיינע געמורמלטע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

אין דעם דאָזיקן הויז פלעג איך אויך קומען מיט צירלען, מיין לאַנג־יאָריקער חברטע און שכנה. אין דעם הויז האָט געוווינט איר באָבע, אַ מומע און אַ טויב־שטומער פעטער. צירלס באָבע איז געווען אַ קעכין אויף חתונות, און איר מאַן פלעגט טרייבן די מתים־עגלה אויפן בית־עולם. די טאָכטער מאַלע האָט געאַרבעט אין אַ יאַטקע. מאַלע האָט לאַנגע יאָרן, נאָכן טויט פון די עלטערן, געהאָלפן דעם טויב־שטומען ברודער. צוליב אים האָט זי אויך שפּעט חתונה געהאַט. איר העל פּנים, מיט די געל־גאָלדענע האָר שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן.

דאָס יאַטקע־געסעלע

מיט דעם נומער 27 האָט זיך די רוסקע אויף דער זייט געענדיקט. פון דאָרט האָבן געפירט צוויי וועגן. דאָס קליינע געסעלע האָט מען גערופן דאָס יאַטקע־געסעלע, ס'האָט געפירט צו די וואָלער לאַנקעס און צום אַלטן בית־עולם. טיפער אין געסעלע האָט געוווינט אַ ברודער פון מיין מוטערס חברטע פייגע, וועלכע האָט ביי אונדז געוווינט ביז מיין פאָטער איז צוריק־געקומען פון דער מלחמה. צו דער פאַמיליע פלעג איך גיין מיט מיין מוטער. פון וואָס זיי האָבן געצויגן זייער חיונה איז מיר שווער צו זאָגן, איך געדענק נאָר, אַז די אָרעמקייט האָט געשריגן פון אַלע ווינקעלעך. קינדער זענען דאָרט געווען אַ גרויסע צאָל, ס'איז מיר קיין מאָל נישט געלונגען פעסט־צושטעלן וויפל. ביי יעדן באַזוך האָב איך געטראָפן אַ פּאָר „נייע" פּנימער, אויסגעמאַטערטע פון דעם שטענדיקן נישט דערעסן. מיט איין טאָכטער האָב איך מיך נעענטער באַקאַנט. זי האָט זיך געלערנט שניידעריי ביי מיין מוטער

און איז ביי אונדז געווען עטלעכע יאָר. זי האָט זיך גערעכנט פאַר די גליק־לעכע פון דער פאַמיליע. זי האָט עפּעס וואָס פאַרדינט און אויסגעלערנט זיך אַ פאַך און אַ מאָל האָט זי נאָך געקראָגן עפּעס „עקסטראַ" ביים אָפּטראָגן די אַרבעט אַהיים צו די קליענטן. קיין גרויסע פאַרדינסטן האָט דבורה נישט געהאַט, אָבער אין דער לאַגע פון איר פאַמיליע האָט יעדער גראָשן געשפּילט אַ ראָל און האָט באַטייט אַ שטיקל ברויט מער.

אַ שפּאַציר איבער דער קאַלינאָווטשיזנע

אויב מ׳האָט געוואָלט ווייטער גיין אַנטקעגן דעם געסל, אויף דער זייט פון קלויסטער, איז מען אַריינגעקומען אויף דער קאַלינאָווטשיזנע, אָדער ווי מ׳האָט די גאַס ביי יידן גערופן: די ערשטע וואָלע.

אויף דער צווייטער, רעכטער זייט פון קאַלינאָווטשיזנע פלעגט מיך שטענדיק פאַרכישופן דאָס נישט באַווינטע, האַלב רויִנירטע הויז, וועגן וועלכן מ׳האָט דערציילט, אַז ס׳איז אַ מאָל געווען אַ קלויסטער. יידן האָבן געגלויבט אין דער אויסטערלישער מעשה וואָס טאַטעס האָבן איבערגעגעבן די קינדער. איין מאָל, ביים דורכגיין פון אַ לוויה פון אַ נפטר געוואָרענעם רב, און די גלאָקן האָבן פּלוצעם זיך צעקלונגען, איז דאָס קלויסטערל איינ־געזונקען טיילווייז אין דער ערד. לויט דער ווערסיע האָט דער רב זיך אויפ־געזעצט אויפן וועג צום בית־עולם, און פאַרשאָלטן דעם קלויסטער אַז ער זאָל איינזינקען. און אַזוי איז עס באַלד געשען. די לוויה מיטן רב האָט שוין ווייטער דעם וועג צום בית־עולם אַדורכגעמאַכט רויִק און די גלאָקן זענען איינגעשוויגן. דעם קלויסטער פלעגט מען רופן דער „יידישער קלויסטער". אין דעם קלויסטער פלעגן צייטנווייז וווינען הימלאָזע יידישע פאַמיליעס, אין די ערגסטע באַדינגונגען.

פונעם קלויסטער האָט געפירט אַ וועג צו אַ סאָד. דאָרט פלעג איך פאַרברענגען עטלעכע שעה נאָך אַנאַנד. דעם סאָד פלעגט אָפּדינגען, צוליב די פּרוכטן, מרדכי פערנאַנד, מיין מוטערס אַ קוזין. פון פאַך איז ער געווען אַ גוטער מוזיקער, ער האָט געשפּילט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן, אָבער צום ליבסטן האָט ער געהאַט אַ פליים. אין זיינע בעסערע צייטן האָט ער געשפּילט אין אָרקעסטער אין "פּוילישן טעאַטער" אין לובלין. ווען מ׳האָט פון דאָרט אויסגעשלאָסן די יידישע מיטגלידער, האָט מרדכי פאַר־לוירן זיין אַרבעט און געמוזט זוכן אַנדערע מיטלען צו פאַרדינען אויפן לעבן

פאַר זיין וואַקסנדיקער פאַמיליע. דעם געדאַנק צו דינגען דעם סאַד האָט אים געגעבן זיין פרויס משפחה. איר מוטער און שוועסטער, מיט וועלכע ער האָט געוווינט צוזאַמען אין צווי קליינע צימערלעך. אין אָנהויב, נאָך דער חתונה, האָט ער נאָך פאַרדינט אויסצוהאַלטן זיך און זיין פרוי. ווען אָבער קינדער האָבן אָנגעהויבן קומען איינס נאָכן צווייטן, זענען זיינע איינקונפטן געוואָרן קלענער און קלענער און ער האָט געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון דער פאַמיליע. אַזוי האָט ער געדונגען דעם סאַד. זיין „טראַנזאַקציע” האָט מען געקענט אין אַ געוויסער מאָס פאַרגלייכן צו אַ לאָטעריע־צעטל. איז אויסגעפאַלן אַ גוט יאָר מיט אַ גערעטעניש און מ׳האָט אָפּגעהיטן די פרוכטן פון גנבות (אָפּטע דערשיינונגען אין די סעדער), און דערנאָך אויך געפונען אַ גוטן אָפּנעמער פון דער סחורה, איז נאָך עפּעס וואָס געבליבן אויסצוהאַלטן דעם ווינטער. אָבער טאָמער האָבן די פּירות נישט געראָטן, האָט ער פאַרלוירן אי דאָס אַריינגעלייגטע געלט, אי די אַריינגעלייגטע שווערע פּראַצע.

עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד האָט מרדכי מיט דער פאַמיליע אָפּגעדונגען דעם סאַד און פאַרבראַכט דאָרט עטלעכע חדשים, פון פרילינג ביז שפּעט אין הערבסט, אין אַ הילצערנער בויד, מיט פיל לעכער אין דאַך און אין די ווענט. איז דאָס וועטער געווען אַ טרוקנס, איז נאָך געווען צום דערליידן, האָט אָבער גענומען רעגענען, האָט דאָס וואַסער פאַרגאָסן די געלעגערס, פאַרלאָשן דאָס אייזערנע אייוועלע, אויף וועלכן מ׳האָט אָפּגעקאָכט אַ ביסל וואַרעמס פאַר דער פאַמיליע.

דער סאַד איז נישט געווען גרויס גענוג כּדי צו געבן גענוג פאַרדינסטן, ער איז אָבער געווען צו גרויס צו קענען אָפּהיטן אים פון די גנבים, וועלכע האָבן געלויערט אויפן ביסל אויפס, און דאָך ווי שטאַרק די פאַמיליע האָט נישט באַוואַכט דעם סאַד, האָט מען נישט שטענדיק געקענט פאַרהיטן אים פון נישט געוווּנטשענע געסט, וועלכע פלעגן זיך אַריינכאַפּן דורכן פּאַרקאַן.

נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייטן צו מאַגאַזינירן דאָס אויפס, האָט די משפחה געמוזט פאַרקויפן די פרוכטן גלייך פונעם בוים, ד.ה. פאַרקויפן אַלץ צו די ביליקסטע פּרייזן, ווען דער מאַרק איז געווען פאַרפלייצט פון פרוכטן. דאָס איז אויך געווען די סיבה וואָס די רעזולטאַטן פון זייער מי זענען געווען קליינע.

די משפחה מיטן צונאָמען די קניפּיקס איז געווען אַ באַקאַנטע צווישן ייִדן. געהייסן האָבן זיי לאַקס, און געהאַט האָבן זיי אַ הויז און אַ סאָד אויף דער ערשטער וואַלע. זייער סאָד פלעגן זיי יאָר נאָך יאָר פאַרדינגען. די דריי זין זענען געגאַנגען אויף פאַרשידענע וועגן. איינער פון זיי איז גאַנץ יונג אַוועק קיין אַמעריקע און אַזוי האָט ער אויסגעמיטן די טראַגעדיע פון די ייִדן אין פּוילן. ער לעבט נאָך, מיין איך, ביזן היינטיקן טאָג. ער איז געווען אַ קורצזוויקסיק ייִנגל מיט זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים און געלבלעכע האָר. פון פאַך איז ער געווען אַ ציין־טעכניקער. נאָך דער מלחמה איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָט געהאָלפן די געראַטעוועטע ייִדן אין פּוילן. דער צווייטער ברודער האָט נאָך פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן שטודירן יוריספּרודענץ, אָבער געענדיקט האָט ער ערשט נאָך דער מלחמה און פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט אין לובלין. באַלד נאָך דער מלחמה, אַלס סטודענט, האָט ער צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט אין דער ייִדישער שול. ער האָט געלערנט די קינדער העברעיִש. נאָך לאַנגער מי און לאַדעניש האָט ער אָפּגענומען זיין ירושה, פאַרקויפט זיינע עלטערנס הויז, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אַ גרעסערע סומע געלט. דאָס האָט אויפגעריסן די אויגן פון דער מאַכט, וועלכע האָט געזען אין אים אַ „פרעמדן עלעמענט", וואָס האָט אים פאַרשאַפט נישט ווייניק אומאַנגענעמלעכקייטן. איצט, מיין איך, איז ער שוין אַרויס אויף פּענסיע.

שעראָקע 52, מיין זיידע־באָבע און אַנדערע לאָקאַטאָרן

פון רוסקע גאַס, ביים בית־מדרש איז מען אַריינגעגאַנגען אין דער גאַס שעראָקע 52. אין דעם הויז האָב איך פאַרבראַכט אַ סך צייט אין מיינע קינדער־יאָרן. דאָרט האָט געוווינט מיין ליבער זיידע, וועלכן איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, מיט מיין איבערגעגעבענער באָבען, וועלכע איז שטענדיק געווען גרייט פאַר מיר צו אָפּפערן אַלע אירע כּוחות. זי פלעגט מיר „נאָכגעבן דעם שמד", ווי מ'פלעגט זיך אויסדריקן. ס'איז נישט געווען קיין זאַך זי זאָל מיר אָפּזאָגן. מיט קינדערישן עגאָיִזם האָב איך די באָבע תּמיד

אויסגענוצט. אין עפּיזאָד מוז איך דערמאָנען: אויפן בוידעם ביי מיין זיידע־באָבע, זענען תּמיד געווען פאַרשידענע עופות. מיין זיידע האָט ליב געהאַט צו האָדעווען הינער, הענער, קאַטשקעס און גענדז. ער פלעגט זיי געבן עסן, טרינקען. איך האָב ליב געהאַט בייצוזיין ביי דער אַרבעט, ווייל אַחוץ די עופות איז דער בוידעם געווען פאַר מיר אַ סודותדיק קעניגרייך, ווו איך האָב געפונען פאַרשידענע „פאַרבאָרגענע" אוצרות, וואָס די דערוואַקסענע האָבן קיין מאָל נישט דערשאַצט, און פאַר מיר — זענען די זאַכן געווען אַן אָנרעג צו מיין צעשפּילטער פאַנטאַזיע. אויפן בוידעם האָב איך געקענט פאַרברענגען שעהענווייז און שפּינען פאַרשידענע פאַנטאַסטישע היסטאָריעס, מיט וועלכע כ'האָב אויסגעפּוצט און פאַרשענערט דיווירקלעכקייט. אין די פאַרשידענע פאַנטאַזיעס קען מען געפינען דעם פאַרענטפער צו מיין איינגעשפּאַרטן ווונטש אַז מיין באָבע זאָל דעם ווייסן קורטשאָק, מיין כּפּרה־הינדל פאַר די ימים נוראים, איינשפּאַנען אין מיין שפּילצייג־וועגעלע און אים צווינגען עס צו שלעפּן איבער דער גאַס. קיין שום תּירוצים האָבן נישט געהאָלפן, מיין באָבע האָט געמוזט דעם קורטשאָק צובינדן צום וועגעלע און ער האָט עס געשלעפּט איבער דער גאַנצער שעראָקע גאַס. פאַרשטייט זיך אַז ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער קורטשאָק האָט זיך צעבונטעוועט, זיך אָפּגע־ריסן פונעם וועגעלע און גענומען שנעל אַנטלויפן פון די פּייניקערס זיינע. איך האָב געמאַכט אַ געפערלעכן ליאַרעם. מיין אָרעמע באָבע האָט אים געפּרווט כאַפּן, אָבער ער איז געווען פלינקער און געלאָפן וואָס אַ מאָל ווייטער, נאָכגעיאָגט דורך אַ מחנה קינדער, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו זען דעם בייזן ווונדער. נאָך לאַנגער מי האָט מען דעם קורטשאָק, צו מיין גרויסער פרייד, געכאַפּט. איך האָב מיך אַ ביסל באַרויִקט און מיך געלאָזט אָפּפירן אַהיים צוזאַמען מיטן קורטשאָק.

אין די צוויי צימערן ביי מיין זיידע־באָבע פלעג איך מיך זייער גוט פילן. ביידע פלעגן זיי שטענדיק געפינען עפּעס צוצייִענדיקס פאַר מיר, עפּעס אַ געשמאַק מאכל, אָדער שפּילעריי. איך פלעג אָפט אַפילו בלייבן ביי זיי איבער נאַכט און שלאָפן מיט מיין זיידן און וואַכן מיט מיין האַנט אויף זיין ברוסט ער זאָל מיר נישט פאַרשווינדן. מיין אומרו איז געווען באַרעכטיקט, ווייל ער פלעגט אין אָוונט שפּילן אין אָרקעסטער אין טעאַטער, אָדער גאָר אויף אַ חתונה. דעמאָלט האָב איך טאָקע נישט געקענט איינשלאָפן, און מיין באָבע איז געווען געצוווּנגען צו וואַרטן צוזאַמען מיט מיר ביז ער פלעגט

צוריקקומען. מיין זיידנס געזעלשאַפט האָב איך שטענדיק ליב געהאַט. אחוץ דעם וואָס ער האָט געקענט אַ סך מעשהלעך, האָב איך אויך פּשוט ליב געהאַט אויף אים צו קוקן. זיין קורץ ווייס בערדל, זיין קלוגער בליק, זיין קליידונג, איבערהויפּט זיין שוואַרצער קאַפּעליוש, זיין רויִקייט און געדולד צו מיר, האָבן מיך אָנגעפילט מיט ליבשאַפט. ער האָט אויף מיר קיין מאָל זיך נישט געבייזערט און נישט אויפגעהויבן דאָס קול. איך האָב ליב געהאַט צו קוקן, ווי ער פלעגט מיט זיין געניטער פעדער שרייבן די נאָטן פאַרן אָרקעסטער פונעם יידישן טעאַטער, וועלכער פלעגט אים זעלטן באַצאָלן פאַר זיין איבע־ריקער מי. איך פלעג אויך גערן מיך צוהערן צו זיינע מוזיק־לעקציעס, מיט וועלכע ער האָט געפּרוווט פאַרבעסערן דאָס מאַטעריעלע אויסקומען. אַ פּאָר־מאָל פלעג איך מיך צוהערן, ווי ער פלעגט אָנסטראָיען זיין פידל און דערנאָך רעפּעטירן די פּאַרטיעס, וועלכע ער האָט געשפּילט אין אָרקעסטער.

אַ געוויסע צייט האָט מיין זיידע געפּרוווט לערנען מיך פידל־שפּילן. פיל צייט האָט ער פאַר דעם אָפּגעגעבן, אָבער איך האָב נישט אַרויסגעוויזן נישט קיין פעיִקייט און נישט קיין חשק צו דעם. איך האָב מיך אויסגעלערנט לייענען אַ ביסל נאָטן, אַפילו געשפּילט אַ צוויי דריי פּאָפּולערע מעלאָדיעס, און מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט. קען זיין, אַז ווען מיין זיידע וואָלט געווען ווינציקער נאָכגיביק, און וואָלט מיך אַ נעם געטאָן אַ ביסל שטרענגער, וואָלט איך געווען ווייטער געלערנט, אָבער ער האָט מיר קיין מאָל נישט געוויזן קיין בייזע מינע, און אַזוי אַרום האָט זיך מיין מוזיק־לערנען געענדיקט.

דער זיידע האָט מיך אויך געלערנט מאַכן פאַרשידענע שפּילעכלעך פון פּאַפּיר. ביזן היינטיקן טאָג קען איך מאַכן אַ היטל פון פּאַפּיר, אַ לאָדקע מיט איינער אָדער צוויי קעשענעס. די קונץ פון מיין זיידן האָב איך איבערגעגעבן מיינע צוויי אייניקלעך. ער האָט אַפילו געפּרוווט מיך לערנען טאַנצן מאַ־דערנע טענץ. פאַר אַ ייִדן אין זיינע יאָרן איז דאָס גאָרנישט געווען אַזוי פּשוט. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט מיר דערקלערט, אַז די ערד איז קיילעכיק ווי אַ באַלעם, אַז זי דרייט זיך אַרום דער זון. אַזוי ווי ער פלעגט שפּילן אין אָרקעסטער פון יידישן טעאַטער, און טייל מאָל אויך אין אַ צירק, פלעגט ער מיך מיטנעמען אויף פאַרשידענע פאָרשטעל־לונגען. אַ דאַנק אים האָב איך קינדוויז געזען די אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־פירשטין" און בייגעוווינט קאַמפן פון די באַרימטסטע אין יענער צייט

אַטלעטן. די אַטלעטן־פֿאַרמעסטן האָב איך נישט ליב געהאַט. איך פֿלעג ליב האָבן די אַנדערע צירק־נומערן מיט די דרעסירטע חיות. אין יענע יאָרן, ווען אין לובלין איז קיין זאָאָלאָגישער גאָרטן נישט געווען, איז זען די חיות געווען פֿאַר מיר אַן אמתע איבערלעבונג.

מיין ליבער זיידע! ווי שטאַרק ער האָט געשטרעבט איך זאָל לערנען, באַקומען בילדונג. טאַקע ער האָט זיך שטענדיק פֿאַרנומען מיט מיין שול. ער פֿלעגט שטענדיק גיין אויף די עלטערן־פֿאַרזאַמלונגען מיט די לערערס, און ער פֿלעגט זאָרגן אַז איך זאָל מיך לערנען גוט און פֿלייסיק. דערפֿאַר טאַקע פֿלעג איך לויפֿן צו מיין זיידן ווען איך האָב מיך געפֿילט עפּעס באַ־עוולט פֿון מיין מוטער, וועלכע האָט נישט שטענדיק געהאַט קיין צייט און געדולד צו מיר. זי האָט דאָך געהאַט אַ סך אַרבעט ביים שניידעריי און האָט געמוזט זאָרגן אויסצוהאַלטן זיך און מיך אין דער צייט ווען מיין פֿאָטער איז געווען אין דער מלחמה.

ווען איך פֿלעג מיט מיין זיידן גיין שפּאַצירן, פֿלעגט מען אים אָפֿט פֿאַרהאַלטן און בעטן אַריינצוגיין צו אַ קראַנקן. דאָס קאָמישע אין דעם איז געווען וואָס מ׳האָט אים אָנגענומען פֿאַר דעם פּאָפּולערן אין לובלין פֿעלדשער רפֿאל זייפֿן, איינער פֿון די פֿיר יידישע פֿעלדשערס, פֿון וועלכע מ׳האָט געהאַלטן מער ווי פֿון דאָקטוירים. דאָס זענען געווען דער דערמאָנטער רפֿאל, געצמאַן, גרינצווייג און שפּאַק. צו זיי האָבן די יידן זיך געווענדט אַ סך מער גערן, שוין נישט רעדנדיק פֿון דעם אַז זיי האָבן אויך געקאָסט ביליקער. מיין זיידע איז טאַקע געווען אַ ביסל ענלעך צו דעם דערמאָנטן רפֿאל פֿעלדשער, און מ׳האָט זיך געקענט טועה זיין. ביידע האָבן זיי געטראָגן ענלעכע קליינע גרויע בערדלעך און האַרטע קיילעכדיקע קאַפּעליושן, און שוואַרצע מאַנטלען. פֿון וויטנס פֿלעג איך אַליין זיך אויך אַ מאָל טועה זיין.

מיין באָבע, אַ קליינטשיקע פֿרוי, אַ דאַרינקע, מיט העלע הימל־בלויע אויגן, שטענדיק מיט אַ שייטל אויף די גרויע האָר, האָט אין מיין זיידן געקוקט ווי אין דער זון. זי האָט איבער אים געציטערט און אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. און ווען דער זיידע איז טאַקע קראַנק געוואָרן, האָט זיך פֿאַר איר די וועלט געענדיקט. זי איז געזעסן לעבן אים אין שפּיטאָל די גאַנצע צייט ווען ער איז דאָרט געלעגן. ווען ער איז פֿון דאָרט אַרויס, איז זי געווען איבערגליקלעך. אָבער זייער צוזאַמענלעבן האָט זיך פּלוצעם געענדיקט מיט איר טויט.

נאָך דער באָבעס טויט האָט מיין ליבער זיידע אין גאַנצן זיך פאַרלוירן, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע איז מיר געווען באַקאַנט פון די פריסטע יאָרן. קינדוויַיז, ביים שיידן זיך מיט אים פלעג איך אים ווינטשן ער זאָל באַגליקט ווערן. דעם זין פון דעם ווונטש האָב איך נישט פאַרשטאַנען, איך האָב מיר אָבער פאַרגעשטעלט, אַז דאָס באַטייט עפּעס גוטס. ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך גע־טרוימט, ווי אַזוי איך זאָל אָנהויבן פאַרדינען כדי איך זאָל אים קענען העלפן. צו מיין גרויסן באַדויערן איז דאָס נישט צו שטאַנד געקומען. ער איז גע־שטאָרבן אין אָרעמקייט, אין עלטער פון 76 יאָר, אין 1931. נאָך דעם זיידן מיט דער באָבען איז איבערגעבליבן די וווינונג, וועלכע איז געווען זייער אייגנטום, ווי אַלע אַנדערע וווינונגען אין דעם הויז. די ירושה איז איבער־געגאַנגען צו מיין מוטער און איר ברודער. קיין גרויסע ווערט האָט די וווינונג נישט געהאַט און זיי האָבן זי פאַרקויפט פאַר אַ גאַר קליינער סומע.

אויפן זעלבן שטאָק, בשכנות מיט מיין זיידע־באָבע, האָבן נאָך געוווינט דריי פאַמיליעס. אַנטקעגן זייער טיר — אַ פאַרפאַלק מיט אַן איינציקע טאָכטער. נאָך די עלטערנס טויט איז די טאָכטער געבליבן אַליין און האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן, אַ סך אַן עלטערן פון איר, פאַר וועלכן זי האָט קיין שום אינטערעס נישט געהאַט. זי פלעגט צו מיין זיידע־באָבע אָפט מאָל קומען און אַ סך זיך אָפּגעבן מיט מיר. מיין באָבע האָט זי נישט גערן אויפגענומען. ביז די לעצטע יאָרן איז זי געווען זייער אייפערזיכטיק און מורא געהאַט פאַר אַ קאָנקורענט. קיין גרונד האָט זי נישט געהאַט. מיין זיידע האָט זיך מיט זייטיקע פלירטן נישט אינטערעסירט, אַזוי לכל הפחות, האָב איך פאַרשטאַנען.

טיפער אין קאָרידאָר האָבן געוווינט די „יאַיעטשניקעס", הענדלערס מיט אייער. ביי דער פאַמיליע זענען אַלע קינדער שוין געווען דערוואַקסענע און האָבן געהאָלפן ביים האַנדל. מיט זיי האָב איך קיין נאָענטע באַציִונגען נישט אָנגעקניפּט. איך געדענק נאָר, אַז זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ סך אַ בעסערע ווי ביי אַלע אַנדערע איינוווינערס, וועלכע האָבן זיי מקנא געווען...

דאָרט האָט אויך געוווינט די פאַמיליע פון מיין זיידנס ברודער, דוד. ער איז געווען זיין ייִנגסטער ברודער. ער איז דער ערשטער געשטאָרבן,

וויזט אויס פון שווינדזוכט. זיין אלמנה, רייזל פערנאַנד, איז געבליבן מיט פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער, פון וועלכע קיינער איז נאָך נישט געווען דערוואַקסן צו פאַרדינען. די נויט איז געווען נישט צום באַשרייבן. די ענגשאַפט געפערלעך. ס'איז דאָרט, אין דעם קליינעם שטיבל מיטן איינ־ציקן פענצטערל אין דעם סופיט, שטענדיק געווען טונקל. ס'איז מיר שווער צו זאָגן צי די פינצטערניש איז געקומען פונעם קנאַפּן ליכט פון פענצטערל, צי פונעם שמוץ אין צימער. יעדער באַזוך ביי דער פאַמיליע פלעגט מיך דערשלאָגן. כ'האָב דאָך מיט זיי אָנגעהאַלטן אַ געוויסן קאָנטאַקט, באַזונדערס מיטן יינגערן זון, בנימין, וועלכער איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר. די מוטער האָט „אויסגעהאַלטן" איר פאַמיליע פון „האַנדל" מיט בייגל. פון דעם האַנדל האָט זי קיין ברויט צו דער זעט קיין מאָל נישט געקענט פאַרדינען. וועגן דעראַבערן עפּעס וואָס פון מלבושים, אָדער מעבל איז קיין רייד נישט געווען.

דער עלטערער זון, שלמה, האָט פרי זיך אויסגעלערנט שניידעריי און איינגעאָרדנט זיך אַ וווינונג צוזאַמען מיטן וואַרשטאַט אויף ניעצאַלע גאַס — היינטיקע סלאָווינסקעגאָ. די וווינונג מיטן וואַרשטאַט האָבן זיך געפונען אין אַ האַלבער קעלער־וווינונג, מיטן אַריינגאַנג פון דער גאַס דורך עטלעכע שטיגעלעך. די טיר מיט דער שויב האָט פאַרטרעטן אַ פענצטער. שלמה האָט געהאַט אַ פרוי און צוויי קינדער. כאָטש די ענגשאַפט איז געווען גרויס, האָט די פרוי אָפּגעהיט די ריינקייט. דעם פאַרפאַלק האָט פאַרהעלטנישמעסיק אָפּגעגליקט; ער האָט שטענדיק געהאַט אַרבעט, נייענדיק מיליטערישע אוניפאַרמען.

אויך בנימין האָט זיך שפּעטער אויסגעלערנט שניידעריי און אָנגעהויבן פאַרדינען. ער האָט אויך גאַנץ פרי געגרינדעט אַ משפחה און שטאַלצירט מיט זיינע צוויי קינדער.

די צוויי טעכטער האָבן זיך קיין מאָל פון דער שרעקלעכער נויט נישט באַפרייט. די עלטערע, שׂרה־לאה, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן מיט עטלעכע קינדער. דערנאָך זענען צוגעקומען שותּפותדיקע און ער, איר מאַן, כאָטש אַ גוטער סטאָליער, האָט קיין מאָל נישט פאַרדינט גענוג פאַר דער גרויסער משפחה. זייער סיטואַציע איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע, דערצו איז דאָרט נישט געווען קיין שלום־בית. אין דער ענגשאַפט האָבן געמוזט אויסברעכן קאָנפליקטן מיט דער פאַמיליע פון דער יינגערער שוועסטער,

וועלכע האָט אויך געוווינט אין זעלבן צימער. די מוטער, צו איר „גליק", האָט שוין נישט דערלעבט צו זען די נויט פון אירע צוויי חתונה געהאַטע טעכטער.

דער ערשטער שטאָק האָט געהאַט אַ גאַנעק. דאָרט האָט געוווינט אַ מלמד. די משפחה זיינע האָט זיך גערעכנט אַ ביסל צו די יחוסדיקע. צו זיי פלעג איך אַ מאָל, שבת, גיין מיט מיין באָבען. דער וועג צו זיי איז געווען אַ לאַנגער, ווייל דער גאַנעק האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער וואַנט פונעם הויז און איז געווען געפּערלעך. ס'האָבן געפעלט ברעטלעך אין דער פּאָדלאָגע פונעם גאַנעק, אַנדערע האָבן זיך שוואַך געהאַלטן און געהוידעט זיך ביי יעדן טריט. באַזונדערס זענען אַ סך שטאַכעטן געווען נישט באַפעס־טיקט און האָבן געדראָט מיט אַרויספאַלן ביי יעדן צוריר צו זיי.

גלייך פון די שטיגן האָט מען געקענט אַריינגיין צו אַן אַנדער פאַמיליע. זי האָט נישט אָנגעהאַלטן קיין נענטערע קאָנטאַקטן מיט די איבעריקע איינ־וווינערס. איך געדענק נאָר די פרוי מיטן גרויסן שייטל אויפן קאָפּ און גאָר שטרענגן אויסדרוק פונעם פּנים. די פאַמיליע האָט וואַרשיינלעך קיין קינדער נישט געהאַט, אַלנפאַלס האָב איך זיי קיין מאָל נישט געזען.

אויפן זעלבן שטאָק האָט געוווינט די משפחה פון אַ מאַליער. ער האָט זיך מער אָפּגעבן מיט האַנדל. זיין האַנדל איז אָבער געווען פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער: ער פלעג אָפּנאַרן די פּויערים ביים קויפן ביי זיי זייערע פּראָ־דוקטן. דאָס איז געווען גאָר איינפאַך, אָבער צו דעם האָט זיך געפאָדערט געשיקטקייט. ווען ער פלעגט אָפּזוכן דעם געהעריקן פּויער, פלעגט ער פריִער אים פאַרמאַטערן מיט דינגען זיך וועגן פרייז. ווען דער פּויער איז שוין איינשטימיק געווען מיטן פרייז, האָט ברוך מאַליער אָנגעהויבן אָנווענדן זיינע „קענטענישן". ער האָט געצוימען ציילן דאָס געלט אין באַנקנאָטן. ביים ערשטן ציילן האָט די סומע געשטימט, ביי יעדן אַנדערן פלעגט ער פלינק איינלייגן געוויסע באַנקנאָטן אין צווייען. דעם פּויער האָט ער געהייסן ציילן פון דער זייט ווי זיי זענען געלעגן אין צווייען, אַזוי אַרום איז די סומע געווען פאַרן פאַרקויפער העכער ווי די אמתדיקע. נאָך ברוכס ציילן עטלעכע מאָל איז די באַצאָלטע סומע רעדוצירט געוואָרן צו אַ מינימום. דער פּויער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַמערקן ברוכס „קונצן". זיינע פינגער זענען געווען פלינק און אויב דער פּויער האָט שפּעטער באַמערקט דעם שווינדל איז שוין פון ברוכן קיין זכר נישט געווען, ער פלעגט נאָך אַזאַ

געשעפּט פֿאַרשווינדן פֿונעם פּלאַץ. ברוך איז געווען בלינד אויף איין אויג, ער האָט געהאַט אויף דעם אַ הייטל. ער איז געווען הויך און מאָגער. מעגלעך אַז כּדי אָפּצושוואַכן דעם נישט־אָנגענעמען איינדרוק פֿון זײַן בלינדקייט און וועקן מער צוטרוי, האָט ער זיך געקליידט ווי אַ רעליגיעזער ייִד. ער האָט גערעכנט, אַז די פּויערים וועלן נישט חושד זײַן אַזאַ ייִד אין שווינדל. אַ שטיק צײַט איז אים טאַקע אָפּגעגאַנגען גלאַט, אָבער נאָך אַ לאַנגן „אָפּע־רירן" צווישן די פּויערים איז ער געוואָרן גוט באַקאַנט און די פּויערים פֿלעגן איינער דעם צווייטן וואָרענען וועגן אים און ער האָט מער נישט געקענט מאַכן זײַנע „קונצן".

זײַן פֿרוי, אַ הויכע און אויסגעמאַטערטע, מיט אַ צו גרויסן בויך פֿון די אָפּטע שוואַנגערשאַפֿטן, איז געווען קעגן איר מאַנס „טעטיקייט". זי האָט זיך שטאַרק געשעמט מיט זײַן „פּראָפֿעסיע" און האָט זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן אים פֿון דעם. די נויט איז אָבער געווען שטאַרקער און זי האָט אַוועקגעקוקט פֿון איר מאַנס אופֿן צו מאַכן פּרנסה. די קינדער, פֿון וועלכע איך געדענק צוויי מיידלעך און אַ זון, זענען שטענדיק געווען קעגן זייער פֿאָטער. זיי האָבן זיך געשעמט און אים פֿאַראַכטעט. זיי האָבן געוואָלט פֿאַרלאָזן די היים, אָבער קיין מעגלעכקייטן האָבן זיי דערצו נישט געהאַט. וווּהין האָבן זיי געקענט גיין און פֿאַרדינען כּדי צו זײַן אומאָפּהענגיק? זיי האָבן געמוזט אויסשטיין דעם בזיון צווישן די אָפּשפּעטנדיקע קינדער, וועלכע האָבן געקענט זייער פֿאָטערס „אַרבעט".

אַחוץ די דערמאָנטע איינוווינערס פֿון די צוויי שטאָקן האָבן אייניקע נאָך געוווינט אין קעלערשטוב. אַהין האָבן געפֿירט עטלעכע שטיגעלעך, וועלכע זענען שטענדיק געווען צעבראָכן און ווינטער באַלייגט מיט שניי און אײַז, אַזוי אַז מ'האָט געקענט לײַכט די פֿיס זיך צעברעכן. פֿון די שטיגעלעך האָט געפֿירט אַ פֿינצטערער קאָרידאָר, קיין מאָל נישט באַלויכטן דורך אַ פֿענצטער, אָדער אַ לאָמפּ. צו די וווינונגען האָט מען געקענט קומען נאָר אויב מ'האָט גוט געקענט דעם קעלער און דעם קאָרידאָר, אַנדערש האָט מען זיך געקענט צעשעדיקן פֿאַלנדיק איבער די פֿאַרשידענע זאַכן פֿון די לאָקאַטאָרן, וועלכע האָבן נישט געהאַט פֿאַר זיי קיין פּלאַץ אין זייערע וווי־נונגען. איך האָב באַנוצט דעם אויסדרוק וווינונג, פּאַקטיש זענען דאָס געווען פֿינצטערע קאַמערן, וווּהין די זון איז קיין מאָל נישט אַרײַנגעדרונגען, ווו די ווענט זענען שטענדיק געווען נאַס און קאַלט, ווו מ'האָט כּמעט קיין

מאָל נישט געהייצט און זעלטן ווען אָנגעצונדן אַ לאָמפּ. דאָרט האָבן געוווינט מענטשן, וועלכע האָבן קיין מאָל קיין מענטשלעכע באַדינגונגען נישט געהאַט און וואָס זייערע באַגלייטערס זענען געווען הונגער און קעלט, זייער אויסזען אויסגעמאַטערט מיט הונגעריקע אויגן, גרויער הויטקאָליר און שמאַטעס אויפן גוף, וועלכע זענען אַ מאָל געווען קליידער. אָט די קליידער — היפּש אָפּגענוצטע — האָבן זיי באַקומען אין געשאַנק.

איך מוז נאָך צוריקגיין מיט די געדאַנקען צו דער שעראַקע גאַס, מיט וועלכער אַ סך לובלינער זענען געווען געבונדן אין אַ געוויסער מאָס. די גאַס האָט מען זיכער נישט אומזיסט גערופן די „יידן־גאַס". פאַר מיר האָט זי געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט צוליב דעם הויז, וווּ מיין זיידע־באָבע האָבן געוווינט. אַ סך לובלינער פלעגן די גאַס בינדן מיטן אויסערגעוויינלעך גוטן געבעקס פון סימעלע דער בעקערין. געוויסע קרייזן פון דער לובלינער יידישער יוגנט האָבן געהאַט אַ טרעפּפּונקט פאַר פאַרוויילונגען ביי וואַלאַכ־מאַנען אין זיין באַקאַנטן טאַנצזאַל, נישט ווייט פון דער קאָוואַלסקע. דאָרט פלעגן זיך טרעפן געזעלן פון פאַרשידענע וואַרשטאַטן, יונגע האַנטווערקער, אָדער סתם אָרעמע שיכטן פון דער יוגנט. יוגנטלעכע פון די „בעסערע היימען" פלעגן אַהין נישט קומען. ס'האָט נישט „געפּאַסט". יעדן אָוונט האָט מען כמעט אויף דער גאַנצע גאַס געקענט הערן די קלאַנגען פון דעם הילכיקן אָרקעסטער, וועלכער האָט געשפּילט אַלע מאָדערנע שלאָגערס.

איין מאָל האָב איך איבערגעטרעטן די שוועל פון דעם זאַל, כמעט ווי בגנבה, אָן דעם וויסן פון מיינע עלטערן און מיינע חברים. זיי וואָלטן דאָס באַטראַכט שיִער נישט ווי אַ פאַרברעכן. געפירט אַהין האָט מיך מיין נייגע־ריקייט און אויך אַ פּראַקטישער ציל. איך האָב מיך אָנגעהויבן לערנען טאַנצן צוזאַמען מיט מיין חברטע, שׂרה מאַכעראָווסקע. געלערנט האָט אונדז, ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, איר ברודער. די לערע איז אָבער אָנגע־גאַנגען אָן מוזיק. מיין „לערער" האָט דאַן באַשלאָסן, אַז ער וועט מיט מיר אין אַן אָוונט גיין צו וואַלאַכמאַנען, געניסן פון דעם אָרקעסטער. איך האָב לאַנג נישט געוואָגט צו ריזיקירן. שמשון, מיין טאַנץ־לערנער, האָט מיר פאַרזיכערט אַ ספּעציעלע וואַך. ער און זיינער אַ חבר, האָבן מיך געזאָלט אָפּהיטן איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַן אומגעוווּנטשענעם פאַרטנער.

אין איינעם אַן אָוונט, באַוואַכט פון די צוויי בחורים, מיט דער נשמה

אויף דער שפּיץ נאָז, בין איך אַריין אין דעם זאַל. אונדזער אַריינקומען האָט געוועקט אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס, ווי יעדער אומבאַקאַנטער מענטש אין אַ נייער סביבה. ס'האָבן גאַנץ שנעל זיך געפונען קאַנדידאַטן מיך צו פאַרבעטן צום טאַנצן און איך האָב מיך גאַנץ שנעל געפילט ווי פאַרלוירן צווישן די אומבאַקאַנטע מענטשן. אָבער שמשון מיט זיין חבר זענען געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן מיך, לויט דעם דעמאָלטיקן מנהג, גלייך „אָפּגע־קלאַפּט". אָבער קיין סך האָב איך נישט געלערנט פון מיין טאַנצן אונטער דער מוזיק פונעם אָרקעסטער, ווייל די שפּיל מיטן „אָפּקלאַפּן" האָט אַנגע־האַלטן אָן אַ סוף, און מיר האָבן גיך דעם זאַל פאַרלאָזט. וואָס איך וויל זאָגן איז דאָס, אַז קיין שום נישט־אַנשטענדיקע אויפפירונג מצד די שטאַמגעסט האָב איך דאָרט נישט באַמערקט. אַרבעטער־יוגנט האָט פאַרבראַכט ווי די יוגנט אין דער גאַנצער וועלט.

די וועגן צו דער צירוליטשע

פונעם פּישטאַרג האָבן געפירט צו דער צירוליטשע צוויי געסלעך. איינס פון זיי האָט געהייסן נאַדסטאַוונע, דאָס צווייטע — פורמאַנסקע. דורך די צוויי געסלעך פלעג איך גיין צו מיין פאָטערס שוועסטער אויף צירוליטשע 14. ערב פּסח פלעג איך אויף דער נאַדסטאַוונע גיין מיט מיין מוטער איינקויפן פאַרשידענע כּלים אויף יום־טוב אין אַ געוועלב, וואָס איז אויך געווען דאָס וווינאָרט פון דעם אייגנטימער מיט זיין געזינד. אַחוץ די כּלים און פאַר־שידענעם געפעס פלעגן זיך דאָרט געפינען פאַרשידענע ליימענע אָדער פאַרצעלייענע סטאַטועטקעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מענטשן, אָדער חיות, ווי קעץ, הינט, אָדער גאָר פייגל. איך האָב געבעטן מיין מוטער זי זאָל מיר קויפן אַזאַ פּאָר סטאַטועטקעס, און ווען זי האָט זיך געלאָזט צורעדן, בין איך געווען איבערגליקלעך. איך האָב זיך מיט זיי געשפּילט, זיי געשטעלט אויפן שענקל ביים טרומאָ־שפּיגל, אָדער אויף דער עטאַזשערקע מיט גלאָזוואַרג, ווי אין אַ סך יידישע היימען אין יענער צייט.

די נאַדסטאַוונע (און אפשר איז דאָס גאָר געווען די פורמאַנסקע) איז איין מאָל אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַן אומגעוויינלעכער מעשה, און איך בין פון דער מעשה באַזונדערס דערשיטערט געוואָרן, ווייל איך האָב געקענט די מענטשן, וואָס זענען געווען די העלדן פון דער מעשה. דער פאָטער איז געווען מיין פאָטערס אַ קליענט, איינע פון זיינע טעכטער איז מיט מיר

געגאַנגען אין דער „פּאָושעכנע״. די משפּחה האָט זיך מיט גאָרנישט אויס־געצייכנט און, מיט אַ מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יאָסל „לעבט״ מיט זיין עלטסטער טאָכטער און אַז זי האָט פון אים געבוירן אַ קינד. נייגעריקע מענטשן האָבן זיך כּסדר געזאַמלט אַרום זיין וווינונג, כּדי צו זען די „העלדן״. אַזוי ווי זייער וווינונג האָט געהאַט דעם אַריינגאַנג גלייך פון דער גאַס און די טיר האָט געהאַט אַ שויב, האָבן אַלע נייגעריקע געקענט אַריינקוקן און באַוווּנדערן דעם טאַטן מיט דער טאָכטער. יאָסל האָט לאַנג נישט געוואַגט זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס, אַלע האָבן געטייטלט אויף אים מיט די פינגער און אים פאַראורטיילט. די קינדער זיינע האָבן זיך געשעמט צו באַווייזן פאַר מענטשן. ס׳האָט זייער לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן די געשיכטע, אָבער די גאַנצע פאַמיליע האָט שוין קיין מאָל קיין גוטן שם נישט געהאַט.

די צירוליטשע, אירע איינוווינערס און מעשׂיות

כאָטש צו דער צירוליטשע האָבן געפירט אַ סך וועגן, איז עס געווען אַ קליין געסעלע מיט אַ צוויי צענדליק קליינע הייזלעך, איין אָדער צוויי־שטאָקיקע. אויב מיר וועלן נישט רעכענען דאָס ערשטע, באַרענשטיינס הויז, ביים אַריינגאַנג פון לובאַרטאָווסקע. צו יענער צייט איז דאָס געסעלע געווען פאַר מיר אַ גאָר גרויסע גאַס, מיט אַ סך אינטערעסאַנטע ערטער, וווהין איך פלעג אָפט מאָל קומען. פריִער האָב איך שוין דערמאָנט פייגעלע אברהם־אליעזרס הויז, ווו ס׳האָט געוווינט מיינע אַ חברטע, די גוטהאַרץ, איינע פון די אָרעמסטע אין קלאַס אין דער „פּאָושעכנע״. אין דעם געסל האָט געוווינט מיין מומע, איינע פון מיין פאָטערס דריי שוועסטער. געהייסן האָט זי ברכה. איר נאָמען האָט איר וואָרשיינלעך געהאָלפן. אין פאַרגלייך מיט מיין פאָטערס אַנדערע שוועסטער און ברידער, איז זי געווען געבענטש מיט פּרנסה. זי האָט געהאַט אַ סאָלידן מאַן, פיר סימפּאַטישע קינדער: דריי טעכטער און אַן איינציקן זון. פון די דריי טעכטער איז איינע געווען אַ שיינהייט. דער איינ־ציקער זון איז געווען אַ פֿעיִקער און סימפּאַטישער בחור, דאָס אויג אין קאָפּ פון דער גאַנצע פאַמיליע. כאָטש ברכהס מאַן איז געווען אַ שוסטער, אַ „פלעק

אין דער משפחה", האָט ער זיך גערעכנט צו די „בעסערע" לייט. ער האָט גוט פאַרדינט, ווייל ער האָט געשמט פאַר אַ גוטן פאַכמאַן און זייער גוט זיך באַצויגן צו זיין פרוי און קינדער. אין קעגנזאַץ צו אַ סך ייִדישע שוסטערס האָט ער געקענט שרייבן און לייענען פויליש און האָט געשטרעבט צו געבן בילדונג זיינע קינדער. די עלטערע צוויי טעכטער, אסתרל און גוטשע, האָט ער אַפילו געשיקט אין גימנאַזיע. (אַ זעלטנהייט אין יענער צייט.) זיי זענען געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר. געוווינט האָט די פאַמיליע אין צוויי צימערן מיט אַ קיך, אין הויז פון מיין פעטערס שוועסטער, פייגעלע וואַלדער, אַן אייגנטימערין פון אַ נאַפט-געוועלב אויף לובאַרטאָווסקע 20, ביי וועמען מיר פלעגן קויפן נאַפט צו אונדזערע לאָמפּן. מיין פעטער און די מומע פלעג איך באַזוכן נאָר צוזאַמען מיט מיין מוטער. ווען מיין פאָטער איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, פלעג איך דאָרט גיין מיטביידע עלטערן און מיין שוועסטער און ברודער. די באַזוכן פלעגן פאָרקומען אַממערסטן שבת צו נאַכטס. די גרעסטע אַטראַקציע איז דאָרט געווען דער גראַמאָפאָן. זיי פלעגן אים אָנשטעלן און פון דער ברייטער טראָמבע פלעגן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועלכע האָבן געזאָלט זיין מוזיק. פאַקטיש זענען צו אונדז דער־גאַנגען קלאַנגען, גאָר ווייטע פון מוזיק. אָבער פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויס וווּנדערווערק. די צווייטע אַטראַקציע, וועלכע האָט מיך געלאָקט צו גיין אַהין, איז געווען דער געזעל אַהרון יעלעניעוויטש. ער איז ביי זיי געווען ווי לאַנג איך געדענק מיך. געווינען פלעגט ער אונדז מיט זיין דערציילן פאַרשידענע מעשׂיות. זיינע צוהערערס זענען געווען אַחוץ מיר די צוויי ייִנגערע קינדער פון מיין פעטער: סימטשע און אברהמטשע, דער איינציקער זון, זייער לאַנג דערוואַרטער קדיש. איינע פון די מעשׂיות האָבן מיר אַלע אַ סך מאָל אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אין דער מעשׂה האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פרוי, אַן אויסוווּרף, אַ העסלעכע און אַ מרשעת. טראָץ די „מעלות" אירע איז איר געלונגען חתונה צו האָבן. דער אויסגעוויילטער איז אָבער געווען אַ קריפּל, מיט אַ גרויסן הויקער. כּדי נישט צו וואַרפן זיך צו פיל אין די אויגן מיט זיין מום, האָט ער זיך אויסגעזוכט עטלעכע חברים מיט אַ מום און ווי זיינער און אין זייער געזעלשאַפט פלעגט ער פאַרברענגען. דער פרוי זיינער איז שנעל דערעסן געוואָרן איר מאַן דער קריפּל מיטן גרויסן הויקער אין איינעם מיט זיינע חברים הויקערס. זי האָט באַשטימט פּטור צו ווערן פונעם מאַן מיט דער גאַנצער חברה. פּטור ווערן — ווי אַזוי?

זי האָט צוגעטראַכט אַן אייגפאַכן אופן. זי וועט זיי דערשטיקן. האָט זי אָפּגעקאַכט אַ גרויסן טאָפּ קאָשע און האָט זיי אַלע געצוווּנגען צו עסן אַזוי פיל ביז זיי זענען דערשטיקט געוואָרן. ווען זי האָט דערזען די אָפּגעטוענע אַרבעט, האָט זי זיך אַ ביסל דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די טויטע. אַלע מתים, אַחוץ איר מאַן, האָט זי באַהאַלטן אין די שענק. דעם מאַן האָט זי געלאָזט זיצן ביים טיש מיטן גרויסן טאָפּ קאָשע און געמאַכט אַ געוואַלד, אַז ער האָט זיך דערשטיקט, ווייל ער האָט זיך איבערגעגעסן. ס'איז געקומען די חברה קדישא, מ'האָט דעם מת אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אונטערגעלייגט עטלעכע שטרוי, און אויפן צווייטן טאָג האָבן די אים אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם. אָפּגעטאָן זיין רעכט, זענען זיי רויִק צוריקגעקומען נאָכן שׂכר־קבורה. דאָ האָט זיי אָבער געטראָפן אַן אַנטוישונג — ביים טיש, אויפן זעלבן אָרט, האָבן זיי געטראָפן אַ קריפּל, ענלעך צום פריִערדיקן. די בעל־הביתטע האָט געטענהט, אַז זיי האָבן דעם טויטן שלעכט באַגראָבן און דערפאַר איז ער צוריקגעקומען. די חברה האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו טאָן זיין רעכט אויך דעם מת. עטלעכע מאָל האָט די אלמנה איבערגעחזרט דאָס שפּיצל ביז דער לעצטער מת איז באַגראָבן געוואָרן. ערשט דאַן האָט זי באַצאָלט פאַר דער קבורה. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז אָפּגעקומען ביליק און באַצאָלט פאַר איין איינציקן מת. אַזוי איז זי פּטור געוואָרן פון איר מאַן און זיינע חברים, נישט וועקנדיק קיין שום פאַרדאַכט.

כאָטש די מעשׂה האָט אַרויסגערופן ביי אונדז אַ געפערלעכע שרעק און אונדז האָבן זיך געחלומט ביי נאַכט הויקערס און מתים, האָבן מיר קיין מאָל נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיינע מעשׂיות, זאָל זיין די אַפילו שוין פיל מאָל דערציילטע.

אַהרון האָט לאַנגע יאָרן געאַרבעט ביי מיין פעטער און האָט זיך גערעכנט כמעט ווי אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע. ער האָט באַשטימט ביי זיך צו ווערן מיין פעטערס אַן איידעם און חתונה האָבן מיט זיין עלטסטער טאָכטער אסתּרל, וועמען ער האָט כמעט אויפגעהאָדעוועט. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערקלערט, אַז ער איז פאַרליבט אין זייער טאָכטער און אַז ער איז גרייט פאַר איר צו טאָן אַלץ כדי צו מאַכן זי גליקלעך און צופרידן און פאַרזיכערן איר אַ גוט לעבן, האָבן מיין פעטער־מומע נישט געוואָלט הערן דערפון. זייער טאָכטער מיט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע זאָל חתונה האָבן מיט

אַ שוסטער? זיי האָבן פאַר איר געזוכט אַ שענערן יחוס, געפרוווט מיט שדכנים און געקלערט וועגן באַקאַנטע יונגעלייט, וועלכע פלעגן אסתּרלען באַזוכן. אַהרון יעלעניעוויטש האָט נישט מוותּר געווען אויף זיין פּלאַן. צו דערגרייכן דעם ציל האָט ער זיך געגרייט מיט געדולד און אויסגעהאַלטנקייט. פאַרשטייענדיק אַז די שווערסטע מניעה צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים באַשטייט אין זיין שוסטעריי, האָט ער באַשלאָסן צו ענדערן זיין פאַך. אויף דער זעלבער צירוליטשע, ביי באַרענשטיינגען אין הויז, האָט ער געדונגען אַ לאָקאַל, אים איבערגעבויט און איינגעריכט, „איינגעאָרדנט", ווי מען פלעגט דאָס דאַן רופן, אַ „פּיוויאַרניע", וווּ מ'האָט געקענט קויפן אַ גוט שטיקל כשר ווורשט, אַ שטיקל געענדזנס, אַ ייִדיש ציבלקעלע מיט געענדזן־שמאַלץ און אַ לעבערל און אויך אַ גלאָז ביר. די „פּיוויאַרניע" האָט שנעל געקראָגן אַ גוטן נאָמען און אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט די דאָרפסמאַנס, מיינע שכנים פון לובאַרטאָווסקע. דער דערפאָלג מיט דער „פּיוויאַרניע" האָט געבראַכן דאָס אייז. מיין מומע און פעטער האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף יעלעניעוויטשן מיט אַנדערע אויגן, איבערהויפּט ווען פון די אויסזיכטן אויף אסתּרלס דערפאָלג ביי אירע באַקאַנטע יונגעלייט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. די טרוימען פון אַהרונען האָבן אָנגעהויבן אָננעמען רעאַלע פאָרמען און זענען אויך אין גיכן מקוים געוואָרן. דאָס פּאָרל האָט חתונה געהאָט און געלעבט צופרידן און געהאַט פּרנסה ברווח. זיי האָבן אויך געהאַט אַ זייער געראָטן טעכטערל, מיט פעיִקייטן צו מוזיק. צו זייער גליק האָט אַ סוף געמאַכט די מלחמה. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

גוטשע, די צווייטע טאָכטער, אַ שאָנהייט מיט צוויי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אַ שוואַרצער קרוין פון האָר־שפּע, האָט, צום באַדויערן פאַרשוואַרצט דעם אָנזען פון איר גאַנצער פאַמיליע. לויט די באַגריפן פון די עלטערן, באַפלעקט זייער גוטן נאָמען. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ באַווייבטן מאַן. אין ייִדישן ציבור פון יענער צייט איז אַזאַ מין ליבע באַטראַכט געווען ווי אַן אומגעהייערער חטא. דאָס האָט געפירט צו אַ חרם, אויסגעשלאָסן צו ווערן פון דער געזעלשאַפט, איזאָלירט ווערן פון נאָענטע און באַקאַנטע. פאַר מיין מומען מיטן פעטער און פאַר גוטשען איז דאָס געווען אַ טראַגעדיע. דער מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך פאַרבונדן, האָט נישט געקענט אַליין באַפרייען זיך פון זיין פרוי, און נאָך ערגער: — נישט געהאָט קיין מעגלעכקייטן צו פאַרדינען. גוטשע אַליין האָט אויך נישט געקענט גענוג פאַרדינען

און אויסהאַלטן זיך פון איר היטנפּוצערײַ. דער מצב פון דעם פּאָרל איז געווען ביטער און אויסזיכטלאָז. מ׳האָט אויף זיי געקוקט ממש ווי אויף פֿאַרברעכערס. ווען ס׳האָט נישט געהאָלפן די עלטערנס עצה איבערצורייסן מיט דעם מאַן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון איר... גוטשע האָט פֿאַרלאָזט די היים און איז אַוועק וווינען מיט איר אויסדערוויילטן. אין דער אַטמאָספער פון חרם און פאַרדאַמונג האָט דאָס פּאָרל זיך געפילט ווייט פון גליקלעך. איך פלעג גוטשען טרעפן פון צייט צו צייט. איין מאָל האָב איך זי באַזוכט אין איר היים. זי איז געווען שטאַרק דערשלאָגן. מיר איז געווען אויף איר אַ רחמנות. די עלטערן, פון זייער זייט, זענען געווען אומגליקלעך. זיי האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן שריט פון זייער טאָכטער, וועלכע האָט צוליב איר שיינקייט געקענט אַליין באַגליקט ווערן און אויך אויפריכטן די משפחה. זייער דריטע טאָכטער, סימטשע, איז געווען מיינע אַ חברטע. זי האָט זיך פרי באַקאַנט מיט אַ בחור, אַן אַנגעשטעלטן אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט אויף צירוליטשע, וואָרשיינלעך ביי די צינאַמאַנס, די עלטערן פון מיין חבר פון דער שפּערס גימנאַזיע. מיט דעם בחור איז זי „געגאַנגען" עטלעכע יאָר און מיט אים חתונה געהאַט. זיין נאָמען געדענק איך נישט. מיינע באַציִונגען מיט סימטשען זענען דעמאָלט געווען לויזערע. וואָס איך האָב יאָ פאַרגע־דענקט, איז דאָס, אַז דער בחור איז געווען הויך און מאָגער, העכער פון דעם דורכשניטלעכן וווקס פון יענעם דור ייִדישע ייִנגלעך.

אברהמטשע, דער ייִנגסטער פון די קינדער, האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל מיטן נאָמען קאַפּעליושניק. זייער ליבע איז געפּרוּווט געוואָרן מיט אַ ביטערן נסיון. דאָס מיידל וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דורכגעפאַלן אין איר אומלעגאַלער טעטיקייט, פאַרמישפּט געוואָרן צו צווייײַאָריקער איזאָלירונג אין תּפיסה. אברהמטשע האָט שטאַרק איבערגעלעבט די צעשיידונג מיט זיין מיידל, און נאָך מער זיינע עלטערן. פאַר זיי איז דאָס געווען אַ בושה, אומאָפּהענגיק פאַר וועלכן חטא זי איז געזעסן. אָבער אברהמטשע האָט אויף איר טריי געוואַרט. זי איז פון תּפיסה אַרויס פריִער, וואָרשיינלעך פאַר ערבות.

אָבער מיינע וויזיטן ביי מיין מומען זענען פּלוצעם געוואָרן פאַר מיר אַ פּלאָג. דאָס איז געשען נאָך דעם ווי מיין פעטער האָט געבאָרגט דעם פאָטער מיינעם אַ גרעסערע סומע געלט צו עפענען אַ שותפותדיק שוכ־געוועלב. פאַקטיש האָבן זיי געזאָלט צוטרעטן אַלס שותפים צו אַלטמאַנס

געשעפט אויף דער נאָווע גאַס, דער פאָטער פון מיינע אַ חברטע. צו דער פאַמיליע פלעג איך אַ מאָל אַריינגיין אין זייער וווינונג אויף שעראַקע. דאָס געשעפט וואָס מ׳האָט געמיינט אַז ס׳איז אַ הצלחהדיקס, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ גאָר נישט געראָטנס. מיין פאָטער האָט פאַרלוירן די גאַנצע געבאָרגטע סומע און אויך זיינע אייגענע אָפּשפּאָרונגען. אונדזער סיטואַציע איז געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלע. מיין פאָטער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען און האָט נישט געזען קיין שום אויסוועג. מער פון אַלץ האָט אים געמאַטערט, ווי איך האָב געהערט פון די שמועסן מיט מיין מוטער, נישט די אייגענע פאַרלוסטן נאָר די אוממעגלעכקייט אומקערן דעם חוב זיין שוועסטער. איך האָב נישט געקענט צוזען זיינע יסורים.

איין מאָל, בעת מיינעם אַ וויזיט ביי מיין מומען, האָט דאָס פּאָרפּאָלק גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף מיין פאָטער. זיי האָבן געטענהט, אַז ער האָט ביי זיי צוגענומען זייער געלט און וויל עס זיי נישט אומקערן. זייערע באַשולדיקונגען, זידלערייען זענען געווען אָן אַ סוף. איך האָב מיך געפילט שטאַרק אומגליקלעך און טיף געטראָפן אין די בעסטע געפילן, וואָס אַ קינד קען האָבן אין באַצוג צו זיין פאָטער. איך האָב נישט געקענט איבער־טראָגן זייערע אומגערעכטע באַשולדיקונגען. און אַזוי ווי איך האָב מיט ווערטער נישט געקענט אויסדריקן מיינע געפילן און דערווידערן, בין איך געזעסן פאַרשטומט ביז... איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געפערלעך געוויין — דאָס איינציקע „געווער” פון אַ קינד אין אַזאַ סיטואַציע. איך געדענק שוין נישט, ווי אַזוי איך בין געקומען אַהיים און צי איך האָב דערציילט וועגן דעם מיינע עלטערן. פון יענעם טאָג אָן האָב איך לאַנגע יאָרן אויסגעמיטן מיין מומע־פעטער. ערשט ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך צוזאַמען מיט מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער אַוועק צו דער מומען, ווו אַלע אירע שוועסטער און ברידער מיט די משפחות האָבן זיך פאַרזאַמלט, כדי זיי זאָלן זיין צוזאַמען אין דער אומגעהייערער צרה.

די וואַלדערס, די אייגנטימערס פון הויז אויף צירוליטשע 14, האָבן געהאַט אַ סך קינדער, וועלכע איך האָב נישט באַוויזן איבערצוציילן, אָבער געקענט האָב איך זיי אַלע. אַ לאַנגע צייט איז די גאַנצע פאַרזאָרגערין געווען די פרוי וואַלדער, מיין פעטערס אַ שוועסטער. געהייסן האָט זי אויב איך געדענק גוט: פייגעלע, אַ קליינע, מאָגערע, טרוקענע פרוי מיט אַן אָפּגענוצטן שייטל אויפן קאָפּ, שטענדיק פאַריאָגט און פאַרנומען. איר פאַמיליע האָט

פאַרנומען דעם ערשטן שטאָק, דאָס הייסט: אַ צימער מיט אַ קיך. ס'איז נישט געווען ווי אַ שפּילקע אַריינצושטעקן ווען אַלע קינדער האָבן זיך פאַר־זאַמלט. דעם צווייטן שטאָק האָט פאַרנומען מיין פעטער, איר ברודער. דאָס געוועלב וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אַריינגאַנג אין הויז, האָט איר געדינט אַלס „פּיוויאַרניע". פון דאַנען האָט די פאַמיליע געדאַרפט ציִען פּרנסה. די „פּיוויאַרניע" האָט אַ געוויסע צייט געגעבן גאַנץ גוטע איינקונפטן און זי האָט געוויס אינספּירירט יעלעניעוויטשן, מיין פעטערס פריִערדיקן געזעל און שפּעטערדיקן איידעם, צו עפענען זיינע אויף דער זעלבער גאַס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די פאַרדינסטן אָנגעהויבן פאַלן, מעגלעך טאָקע צוליב דער קאָנקורענץ פון יעלעניעוויטשן, וועלכער האָט זיין פּיוו־יאַרניע איינגעאָרדנט אויף אַ מאָדערנערן אופן. אַחוץ דעם זענען אויך די באַדערפענישן פון דער פאַמיליע געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם געזינד. דער נדן פאַר צוויי טעכטער און די לערע פון דער דריטער און די צוויי ייִנגלעך האָבן אַלץ מער אויסגעשעפּט די הכנסה, ביז אין שטוב האָט אַלץ מער אָנגע־הויבן אַריינקוקן דער דלות.

אין די בעסערע יאָרן האָט פייגעלע נאָך באַוויזן אויסצושטייערן איר עלטסטע טאָכטער און זי חתונה מאַכן מיט אַ מאַנופאַקטור־סוחר אויף דער בראָוואַרנע גאַס. דער נדן איז געוויס געווען אַ צושטייער דעם איידעם צו פאַרגרעסערן דאָס געוועלב. דאָס פאַרפאַלק האָט געהאַט אַ טעכטערל מיט גרויסע מוזיקאַלישע פעיִקייטן. מיט איר האָט זיך אַפילו פאַראינטערעסירט דער ראַדיאָ, נישט קיין אָפטע דערשיינונג פאַר אַ ייִדיש קינד. זי איז אַרויס־געטרעטן מיט אַ קאָנצערט אין עלטער פון 4 יאָר. וועגן דעם מיידעלע האָט מען גערעדט ווי פון אַ וווּנדערקינד.

די צווייטע טאָכטער, בלומעלע, האָט איבערגענומען דאָס נאַפטגעוועלב אויף לובאַרטאָווסקע 20, מיט וועלכן זי האָט שוין קיין „גליקן" נישט געמאַכט, איבערהויפּט נאָכן יאָר 1926, ווען לובלין האָט אויפגעבויט אַ שטאָטישע עלעקטראָווניע.

די דריטע טאָכטער האָט געהאַט דאָס „גליק" צו לערנען אין טשאַר־ניעצקיס גימנאַזיע, און זי געענדיקט ווי איינע פון די בעסטע שילערינס מיט באַזונדערע פעיִקייטן צו מאַטעמאַטיק. דעם קעגנשטאַנד האָט זי דערנאָך שטודירט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אירע פעיִקייטן אויף דעם געביט האָבן פאַרגיטיקט איר ווייניק באַחנטן אויסזען און די שלעכטע קליי־

דונג אין די גימנאַזיע־יאָרן, וואָס פלעג זי קאָסטן נישט ווייניק געזונט.

פון דער פערטער טאָכטער, גוניע, געדענק איך נאָר אירע גרוי־בלויע גרויסע אויגן און בלאַנדע האָר מיט וועלכע זי האָט זיך אויסגעצייכנט פון דער גאַנצער פאַמיליע.

מיט איינעם פון די צוויי זין האָב איך געלערנט אין דער „הומאַניסטי־שער״ גימנאַזיע, און שפּעטער זיך מיט אים אויך געטראָפן אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער אויך זיין צווייטער ברודער האָט זיך אַ ביסל אַנגאַזשירט.

צירוליטשע איז געווען אַ קליין געסעלע, ווי אַ סך לובלינער געדענקען זיכער. אָבער פון מיין מומעס באַלקאָן האָט מען געקענט זען נאָך אַ קלענער געסעלע. צוגעצויגן צו זיך די אַרומיקע קינדער האָט עס מיט דער ליכט־פאַבריק וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. מיר פלעגן אַריינרוקן די קעפּלעך אין די פענצטער און האָבן געזען די גאַנצע אַרבעט אינעווייניק. ווייסע, גרויסע יום־כּיפּור ליכט זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען ווי די סאָלדאַטן. פאַר אונדז איז געווען אַ סוד ווי אַזוי מע טוט אַריין דעם קנויט אין סאַמע מיטן, און דאָס האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו זען דורך די פענצטער. מיר האָבן נישט געוואָגט אַריינצוגיין און פרעגן, ווי אַזוי מען מאַכט עס. פאַקטיש איז די „פאַבריק״ געווען אַ קליינער וואַרשטאַט, וווּ מ׳האָט געאַרבעט מיט פרימיטיווע מעטאָדן. געאַרבעט האָבן דאָרט עטלעכע מענטשן. פאַר אונדז קינדער איז דאָס וואַרשטאַטל געווען אַ וווּנדערלאַנד, מיט כּישוף־מעגלעכקייטן.

שפּעטער האָב איך אויף צירוליטשע אַנטדעקט נאָך אַ באַקאַנטן פּונקט. דאָס איז געווען אַ וווינונג אַנטקעגן מיין מומע, וווּ ס׳האָט געוווינט די פאַמיליע בידערמאַן. זיי האָבן געהאַט אַ געוועלב מיט אַלע צודאַטן פאַר רימערס, „דראָזשקאָזשעס״ און וואָגן־אייגנטימערס. די בידערמאַנס זענען געווען פאַרמעגלעכע. איך האָב שוין וועגן זיי געהערט אין דער צייט ווען מיין חברטעס ברודער שמשון מאַכעראָווסקי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיי. שפּעטער האָט זיך אין לובלין באַקאַנט געמאַכט זייערער אַ זון יחזקאל. ער האָט זיך פאַרגענומען דורכפירן דאָס אוממעגלעכע אין יענע צייטן. ער האָט געפּרוווט בילדן אַ פאַמיליע אויפן ציווילן וועג, ד.ה. חתונה האָבן, נישט לויט דער רעליגיעזער פאָרם. אויף אַזאַ מין אופן האָט ער געוואָלט לעגאַליזירן זיין מיידעלע, וואָס איז ביי אים געבוירן געוואָרן. קיין לעגאַ־

ליזאַציע פון זיין פאַמיליע האָט ער זיך נישט דערשלאָגן. דערפאַר אָבער האָט מען אים אַריינגעלייגט אין חרם, דאָס הייסט, מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט דערקלערנדיק אַ באָיקאָט אויף אים. דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער און אַפילו נישט ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיין האַנדלונג באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן קעגן דער מאָראַל. די פרוי זיינע האָט מען אין געוויסע קרייזן גלייכגעשטעלט מיט אַ גאַסנפרוי, און זיין קינד ווי אַ ממזר. דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דרוק האָט די פאַמיליע פולשטענדיק רויִנירט און צעבראָכן.

אונדזערע באַציִונגען מיט די זאַרמאַנס פון דער שעראַקע האָבן זיך אָנגעהויבן אין די צוואַנציקער יאָרן. די באַקאַנטשאַפט האָט אָנגעקניפּט צוליב מסחר־ענינים מיין פאָטער. דערנאָך האָבן ביידע פאַמיליעס זיך באַ־פריינדט. איך האָב מיט דער ייִנגסטער טאָכטער חוה זיך אָנגעהויבן טרעפן גאָר אָפט. זי איז געווען אין מיינע יאָרן און מיר האָבן זיך גוט געפילט צוזאַמען.

די פאַמיליע זאַרמאַן האָט זיך מיר פאַרגעדענקט צוליב אַ כאַראַקטער־ריסטישן אויסערלעכן שטריך. אַלע, אַחוץ דער מוטער, אַ קליינע, זייער רירעוודיקע און ענערגישע פרוי, האָבן געהאַט גרויסע לאַנגע פונעם פּנים אַרויסשטאַרטשענדיקע נעז. זייערע נאָזלעכער זענען געווען גרויסע און האָבן אויפגעדעקט דעם אינעווייניק. אַזוי ווי אַלע זאַרמאַנס זענען געווען טרוקענע און מאָגערינקע, האָבן אויף די מאָגערע פּנימער די נעז זיך נאָך מער געוואָרפן אין די אויגן.

דער פאָטער האָט גאָר פרי פאַריתומט די פאַמיליע. ער האָט לאַנג געליטן פון האַלדז־טובערקולאָז. די קראַנקייט האָט אים פּשוט דערשטיקט. ער האָט זיך געמאַטערט מיטן כאַפּן דעם אָטעם, ער פלעג עפענען דאָס מויל, ווי אַ פיש אויף דער יבשה, צו כאַפּן אַ ביסל לופט. דאָס פענצטער האָט שטענדיק געמוזט שטיין אָפן, אָבער דאָס האָט אים וויניק געהאָלפן. קיין לופט האָט אין זיינע לונגען נישט געקענט אַריינדרינגען. דער טויט איז פאַר אים געווען אַן אויסלייז פון זיינע געפערלעכע מאַטערנישן.

מאַטעריעל האָט די פאַמיליע נאָך זיין טויט נישט געליטן, ווייל שוין פריִער האָט חנהלע, זיין פרוי, איבערגענומען דעם גאַנצן האַנדל מיטן לעדער. כאָטש זי אַליין איז אויך געווען קראַנק אויף טובערקולאָז האָט די ענערגיע

און די לעבנס־לוסט קיין מאָל זי נישט פאַרלאָזן. זי האָט באַוויזן אויסצו־האַלטן די גאַנצע פאַמיליע: דריי טעכטער און אַ זון. זי האָט אויך באַוויזן דעם ווונדער חתונה צו מאַכן די עלטסטע טאָכטער מיט זייער אַ סימפּאַטישן יונגנמאַן. דער ווונדער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די טאָכטער איז געווען ווייט פון אַ יפיפיה. זי איז געווען לאַנג און איינגעטריקנט און דערצו נאָך אַנגעשטעקט מיט דער פאַמיליע־קראַנקייט. דערפאַר האָט זי געהאַט אַ זייער אַנגענעם און וואַרעם קול, וואָס האָט געוועקט צוטרוי און אַנגעזאָגט, אַז זי פאַרמאָגט אַ וואַרעם האַרץ וואָס איז גרייט צו העלפן יעדן פון די אַרומיקע. איר מאַן, מרדכי אַליוואַ, איז געווען, אין קעגנזאַץ צו איר, אַ גאַנץ קרעפטיקער יונגערמאַן, מיט אַ נייגונג צו פעטקייט. ער איז געווען זייער אַ פריילעכער פון דער נאַטור און האָט זיך שטענדיק געוויצלט. ער איז געווען אַן אַנגע־שטעלטער אין אַ באַנק, ווו מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פעיִקן פאַכמאַן. דאָס פּאָרל איז זיך געווען שווער פאַרצושטעלן ווי מאַן און ווייב, און דאָך, ווי כ׳האָב דעמאָלט געקענט אָפּשאַצן, האָבן זיי געלעבט צופרידן און רויִק. זיי האָבן געהאַט אַ מיידעלע אַן ענלעכס צו דער מוטער. צו דעם פאַרפאַלק פלעגן אָפט מאָל קומען אַליוואַס צוויי ברידער, ביידע ענלעכע צו אים. איינער האָט אויך געאַרבעט אין אַ באַנק, דער צווייטער, מיין איך, איז געווען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט.

די צווייטע טאָכטער, מער ענלעך צו דער מוטער, האָט נאָך דער גימ־נאַזיע געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר. לאַנגע יאָרן האָט זי נישט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט. ווען זי האָט באַקומען אַ פּאָסטן, איז זי שוין געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז זי האָט נישט געפילט קיין שום פרייד פון איר אַרבעט. זי האָט צוליב איר אויסזען געליטן פון אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס און מורא געהאַט אַז זי וועט פאַרבלייבן אַ „פאַרזעסענע” מויד. זי פלעגט מיט שרעק באַטראַכטן איר פּנים און איבערלעבן יעדן קנייטש אויף אים, זעענדיק אים אין דער פּערספּעקטיוו פון די שפּעטערדיקע יאָרן.

דער דריטער פון די קינדער איז געווען דער איינציקער זון, דאָס אויג אין קאָפּ פון דער פאַמיליע, אַ קורצזוויקסיקער בחור, מיט בלאַנדע שיטערע האָר, מיט ברילן אויף דער לאַנגער פאַמיליע־נאָז. ער האָט געזאָלט שטודירן מעדיצין אין פראַנקרייך. אויסצוהאַלטן אַ בחור אין פראַנקרייך, איז פאַר די עלטערן געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע לאַסט. האָבן זיי טאַקע אַנגעשטרענגט אַלע כּוחות, כּדי דער בן־יחיד זאָל ווערן אַ דאָקטאָר,

אָבער טראָץ זייערע גרעסטע אָנשטרענגונגען, האָט זייער אײנציקער זון געמוזט זוכן אַ ביסל צו פאַרדינען כּדי זיך אויסצוהאַלטן אין דער שטודיום־צייט. האָט ער געאַרבעט ביי די ערגסטע אַרבעטן, פון וועלכע פּראָנצויזן האָבן זיך אָפּגעקערט. אַרבעטן האָט ער געמוזט אומלעגאַל, דעריבער זענען די פאַרדינסטן זיינע געווען קליינע, ווייל די אַרבעטגעבערס האָבן אויסגע־נוצט די סיטואַציע פון אַזעלכע אויסלענדישע סטודענטן.

אויף זומערצייט, ווען ער איז געווען פריי פון אוניווערסיטעט, פלעגט משה אַהיימקומען אָפּצורוען זיך נאָך די שווערע חדשים אין פראַנקרייך, ווו ער האָט אַזוי שווער געמוזט האַרעווען. האָבן מיינע עלטערן אויסגענוצט זיין אומקער אַהיים כּדי ער זאָל מיך צוגרייטן צום עקזאַמען אין גימנאַזיע. איך האָב געענדיקט די זיבן קלאַסן פון דער „פּאָווסעכנע" און געשטרעבט אַנצוקומען אין דער מיטלשול. לויט די פאַרשריפטן האָט מען נאָך דער „פּאָווסעכנע" געקענט אַן אַן עקזאַמען אָנקומען אין פערטן קלאַס. ס'איז אָבער געווען מעגלעך צוגרייטן זיך אין דער צייט פון די „וואַקאַציעס" און באַלייגן אַן עקזאַמען צום פינפטן קלאַס. די מעגלעכקייט האָבן מיינע עלטערן געוואָלט אויסנוצן און לאָזן זיך קאָסטן פאַר דעם צוועק. מיין פאָטער האָט אָפּגערעדט מיט משהן ער זאָל מיך צום עקזאַמען צוגרייטן.ביידע פאַמיליעס האָט דער אָפּמאַך גוט געלוינט. משה האָט געקענט פאַרדינען אַן איבעריקע פאַר גראָשן, איך האָב געהאַט אַ האָפענונג, געבונדן מיט שרעק, אַז איך וועל דעם עקזאַמען נישט אויסהאַלטן. מען דאַרף אויך צוגעבן אַז ביידע פאַמיליעס האָבן די וואַקאַציעס געזאָלט פאַרברענגען אויף זומער־וווינונג אין נאַוואָדוואָר, עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער פון לובלין, ווו מיר האָבן געדאַרפט געניסן פון דער פרישער לופט אין סאָסנאָווע וואַלד און פאַראייניקן, הייסט עס, דאָס אָנגענעמע מיטן נוצלעכן.

די יידישע זומער־קאָלאָניע אין נאַוואָדוואָר

קיין נאַוואָדוואָר פלעגט מיין פאַמיליע, ווי אַ געוויסע צאָל אַנדערע יידישע פאַמיליעס פון לובלין און לובאַרטאָוו (לעוואַרטאָוו), פאָרן זומער אויף עטלעכע וואָכן. געפאָרן זענען דאָרט אַזעלכע פאַמיליעס, וועלכע האָבן

פאַרדינט אַ ביסל מער ווי דעם מינימום צו לעבן. זיי האָבן געשטרעבט, אַז די קינדער זאָלן געניסן עטלעכע וואָכן פון פרישער לופט, ווייט פון דער ענגשאַפט, פון די פאַרמאַכטע שטינקענדיקע הויפן, פון דעם שווערן טאָג־טעגלעכן לעבן, אַזוי אַרום צו שטאַרקן זייערע לונגעלעך און זיי אָפּהיטן פון דער געפערלעכער אין יענער צייט אומאויסהיילבאַרער טובערקולאָז־קראַנקייט, וועלכע איז געווען זייער פאַרשפּרייט ביי דער אָרעמקייט. דער סאָסנאָווער וואַלד מיטן יונגן „זאַגאַיניק" (אַ יונג וועלדל) האָט געדאַרפט באַווייזן וווּנדער אין דעם זין. אַזוי האָט זיך אין די זומער־חדשים געשאַפן אין נאָוואָדוואָר אַ סאָרט יִידישע קאָלאָניע.

געוווינט האָבן אַלע לענג־אויס דעם דאָרף, וועלכעס האָט זיך געצויגן אַנטקעגן דעם וואַלד, געוויס נישט ווינציקער ווי אַ פינף קילאָמעטער. דאָס אייגנטלעכע דאָרף האָט פריִער זיך געפונען ווייט פון וואַלד, אויף זיין צווייטער זייט. לעבן וואַלד האָבן אָנגעהויבן בויען און זיך באַזעצט אָרעמע פויערים, מיט ווינציק ערד אָדער גאָר ערדלאָזע. זיי האָבן געלעבט אין אַ געפערלעכער נויט. זיי האָבן כמעט קיין מאָל נישט געגעסן קיין פלייש, מילך, אָדער אייער. אויב זיי האָבן אַזעלכע פּראָדוקטן פּראָדוצירט, זענען זיי געווען געצוווּנגען זיי צו פאַרקויפן כדי צו שאַפן זיך אַ מלבוש אויפן גוף, אַ פאָר שיך אויף ווינטער. זומער זענען זיי שטענדיק געגאַנגען באָרוועס און די קינדער זייערע — האַלב נאַקעט. די ערד, אויב זיי האָבן שוין יאָ געהאַט אַ שטיקל, איז זי געווען זאַמדיק. קיין תבואה איז אויף איר נישט געוואַקסן, אין בעסטן פאַל האָבן זיי געקענט זעצן קאַרטאָפל. די פאַמיליע, ביי וועלכער מיר האָבן געוווינט עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד אין זייער איינציקן צימער, האָט זייער הייזל געהאַט לעבן דעם יונגן וועלדל, אַנטקעגן דעם גרויסן וואַלד. דאָס הייזל איז געווען זייער קליין. אַ חוץ דעם צימער האָט זיך דאָרט געפונען נאָר אַ קעמערל אָן אַ פענצטער, מיט אַ טיר, אין וועלכן זיי האָבן זיך זומער איבערגעצויגן. קיין ליכט האָבן זיי כמעט קיין מאָל נישט אָנגעצונדן, זיי האָבן געמוזט שפּאָרן נאַפט און שוועבעלעך. זיי, ד.ה. דאָס פאַרפאָלק מיט די צוויי קינדער אין עלטער פון 4—6 יאָר, פלעגן זיך לייגן שלאָפן, גלייך מיט די הינער און אויפשטיין גאַנץ פרי, מיטן זונאויפגאַנג. די פרוי, אַ מאָגערע און אַ יונגע לויט די יאָרן, אָבער נישט לויטן אויסזען, האָט עפּעס וואָס אָפּגעקאָכט פאַר אַלע פיר, געגעבן אַלעמען אָפּצועסן און גלייך אַוועק אויפן מאָגערן שטיקל פעלד, צוזאַמען מיטן מאַן, אויף אַ גאַנצן טאָג.

די קינדער זענען געבליבן אַליין און האָבן זיך געמוזט אַליין אַן עצה געבן. זענען זיי אַ גאַנצן טאָג געווען הונגעריק און שמוציק און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף די עלטערן, זיי זאָלן זיי געבן עפּעס וואָס צו עסן. מיין מוטער פלעגט זיי שטענדיק געבן אַ ביסל עסן, איך פלעג מיך מיט זיי שפּילן.

ביי דעם פויער איז אַפילו קיין ברונעם נישט געווען, און מיר פלעגן נאָך וואַסער מוזן גיין צו זיינעם אַ שכן, וועלכן דאָס איז נישט געווען גערן. ביי דעם פויער האָבן מיר קיין מילך נישט געקענט קויפן און האָבן געמוזט אָנקומען צו זיין שכן. מיט פּראָדוקטן איז געווען שווערער. צוויי מאָל, דינסטיק און פרייטיק, אין דער וואָך פלעג איך מיט מיין מוטער פאָרן אויפן יאַריד קיין לעוואַרטאָוו און איינקויפן אויף עטלעכע טעג. די שווערע לאַסט האָבן מיר געטראָגן אויף זיך 3 קילאָמעטער. אַ מאָל האָט אָפּגעגליקט צו טרעפן אַ פורל, וועמעס אייגנטימער האָט באַוויליקט פאַר אַן אָפּצאָל אונדז מיטנעמען אין דאָרף אַריין.

פרייטיק פלעגט מיין פאָטער קומען אויף שבת, אָנגעלאָדן מיט פּעק עסנוואַרג, אַן עוף, אַ שטיקל פליייש, אַ ביסל עפּל און באַרנעס. נאָך זיין אַרבעט, פלעגט ער איינקויפן פאַר אונדז און אַוועקלויפן צום צוג. פרייטיק נאָך מיטאָג פלעגן מיר שוין אויסגעצוואָגענע, אָפּגעוואַשענע, אַרויסגיין צום צוג באַגעגענען אונדזער פאָטער און איבערנעמען פון אים די שווערע משׂא. דאָס גיין און טרעפן אונדזער פאָטער און דאָס דערוואַרטן עפּעס אַן איבער־ראַשונג פון אים, איז געווען אַ באַלוינונג פאַר דעם גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט פונעם איינקויפן אין לעוואַרטאָוו, פון צוגרייטן און אָפּקאָכן אויף שבת, ברענגען אַ סך עמערס וואַסער, אַז אַלע זאָלן זיך קענען אויסבאָדן און אויסצוואָגן און דערנאָך נאָך אויפרוימען דאָס צימער. נאָך דעם גאַנצן אָנגעשטרענגטן טאָג איז דאָס געווען אונדזער גרויסע פרייד צו טרעפן אונדזער פאָטער, נאָך וועלכן מיר האָבן אַ גאַנצע וואָך געבענקט, און אַלע מאָל האָבן מיר באַקומען פון אים עפּעס אָנגענעמס. אַזוי האָט געלעבט דאָס דאָרף און די אַזוי גערופענע „לעטניקעס" אין די ערשטע יאָרן, ווען מיר פלעגן אַהין פאָרן אויף זומער־אָפּרו. ביסלעכווייז האָט זיך די סיטואַציע אָנגעהויבן ענדערן. ס'האָבן זיך אין נאָוואָדוואָר אָנגעהויבן עפּענען געוועלב־לעך פון לעוואַרטאָווער ייִדן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די „שווערע לאַסט" פון פאַרזאָרגן די „לעטניקעס" מיט די נייטיקע פּראָדוקטן. ביי זיי האָבן די בעל־הביתטעס מאַנטיק און דאָנערשטיק באַשטעלט אַלץ פאַרן

געברויך פון זייערע הויזגעזינדן. די קרעמערס פלעגן אָננעמען די באַשטע-לונג און זיך באַמיִען די קונים צו באַפרידיקן.

מיין מוטערס חברטע, פייגע זאַלצמאַן, האָט אַזאַ געוועלבל געעפנט איינע פון די ערשטע. פייגע איז שוין דעמאָלט געווען זייער קראַנק אויף טובערקולאָז, וואָס איז איר געקומען, לויט איר דערציילונג, נאָך דעם ווי אַ קאָזאַק האָט זי צעממיתטש און איר „אָפּגעהאַקט די לונגען". נאָך דעם איז זי שוין צו קיין אַרבעט נישט פעיִק געווען. זי האָט געמוזט ליגן אין בעט און געניסן פונעם מאַנס און די קינדערס הילף. די גאַנצע לאַסט האָט איבערגענומען אַבוש, איר מאַן, מיט אירע דריי טעכטער: הענטשע, חנה ליובע. אַלע פיר האָבן געמוזט יעדן טאָג, ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן, זיך אַוועקלאָזן קיין לעוואַרטאָוו, כּדי גאַנץ פרי, ביים עפענען דאָס געוועלב, שוין זיין צוריק מיטן פרישן געבעקס, סמעטענע, פוטער, קעז, אייער און אַנדערע פּראָדוקטן. די האַרעוואַניע איז געווען נישט צו באַשרייבן. זיי האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין ביסל צייט זיך אָפּצורוען, אָדער זיך אויסצושלאָפן. די איינציקע וועלכע האָט זיך באַקלאָגט איז געווען חנה. זי איינע פלעגט אָפט מאָל וויינען, אַז זי האָט נישט געקענט טראָגן אַזאַ שווערע לאַסט. אָבער די אַרבעט האָט זי געמוזט אויספירן באַגלייך מיט די שוועסטער און מיטן פאָטער. אַ דאַנק דער שווערער אַרבעט אין דער צייט פונעם סעזאָן, האָבן זיי געקענט איבערלעבן דעם זומער און אַ מאָל נאָך אַוועקלייגן עפּעס אויפן ווינטער. ווייל כאָטש אַבוש איז געווען פון פאַך אַ גוטער שוסטער, האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן פונעם שוסטעריי אַליין אויסצוהאַלטן די פאַמיליע און ער איז געווען געצוווּנגען צו זוכן אַנדערע פאַרדינסטן. דאָס געוועלבל אין נאַוואָדוואָר האָט עטלעכע יאָר אים אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן אין דער שווערער צייט, ביז די קאָנקורענץ פון אַנדערע געוועלבלעך האָט אַ סוף געמאַכט צו אָט דער פּרנסה-קוועלע.

די ייִדישע לעטניקעס פון לובלין און פון לעוואַרטאָוו האָבן צו ביסלעך געענדערט די לאַגע און דאָס פּנים פונעם דאָרף. מיטן קומען אין דאָרף פון די לובלינער ייִדן האָבן פאַר די פּויערים זיך געעפנט נייע מעגלעכקייטן פון פאַרדינסטן. אַ גרויסע הילף איז שוין געווען בלויז דאָס דירה-געלט. זיי האָבן פאַר זייער וווינונג באַקומען מיט אַ מאָל אַ גרעסערע סומע מזומן. אַפילו דער פּויער, ביי וועלכן מיר האָבן געוווינט, האָט צו ביסלעך צונויפגע-זאַמלט אַ סומע געלט און אויפגעשטעלט זיך אַ גרעסער הויז צו פאַרדינגען

און אויך פאַר זיין פאַמיליע. איין פויער האָט אויפגעבויט אַ הייזל, וואָס די לעטניקעס האָבן אָנגערופן: „וואַגאָן״. דאָס הייזל האָט געהאַט עטלעכע צימערן. געשטאַנען איז עס אויף אַזוי גערופענע פּאַלעס — עטלעכע קלעצער. פון דעם האָט זיך אויך גענומען דער נאָמען. ס׳האָט נאָר געפעלט, אַז מ׳זאָל די קלעצער אויסבייטן אויף רעדער מ׳זאָל קענען דאָס הויז רירן פונעם אָרט. יעדן זומער האָט דער אייגנטימער געקענט אָוועקלייגן אַ פּאַרהעלטניש־מעסיק גרעסערע סומע געלט.

די פויערים פלעגן אויך פאַרדינען ביים איבערפירן דעם באַגאַזש פון די לעטניקעס פון דער שטאָט, און די איינגעקויפטע פּראָדוקטן אויפן יאַריד אין לעוואַרטאָוו. זיי האָבן אויך פאַרקויפט זייערע אייגענע פּראָדוקטן אויפן אָרט און נישט געמוזט פאָרן מיט זיי אין שטאָט אַריין. דאָס האָט נאָך מער געלוינט די פויערים, וועלכע האָבן קיין אייגן פערד און וועגעלע נישט פאַרמאָגט. מעגלעכקייטן צו פאַרדינען האָבן נאָך געשאַפן די אייגנטימערס פון די קרעמלעך. זיי האָבן געמוזט האָבן הילף פון די פויערישע פורלעך ביים ברענגען די סחורה, פון שטאָט אין דאָרף אַריין.

אַזוי אַרום האָט דאָס דאָרף געענדערט זיין סטרוקטור און זיין אויסזען. אָבער די פּרייזן פאַר די דירות זענען געוואָרן אַלץ העכערע. דעריבער האָט זיך אויך געענדערט די קאַטעגאָריע פון „לעטניקעס״, די ווייניק פאַרמעגלעכע האָבן געמוזט רעזיגנירן פון פאָרן קיין נאַוואָדוואָר. פאָרן אַהין האָבן אָנגעהויבן די מער פאַרמעגלעכע. די אָרעמע האָבן זיך דערפון געמוזט אָפּזאָגן. אויך מיין פאַמיליע האָט אויפגעהערט פאָרן אַהין. מיך פלעגן די עלטערן אַ מאָל נאָך דאָרט שיקן, און איך פלעג געניסן פון דער גאַסטפריינדלעכקייט פון די זאַלצמאַנס און שלאָפן אין זייער געוועלבל.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך דאָס דאָרף נישט געצויגן באַזונדערס. זייענדיק אין דאָרף עטלעכע וואָכן, פלעג מען פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט די חברים און חברטעס מיט וועלכע מ׳פלעגט אומגיין אַ גאַנץ יאָר. נייע באַקאַנטשאַפטן האָבן נישט לייכט זיך געשאַפן. די טעג האָבן זיך געצויגן מאָנאָטאָנע און לאַנגווייליקע. יעדער טאָג ענלעך צום צווייטן. מיר פלעגן זיצן אין וואַלד, געאָטעמט פרישע לופט און צוגענומען אין דער וואָג. וואַרטנדיק אַז מיין מוטער, ווי די גרעסטע טייל אַנדערע מוטערס זאָל זיך אומקערן פונעם יאַריד, אָדער זיך באַפרייען אין דער היים פונעם וואַשן, רוימען, און אונדז צוגרייטן דאָס עסן, און זיך מיט אונדז אַ ביסל

שפּילן, ווייל אויף דער פרישער לופט איז דער אַפּעטיט געוואַקסן.

איין מאָל ווערט די איינטאָניקייט און דער לאַנגווייל אויפגעריסן פון אַן אויסטערליש, סענסאַציאָנעל געשעעניש. אין אַ ליכטיקער זומערנאַכט האָבן זיך דערהערט געשרייען אין דאָרף. זיי זענען געקומען פונעם שכנות־דיקן ברונעם ווו מיר פלעגן נעמען וואַסער, דאָס הייסט פונעם דריטן הייזל. די געשרייען האָבן אַרויסגערופן שרעק און פאַרשידענע פאַנטאַסטישע השערות. אַרויסצוגיין און פעסטשטעלן וואָס ס'האָט פּאַסירט, האָט מען נישט געוואַגט. די געשרייען האָבן אָבער נישט אויפגעהערט. איך בין אין יענער נאַכט שטאַרק געשלאָפן, ערשט אין דער פרי ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָב איך זיך דערוווסט אַז עפּעס האָט די נאַכט דערשיטערט דאָס גאַנצע דאָרף. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ פרוי, וועלכע האָט געוווינט ביי דעם אייגנטימער, ווו מיר פלעגן נעמען וואַסער, געפינט זיך אין ברונעם. ווי אַזוי איז די קראַנקע, שוואַכע פרוי, וועלכע איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, אַריינגעפאַלן ביי נאַכט אין ברונעם, האָט קיינער ריכטיק נישט געקענט דערקלערן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז שדים האָבן זי אַהין פאַרנאַרט, אַנדערע האָבן פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ לונאַטיקערין, וועלכע וואַגלט אין שלאָפנדיקן צושטאַנד געפירט פונעם לבנה־שיין, נישט געדענקענדיק אויף מאָרגן, וואָס ס'איז מיט איר געשען ביי נאַכט.

די שעהען זענען געגאַנגען און קיינער האָט נישט געוואַגט אַראָפּצולאָזן זיך אין טיפן ברונעם און אַרויסהייבן פון דאָרט די פרוי. קיינער האָט זיך נישט איינגעשטעלט אַריינצומישן זיך אין די מעגלעכע „געשעפטן" פון די שדים, און נישט געוואָלט האָבן מיט זיי צו טאָן. סוף כל סוף, נאָך לאַנגע וויכּוחים האָבן עטלעכע פּויערים באַשלאָסן די פרוי אַרויסצוראַטעווען. קיין לייכטע אַרבעט איז דאָס נישט געווען. די פּויערים האָבן צונויפגעבונדן עטלעכע לייטערס מיט שטאַרקע שטריק און זיי אַראָפּגעלאָזט אין ברונעם אַריין. זיי האָבן דאָס געטאָן פאַרזיכטיק כּדי נישט צו שעדיקן דער פרוי. אָבער די פרוי איז נישט געווען בכוח אַליין אַרויפצוקלעטערן אויף דעם אַראָפּגעלאָזטן לייטער. האָבן די רעטערס זיך דערטראַכט צו אַן אַנדער אופן. איינער פון די פּויערים האָט באַשלאָסן זיך אַראָפּלאָזן אויפן לייטער אין ברונעם, העלפן דער פרוי זיך אַריינזעצן אין אַן עמער און מע זאָל זי אַרויפשלעפּן מיט שטריק. מיט גרויס שפּאַנונג האָבן די פאַרזאַמלטע לעבן ברונעם נאָכגעפאָלגט די רעטונגס־אַקציע. די אַרבעט האָט געדויערט לאַנגע שעהען,

אָבער די פּרוי איז אַרויס גאַנץ. ווי מ'האָט דערציילט, איז זי פון דעמאָלט אָן שוין מער קיין מאָל נישט קראַנק געווען.

די געשעעניש מיט דער פרוי האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע מעשׂיות וואָס די דאַרפסגעסט האָבן אָנגעהויבן זיך דערמאָנען און דערציילן. מיין פאָטער, למשל, האָט זיך דערמאָנט אַ געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט מיט אים גופא אין זיינע יונגע יאָרן. ער איז אַ מאָל גאַנץ שפּעט אין אָוונט געגאַנגען אַהיים דורך די וואַלער לאַנקעס. פּלוצעם האָט ער באַמערקט ווי עטלעכע גאָר הויכע פאַרשוינען איינגעוויקלטע אין ווייסן שפּאַנען אים נאָך. די פאַרשוינען אויף הויכע שטאָלצן האָבן אים נאָכגעיאָגט שרייענדיק, אַז זיי זענען טויטע פון יענער וועלט... אַן אַנדערער וואָלט מסתּם געשטאָרבן פון שרעק. מיין פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין טויטע זענען דאָס נישט, אָבער די דאָזיקע לצים קענען אים אָפּטאָן עפּעס שלעכטס. צום גליק האָבן זיי זיך פאַרפּלאָנטערט אין די ליילעכער און נישט באַוויזן אים צו דערגרייכן. ער האָט אָבער געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען זייערע פּנימער — פון באַקאַנטע הפקר־יונגען פון דער שטאָט.

נאָך זיין דערציילן האָט זיך מיר דערמאָנט אַז מיין זיידע האָט מיר אַ מאָל דערציילט אַ מעשׂה, וואָס איר פּעדאַגאָגישע כּוונה איז געווען איך זאָל נישט גלייבן אין קיין שדים און אין קיין גילגולים פון נשמות, וועלכע שרעקן ביי נאַכט אויף הייליקע ערטער. איין מאָל — האָט ער דערציילט — ביי נאַכט איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם אַלטן בית־עולם. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ קול, וואָס האָט צו אים גערופן פון אַ בוים, ער זאָל קומען באַזוכן די נשמות פון זיינע עלטערן, וועלכע וואַרטן אויף אים. דאָס קול, צי עטלעכע קולות, האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די איינלאַדונג. מיין זיידע האָט אָבער געענטפערט, אַז ער גלויבט נישט אין אַזעלכע ניסים. צום סוף, ווען די רופערס האָבן געזען, אַז ער האָט זיי נישט געגלויבט און זיך נישט איבער־געשראָקן פאַר די „נשמות" פון יענער וועלט, האָבן זיי אים דערציילט אַז זיי האָבן שוין זייער אַ סך מענטשן יאָ איבערגעשראָקן און זיי איבערצייגט, אַז די נשמות קומען צוריק פון יענער וועלט און פאָדערן פאַרשידענע זאַכן פון לעבעדיקע, אָדער זיי זענען זיך אין זיי נוקם פאַר די עוולות וואָס זיי האָבן פון זיי געליטן אויף דער וועלט, ביים לעבן.

מיין מוטער האָט זיך דערמאָנט אַן אַנדער געשעעניש, וועלכע האָט אויך געקענט ווירקן אַז זי זאָל נעמען גלויבן אין „נישט־גוטע", שדים און דיבוקים.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, אַהיימגייענדיק אויפן טשוטיק, ווי זי האָט דעמאָלט געווינט, האָט זי אויפן וועג פּלוצעם באַמערקט אַן אומגעהייער גרויסן שאָטן פון אַ פערד. זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער נאָר אין ערשטן מאָמענט. באַלד איז זי געקומען צו זיך און באַשלאָסן אַז זי מוז זיך אַליין איבערצייגן וואָס דאָס איז, כּדי נישט צו גלייבן אין קיין זאַבאַבאָנעס. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער גרויסער שאָטן איז געקומען פון אַ גאָר קליין פערדעלע, אַ קינדעריש שפּילצייג, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פענצטער.

די אַלע דערציילונגען וועגן נשמות פון יענער וועלט, פון „אמתדיקע" און פאַלשע שדים, וועלכע האָבן געזאָלט אַמיינסטן זיך אויפהאַלטן לעבן ברונעם, האָבן אונדז, אַ גרופּע יוגנטלעכע, באַוויזן אַפּצושפּילן אַ סצענע מיט שדים. איין מאָל, שפּעט אין אָוונט, האָבן מיר זיך איינגעהילט אין ווייסע ליילעכער און זיך באַוויזן פאַר די שכנים וואָס פלעגן יעדן אָוונט זיך פאַרזאַמלען פאַר די ווינונגען אין נאַוואַדוואָר. איינער אַ בחור, מיטן נאָמען ציגעלמאַן, פון לובלין, האָט זיך פאַרמאָסטן אַנצולערנען די כּלומרשטע שדים און דער געשמאַקלאָזער שפּאָס פון קינדער האָט זיך שיִער נישט פאַרענדיקט טרויעריק פאַר אונדז, חברה, ווייל דער בחור האָט זיך צו דעם „אַנלערנען" גענומען צו ענערגיש. צום גליק האָבן די דאַטשניקעס אין די שדים דערקענט זייערע אייגענע קינדער און זיי באַשיצט פאַר דעם באַ־שטראָפער.

געווען זענען מיר אַ גרויסע גרופּע יונגוואַרג אין פאַרשידענעם עלטער, פון דרייצן־פערצן יאָר ביז עטלעכע און צוואַנציק. מ'האָט זיך געהאַלטן און פאַרבראַכט צוזאַמען. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען פּעיִקע, אינטעלי־גענטע יונגע מענטשן. האָבן דעריבער קיין איינפאַלן פאַר פאַרוויילונגען נישט געפעלט.

צו דער גרופּע האָבן געהערט דריי זאַרמאַנס: סוזע, נאָכן ענדיקן דעם לערער־סעמינאַר משה, דער סטודענט פון מעדיצין, מיין קאַרעפּעטיטאָר; חוהלע, די יִינגסטע פון זיי, מיט וועמען איך האָב מיך שטאַרק באַפריינדט, און אויך לאַנגע יאָרן. צוויי גאָלדפינגערס פון לעוואַרטאָוו, יאַנקל־יאַקוב, אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט, אַ ציִנישער וויצלער, וועגן אים האָט מען קיין מאָל נישט געוווּסט, וואָס ער טראַכט באמת, ער האָט פון אַלץ און אַלעמען אָפּגעלאַכט. אין מיר האָט ער געוועקט אַ געפיל פון באַוווּנדערונג

און שרעק איינציייטיק; זיין שוועסטער רוזשע אין מיין עלטער, אַ חנוודיק מיידל, אַן אָנגענעמע אין באַנעמונג, אויך מיט איר האָב איך מיך נענטער באַפריינדט. זי איז דעמאָלט געווען אַ שילערין אין דער לעוואַרטאָווער גימ־נאַזיע.

צו די מיט וועלכע איך האָב מיך אין נאָוואָדוואָר באַפריינדט האָט געהערט אַ מיידל מיטן ביינאָמען שיינגעזיכט. ווי דער נאָמען האָט זי אַזוי טאַקע אויסגעזען. שיין, אָבער אין אינהאַלט — בלאַס און נישט אינטע־רעסאַנט. נאָכן צוריקקומען קיין לובלין, פלעג איך זיך מיט איר טרעפן, זי האָט אויך געוווינט אויף דער לובאַרטאָווסקע. איר פאָטער, אַ מעבל־סטאָליער פון פאַך, האָט אויף דער נאָווע געהאַט אַ מעבל־געוועלב. דאָס מיידל האָט פרי חתונה געהאַט קיין וואַרשע, אין די דרייסיקער יאָרן האָב איך זי באַזוכט, אויף דער אָקאָפּאָווע, נישט ווייט פונעם יידישן בית־עולם. זי האָט שוין דעמאָלט געהאַט צוויי קינדער און געהאַט אַ גאַנץ רויִק לעבן צוזאַמען מיטן מאַן, וועלכער האָט נישט שלעכט פאַרדינט.

צו דער גרופּע דרייצן־פערצן־יעריקע האָט געהערט איינע פון די שרוי־טעס, אַ „פּראָשעניע"־שרייבערס אַ טאָכטער. זי איז געווען די קלענסטע פון אונדז, פיר מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אָמנאָענטסטן געהאַלטן. אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידעלע, האָט זי, אָבער געהאַט עטוואָס קרומע פיס, אַן איבער־בלייב פון דער אַזוי געררופענע ענגלישער קרענק. זי איז געווען זייער שאַרפ־זיניק, אין קעגנזאַץ צו איר מיט 2—3 יאָר עלטערן ברודער, פון וועלכן מע פלעגט אַ ביסל אָפּלאַכן.

די געזעלשאַפט איז אַלזאָ געווען גרויס. זיי האָבן זיך באַמיט מיך אַריינ־צוציִען אין די שפּילן און די שפּאַצירן, אָבער איך בין יעדן טאָג, פון גאַנץ פרי אַן ביז נאָכן מיטאָג, געזעסן מיט מיינע ביכער און „אַריינגעקאָוועט" די לעקציעס, וועלכע משה אָדער זיין שוועסטער סוזע (ווען משה איז געפאָרן קיין לובלין) פלעגן מיר פאַרגעבן. איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל נישט באַוויזן זיך ווי געהעריק צוגרייטן צום עקזאַמען אין גימנאַזיע. כאָטש משה און סוזע האָבן מיר און מיינע עלטערן פאַרזיכערט, אַז איך קען דעם מאַטעריאַל גענוג כּדי דעם עקזאַמען אויסצוהאַלטן, האָב איך אין דעם „גליק" נישט געגלייבט. איך האָב געלערנט פלייסיק, מיט התמדה. אין די שעהען ביז נאָך מיטאָג, האָט געמעגט דונערן און בליצן, האָב איך מיך נישט גערירט פונעם אָרט. אויפן „לעזשאַק", אין וואַלד, אָפּגעזונדערט גענוג

ווייט פון אַלעמען, האָב איך געקנעלט. אין שטרענגן רעזשים, וועלכן איך האָב מיר אַליין אָנגעוואָרפן, זענען אַוועקגעגאַנגען די צוויי זומערדיקע חדשים אין דער געזעלשאַפט פון מיינע ביכער.

גרויס מי האָט מיר געקאָסט דאָס באַהערשן די לאַטייניִשע שפּראַך. לאַטיין איז דעמאָלט געווען אָבליגאַטאָריש אין גימנאַזיע און איך האָב זי פריִער אין דער „פּאָוושעכנע״ נישט געלערנט. פאַר דער שפּראַך האָב איך זייער מורא געהאַט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך וועל זי קיין מאָל נישט באַהערשן. אויפן צווייטן אָרט איז געשטאַנען פראַנצויזיש, וואָס מ׳האָט יאָ געלערנט אין דער „פּאָוושעכנע״ שול, אָבער איך בין נישט געווען זיכער אין מיינע קענטעניש. געצווייפלט האָב איך אויך אין מיינע קענטעניש אין דער פּוילישער שפּראַך. געשראָקן האָבן מיך די אַזוי גערופענע פרייִע טעמעס. איך האָב זיך נישט געפילט שטאַרק ווען מ׳האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ ביסל פאַנטאַזיע. וואָס מער איך האָב געלייענט, אַלץ ווינציקער זיכער בין איך געווען אין זיך. אָבער אַזוי ווי אַלץ האָט אַ סוף, האָבן די צוויי חדשים מיט מיין שווערער אַרבעט און אומרו זיך אויך געענדיקט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן בין איך אַוועק אויף זאַמאָיסקי 12, וווּ ס׳האָט זיך געפונען איינע פון די צוויי ייִדישע גימנאַזיעס.

דער שפּעראָוועס גימנאַזיע

דער שפּעראָוועס גימנאַזיע איז געווען אַ פּריוואַטע און האָט נאָכן טויט פון איר מאַן געהערט צו דער פרוי שפּער. די עקזיסטענץ פון דער שול איז שטענדיק געווען באַדראָט סיי מצד דער מלוכה, וועלכע האָט נישט געשטיצט די שולן פון די מינדערהייטן, סיי צוליב איר עקאָנאָמישער לאַגע. די שילערס האָבן דאָס רוב זיך רעקרוטירט פון די אָרעמע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס ביסל פאַרמעגלעכע שילערס זענען דעריבער געווען פּריווילעגירט. פאַר זיי האָט די שול אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון „קוקן דורך די פינגער״, אויף זייערע שול־דערפאָלגן, ווייל זיי האָבן געביל־דעט די מאַטעריעלע באַזע פון דער שול. דער מצב פון שטענדיקער אָפּהענ־גיקייט האָט דעמאָראַליזירט די פּריווילעגירטע שילערס... זיי פלעגן פאַר־

נאָכלעסיקן דאָס לערנען, וויסנדיק אַז קיין שלעכטע ציינענישן וועלן זיי סיי ווי סיי נישט קריגן. דאָס האָט געפירט צו קאָנפליקטן צווישן די לערערס און דער איינגטימעריין, און אויך מיט די קינדער, וועלכע האָבן אָפט מאָל געפילט דאָס נישט־יושרדיקע אָפּשאַצן זייערע קענטענישן. דער רעזולטאַט פון אַזאַ פּאָליטיק איז געווען אומפאַרמיידלעך — דער לערנניוואָ איז געפאַלן.

צום עקזאַמען האָבן זיך געשטעלט עטלעכע באַקאַנטע פון דער „פּאָוור־שעכנע". אַלע זענען מיר געווען נערוועז און אויפגערעגט. אין פּחד זענען מיר געווען פאַר דעם לערער קאָנראַד ביעלסקי, אַ שפּעטערדיקער אַדוואָקאַט און שרייבער, אַ מיטגליד פון לובלינער אָפּטיילונג פון ליטעראַטן־פאַראיין. דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט און ער האָט דורך עטלעכע שעה אונטעררעכטן אין שול געלאַטעט זיין בודזשעט. זיין באַוויזן זיך אין זאַל פלעגט ביי אונדז אַלע אַרויסרופן אַ געפערלעכע פּאַניק. זיין הויכע פיגור מיטן אויסדרוקלאָזן פּנים, זיינע בלויע וואָסערדיקע אויגן, האָבן אונדז נישט אָנגעזאָגט קיין שום גוטס. זיין שטים האָט אונדז נישט נאָר נישט באַרויקט נאָר פאַרקערט: דאָס האַרץ האָט זיך איינגעשרומפּן, איבערהויפּט ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „פאַר העלפן דעם צווייטן, אָדער פאַר אַריינקוקן צום צווייטן אין העפט בעת דעם עקזאַמען, דראָט צו ווערן דיסקוואַליפיצירט און פאַרלירן די רעכט אָפּצוגעבן וויטער דעם עקזאַמען". זיין קעגנשטאַנד איז טאַקע געווען דער ערגסטער. אַלע האָבן ביי אים „פאַרדינט צווייען". איך האָב נאָך גוט אָפּגעשניטן. ער האָט מיינע קענטע־נישן אָפּגעשאַצט מיט „דריי". לויט אים האָט עס געהייסן אַ גאַנץ גוטע נאָטע. צום גליק האָט ער אַ קורצע צייט נאָכן עקזאַמען פאַרלאָזט די שול. נאָך אים איז געקומען אַ יונגע לערערין מיטן נאָמען פעניאַקער. ביי איר האָבן אַ סך פון די תּלמידים מיט „צווייען" דערנאָך אַוואַנסירט און אַפילו ביז דער העכסטער נאָטע. עס וואָלט געווען אַ טעות צו טראַכטן, אַז זי האָט סתּם אַזוי געשטעלט גוטע נאָטעס. ניין! דער עולם האָט געלערנט און טאַקע געקענט. זי, מיט איר שטענדיק ליבן שמייכל, מיט די אַרויסשפּאַרנדיקע ציין, האָט באַוויזן וווּנדער ממש. אַ סך שילערס האָבן ליב באַקומען לאַטיין און גוט געלערנט. אירע קלאַס־אַרבעטן האָבן די שילערס ליב געהאַט און זיי האָבן באַוויזן בייצוקומען די שווערע לאַטיינישע טעקסטן מיט די שווערע גראַמאַטישע כּללים.

די לערערס

דעם עקזאַמען פון פראַנצויזיש האָט אַדורכגעפירט די עלעגאַנטע פריי־לין קוראַפּאַטווע, אַ טאָכטער פון אַ רייכן שוך־סוחר אויף קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע. איר הויכע פיגור, איר קורץ־געשוירענע, שוואַרצע האָר און די עלעגאַנטע קליידער האָבן געוועקט רעספּעקט און סימפּאַטיע. זי האָט אירע פאָדערונגען פאַרגעלייגט פאַר אונדז מיט רויִקייט, מיט אַ שטילן באַ־הערשטן טאָן, וועלכער האָט אונדז תמיד באַרויִקט. ביי איר איז טאַקע דער עקזאַמען דורכגעגאַנגען גוט. איר האַלטונג האָט אונדז צוגעגעבן מוט פאַר די ווייטערדיקע עקזאַמענס פון אונדזערע קעגנשטאַנדן.

גוט פאַרגעדענקט האָב איך דעם עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק. דער לערער גלאַזבערג איז געווען אַ מאַן ביי די פופציקער. ער איז געווען זייער דיק, זיין גרויסער בויך איז ווייט אָפּגעשטאַנען און האָט פאַרריסן זיין ראָק. זיין אויג איז געווען ביי אים מיט אַ בעלמע און האָט זיין פּנים מיט דער שפּיציקער נאָז און מיטן פליכעוואַטן קאָפּ, נישט צוגעגעבן קיין חן. דאָס פאַרהערן די שילערס האָט אים, קענטלעך, וויניק אינטערעסירט, און קען זיין אַז דאָס האָט אים פּשוט געגודיעט. ער האָט נישט געהאַט דערצו קיין געדולד. זיין קעגנשטאַנד האָט ער גוט געקענט, אָבער אונטעררריכטן, איבער־געבן זיין וויסן, אָנצינדן די תּלמידים, צו דעם איז ער, ווייזט אויס, נישט פעיִק געווען. דעריבער פלעגט ער פאַרגעבן פראַגן און אַליין ענטפערן אויף זיי. ער פלעגט אויך העלפן די שילערס בעת די קלאַס־אַרבעטן. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט העלפן מיידלעך צו וועלכע ער איז נישט געווען גלייכ־גילטיק. די נייע לעקציעס פלעגט ער אַדורכפירן אין פאָרם פון דיקטירן גרייטע פאָרמולעס, נישט געבנדיק זיי צו פאַרשטיין. זיינע אייגנשאַפטן האָבן זיך געלאָזט מערקן אויפן עקזאַמען. וועגן זיי האָבן אונדז אויך אינפאָרמירט די עלטערע שילערס. זיין עקזאַמען זענען אַלע אַדורך מיט נישט קיין שלעכטע רעזולטאַטן. דער גרעסטער טייל פון די עקזאַמענירטע זענען אָנגענומען געוואָרן אין פינפטן קלאַס. געוויס האָט אויך צוגעשפּילט די מאַטער־יעלע לאַגע פון דער שול. זי האָט זיך נישט געקענט דערלויבן נישט אָנצו־נעמען אַזאַ גרעסערע צאָל קינדער. דאָס וואָלט געקענט באַדראָען דעם קיום פון דער שול. די לערערס זענען שטענדיק געשטאַנען פאַר אַ דילעמע: שטעלן האַרבערע נאָטעס און פאַראורזאַכן אַ באַגרענעצונג פון תּלמידים, אָדער קוקן „דורך די פינגער" און אויסשטעלן בעסערע צייגנישן, איבער־

הויפט די פֿאַרמעגלעכע קינדער, הנחות און שׂכר־לימוד און אַזוי אַרום העלפֿן דער שול מאַטעריעל...

יעדן טאָג, פֿאַר די לעקציעס, פֿלעגט דער שולוועכטער אַריינטראָגן אין די קלאַסן אַ רשימה פֿון די, וועלכע האָבן נישט באַצאָלט דעם חודשלעכן שׂכר־לימוד. יעדן טאָג פֿלעגן די שילערס, וועלכע האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען היינטערשטעליק מיטן אָפּצאָל, מיט האַרץ־קלאַפּעניש וואַרטן אויף דער רשימה ווי אויף אַ פּסק־דין. נאָכן אויסלייענען די רשימה האָבן די אויסגערעכנטע שילערס געמוזט פֿאַרלאָזן דעם קלאַס. די „גליקלעכע", וועלכע האָבן געהאַט רעכט צו פֿאַרבלייבן, האָבן באַגלייט די „אויסגעטיילטע", ווער מיט שפּאָט, און ווער מיט מיטגעפֿיל. די ליסטע איז כּמעט שטענדיק געווען די זעלבע, מיט קליינע ענדערונגען אין געוויסע צייטן. די, וועלכע האָבן דעם קלאַס געמוזט פֿאַרלאָזן האָבן שטענדיק זיך געפֿילט דערנידעריקט, און דערצו נאָך באַדראָט צו בלייבן היינטערשטעליק אין די לימודים.

דאָס פֿעלן פֿון דער שול האָט געקענט דויערן אַ טאָג, אַ וואָך און אַ מאָל לענגער. ס'איז געווען אָפּהענגיק פֿון דעם ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ביז די עלטערן זאָלן קענען צונויפֿשטעלן די נייטיקע סומע, אָדער דער שילער אַליין זאָל צונויפֿשטעלן אַ ביסל געלט פֿון די קאָרעפּעטיציעס. די אָפּוועזנ־הייט פֿון דער שול האָט נישט פֿאַרקלענערט דעם חוב. מ'האָט געמוזט באַצאָלן פֿאַר דער גאַנצער צייט. אַזוי איז דער חוב געוואַקסן און מ'האָט שטענדיק געצאָלט פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע חדשים. נאָכן איינצאָלן האָבן די שילערס כּמעט שטענדיק ווייטער געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף דער רשימה.

כּדי אויסצומיידן צו געפֿינען זיך אין דער רשימה, פֿלעגן די שילערס קומען פֿריִער פֿאַרן אָנהייב פֿון לערנטאָג און בעטן ביים סעקרעטאַר אַ דער־לויבעניש צו בלייבן אויף די לעקציעס. זעלטן האָבן זיי געפּועלט. אייניקע לערערס פֿלעגן אויסדריקן זייער מיטלייד, אַנדערע האָבן זיך אָפּילו געפּרוּווט פֿאַרענטפֿערן. אָבער זיי האָבן אַלע גוט געוווּסט, אַז זייער גורל איז אָפּהענגיק פֿון די אָפּצאָלן און דעריבער האָבן זיי זיך געפֿילט מאַכטלאָז.

אַחוץ די פֿריִער דערמאָנטע לערערס האָט דאָרט נאָך געאַרבעט איינער מיטן נאָמען מינצער, אַ שטרענגער מענטש, ביי די פּופּציקער. געלערנט האָט ער אין אייניקע קלאַסן מאַטעמאַטיק און צייכענען. מיך האָט ער נאָר געלערנט דעם צווייטן קעגנשטאַנד. צוליב מיין אומפֿעיִקייט צו צייכענען

האָב איך ביי אים נישט געפונען קיין חן. די שעהען ביי אים זענען פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. נאָך זיי האָב איך מיך שטענדיק געפילט דערשלאָגן. כמעט אַלע האָבן געציטערט פאַר אים. ער האָט נישט געקענט געוווינען דעם צוטרוי פון די תלמידים, כאָטש געהאַלטן האָט מען אים פאַר אַ פעיִקן לערער.

לייבעלע שפּער האָט אונדז געלערנט די העברעיִשע שפּראַך און ייִדישע געשיכטע. ער איז שוין דאַן געווען אַן עלטערער מאַן און געליטן פון סקלע־ראָז. זיינע לעקציעס זענען שטענדיק ענלעך געווען צו אַ פּאַראַדיע אויף אונטערריכט. ער פלעג אַריינקומען אין קלאַס, אויסרופן דעם ערשטן שילער און באַלד ווי דער שילער האָט נאָר אָנגעהויבן צו ענטפערן, פלעג לייבעלע איינדרימלען און נישט געהערט וואָס דער שילער האָט ווייטער געזאָגט. ווען דער שילער פלעגט פאַרענדיקן דערציילן וואָס ס׳איז פאַרגעבן געוואָרן אויסצולערנען, פלעגט זיך לייבעלע אויפכאַפּן און שטעלן אַ נאָטע. אַ גוטן שילער האָט ער שטענדיק געשטעלט אַ גוטע נאָטע, אַ שלעכטן — אַ שלעכטע. דער קלאַס פלעגט צוהעלפן ביים אָפּשאַצן און באַמיט זיך אַרויסצוהעלפן די שוואַכע. אויף די לעקציעס פון העברעיִש איז שטענדיק געווען גענוג אָנצוהויבן מיט „פּעם אחת״... ביי די ערשטע ווערטער פלעגט שוין לייבעלע שלאָפן און דאַן האָט מען שוין געקענט שיטן וואָס ס׳איז געקומען פון מויל, אַפילו אויפן הימל אַ יריד. מען האָט נאָר נישט געטאָרט שטיל בלייבן, ווייל דעמאָלט פלעג זיך לייבעלע אויפכאַפּן און שטעלן אַ „צוויי״. נישט בעסער האָבן אויסגעזען זיינע לעקציעס פון ייִדישער געשיכטע. פלעגן טאַקע די שילערס אָפּטאָן לייבעלען פאַרשידענע שפּיצלעך. מ׳פלעגט אים צום בייי־שפּיל, צונעמען דעם קלאַסנבוך, ענדערן די נאָטעס, צי גאָר זיך אויסבאַ־האַלטן, ווען ער פלעגט זיך באַווייזן.

איין מאָל, ווען ער איז געשמאַק געשלאָפן ביים טיש און גאָרנישט חושד געווען, האָט דער שילער מידלער, אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַ קאַלעקטור, צוגעטראָכט אַריינצוברענגען אַ ביסל שניי, מאַכן קנוילן און אַרויפוואַרפן אויפן סופיט, זיי זאָלן זיך צוקלעפּן, פּונקט איבערן טיש פונעם לערער. דער קלאַס האָט דעם פאַרשלאַג אָנגענומען מיט באַגייסטע־רונג. דער שניי האָט גענומען זיך צעשמעלצן און פאַלן טראָפּנווייז גלייך אויפן פליך פונעם לערער, דערנאָך איז דאָס וואַסער אַראָפּגערונען אים אונטערן קאַלנער פונעם העמד ביז ער האָט דערפילט. דער גאַנצער קלאַס

איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט און געוואַרט וואָס ס'וועט געשען. לייבעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און פאַרוונדערט פון וואַנען די נעץ האָט זיך גענומען. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס טריפט פון דעם סופיט. די שילערס האָבן מיט אַ געמאַכטן מיטלייד אים פאַרזיכערט, אַז ס'האָט אָנגעהויבן רינען פון דער אויבערשטער וווינונג. דאָס איז בפירוש מעגלעך געווען, ווייל דאָס הויז איז געווען אַלט און די צימערן לגמרי נישט צוגעפּאַסטע פאַר אַ שול. לייבעלען איז אויך געווען באַקוועמער אַנצונעמען אַזאַ אויסטייטש, אַנדערש וואָלט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער איז לאַנג געשלאָפן. אין אַזאַ פאַל האָט עס געקענט פירן צו פאַרלירן די אַרבעט אַלס לערער, וואָס וואָלט אין יענער קריטישער צייט, און איבערהויפּט אין זיין עלטער, געווען פאַר אים אַ קאַטאַסטראָפע.

אויך די לערערין פון דער פוילישער שפּראַך און ליטעראַטור איז געווען אַ קרבן פון דער יוגנט. אַליין איר אויסזען האָט אַרויסגערופן אַ חוזק־שמייכל. זי איז געווען אַ הויכע און אויסגעדאַרטע פרוי, ממש הויט און ביין. די קליידער זענען אויף איר געהאַנגען ווי אויף אַ שטעקן, פון דעקאָלטע האָט אַרויסגעקוקט איר הויט פול מיט קנייטשן. קיין ברוסטן האָט מען ביי איר נישט געזען, און זי האָט זיי אפשר נישט געהאַט. די האָר — אָן אַ באַשטימטן קאָליר. אַ מאָל זענען זיי מסתם געווען בלאָנד און געקרייזלט, אָבער אין יענער צייט זענען זיי געווען פאַרבלאָזט. עס זענען בלויז פאַרבליבן די קרייזעלעך. איר קענגשטאַנד האָט זי גוט געקענט, אָבער זי האָט נישט געקענט האַלטן נישט קיין דיסציפּלין, נישט קיין אָרדענונג אין קלאַס. צו דעם פלעגט זי נישט געדענקען די נעמען פון די תּלמידים. די פעלערן אירע האָט דער קלאַס אויסגענוצט שוין איבער דער מאָס. צוגעשפּילט האָבן אויך די באַדינגונגען. צוליבן מאַנגל אין אַ ספּעציעלן צימער, האָבן מיר געמוזט האַלטן אונדזערע מאַנטלען אין קלאַס. דאָרט אונטער זיי פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן יענע שילערס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער לעקציע. ביי איר איז אויך געווען מעגלעך אַז איין שילער זאָל ענטפערן פאַר אַן אַנדערן, אַ נישט צוגעגרייטן. אָפט האָבן אויך שילערס באַהאַלטענע אונטער די מאַנטלען פאַרלאָזן, אומבאַמערקט פון איר, דעם קלאַס, אויסנוצנדיק אַ מאָמענט ווען זי האָט זיך דערווייטערט פון דער פריִער געעפנטער טיר. אָבער זי האָט זיך באַמיט צו געבן אונדז אַ ברייטערן בליק איבער דער ליטעראַטור. זי האָט אונדז געלערנט אָפּצושאַצן אַ ליטעראַריש ווערק. זי איז

געווען די ערשטע, וועלכע האָט אונדז רעקאָמענדירט שרייבערס פון דער וועלט־ליטעראַטור. פון איר האָבן מיר זיך דערוווּסט, צום ביישפּיל, וועגן זשיל ווערנס באַרימטע ווערק. אַזוי האָט זיך אַרום איר געזאַמלט אַ גרופּע וויסנגיריקע יוגנט, וועלכע האָט געמאַכט שנעלע פאָרשריט אין ליטעראַטור־קענטעניש. ווער ס'האָט נאָר געהאַט געניג ווילן האָט געקענט אַ סך לערנען ביי איר. צום באַדויערן געדענק איך נישט דער לערערינס ריכטיקן נאָמען, דאַקעגן האָב איך פאַרגעדענקט דעם צונאָמען, וועלכן די שילער האָבן איר געגעבן: „העַנטשעלע". דאָס, צוליב דעם וואָס זי פלעג דעם כ (ch) אַרויס־רעדן ווי אַ ה (h).

צו די „קרבנות" פון די שילערס האָט זיך גערעכנט דער לערער פון גימנאַסטיק מיטן נאָמען יובעל. געוויס קאָן מען זיין קנאַפּע אויטאָריטעט צושרייבן טיילווייז דעם קעגנשטאַנד וועלכן מען האָט צו יענער צייט נישט דערשאַצט. קיין שום איינריכטונגען זענען אין דער שולע נישט געווען, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ ספּעציעלן זאַל צו דעם צוועק. אויב דאָס וועטער איז געווען גינציק, פלעגן מיר גיין אין דער נאָענטער רוסאַלקע, אַ שטיקל גאָרטן מיט אַ פּאָר אָנעמישעביימער, אָדער אויפן הויף, און געמאַכט אַ ביסל איבונגען. טאָמער נישט, פלעגן אַנדערע לערערס, וועלכע זענען געווען הינטערשטעליק מיטן פּראָגראַם (און אַזעלכע „לעכער" האָבן זיך שטענדיק געפונען) איבערנעמען זיינע שעהען, און יובעל האָט שטענ־דיק געמוזט אָפּטרעטן. געווירקט האָט דאָ אויך די שטענדיקע מורא די שול זאָל נישט שלעכט אָפּגעשאַצט ווערן ביי דער מאַכט און זי זאָל נישט פאַרמאַכט ווערן. דער אַרגומענט פון די לערערס איז געווען אַן ערנסטער. אין דער סיטואַציע, ווען אַלע לימודים זענען געווען וויכטיקער ווי גימ־נאַסטיק, האָבן די שילערס נישט געקענט האָבן דעם געהעריקן רעספּעקט פאַרן לערער פון דעם קעגנשטאַנד, אומאָפּהענגיק פון זיינע פעיִקייטן און אייגנשאַפטן. מ'דאַרף נאָר צוגעבן, אַז יובעל האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן דאָס קול אויף קיין שילער און געלאָזט זיך איינרעדן אַלע תּירוצים פון די שילערס וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון זיינע לעקציעס. קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אים האָט קיינער נישט גענומען ערנסט און ער איז שטענדיק געווען אַן אָביעקט פון אָפּלאַכן. אויך דערפאַר, וואָס ער האָט טראָגן זיינע זעכציקער יאָרן, געשפּילט אַ ראָל פון אַ יונגנמאַנטשיק, וואָס האָט געוואָלט אויסנעמען ביי פרויען. איין זאַך מוז מען מודה זיין:

ער האָט די יוגנט ליב געהאַט, ער האָט איר אָוועקגעגעבן אַ סך צייט און איז שטענדיק גרייט געווען יעדן פון אונדז צו העלפן. וואַרשיינלעך האָט זיין איבערגעגעבנקייט צו דער יוגנט און די צייט וועלכע ער האָט איר אָוועקגעגעבן אָן קאַרגשאַפט, אים אָפּגעהאַלטן פון בילדן אַ פאַמיליע. ערשט עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה, אין גאַנץ שפּעטן עלטער, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ לערערין פון דער שול, וועלכע איז געקומען אין שול אַריין נאָך דער פריִער דערמאָנטער פּויליש־לערערין. די מאַרדער איז געווען אַ פולער קאָנטראַסט צו דער פריִערדיקער לערערין. שוין דער אויסזען אירער איז אויך געווען אַ גאַנץ אַנדערער — אַ קליינינקע, פּעדאַנטיש, ריין געקליידט, מיט קורצגעשוירענע, טונקלע האָר, האָט זי אויסגעזען ווי אין די שפּעטע דרייסיקער, מעגלעך אַפילו, אַז זי האָט איבערגעשטיגן די פערציק. אין באַצוג צו די שילערס איז זי געווען זייער שטרענג, מיט אירע פאָדערונגען, וועלכע זי האָט קאָנסעקווענט געשטעלט און זיי קאָנטראָלירט.

מיט איר אויפפירונג האָט די מאַרדער אַרויסגערופן שרעק ביי די שילערס. מיט איר שטרענגער דיסציפּלין האָט זי אָבער אויך אַרויסגערופן געהאָרכזאַמקייט פון די שילערס. זי איז „דערגאַנגען די יאָרן" מיט אירע פאָדערונגען צו קענען די אַלטע פּוילישע שפּראַך, און געוויסע אַלטע ווערטער און גראַמאַטישע נאָרמעס, וועלכע האָבן אונדז פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטן. זי האָט קיין מאָל נישט געפּרוווט אַדורכצופירן ליטעראַרישע אַנאַליזן פון ווערק, פאַרגלייכן, צום ביישפּיל, פאַרשידענע העלדן, ווי ס'פלעגט טאָן מיט גרויס טאַלאַנט די פריִערדיקע לערערין. יענע האָט אונדז געלערנט „שוועבן" אין די הימלען, געוועקט אונדזער פאַנטאַזיע, די מאַרדער האָט אונדז געצוווּנגען זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד צו איר האַרבער דיסציפּלין. קיין ענטוזיאַזם האָט זי קיין מאָל נישט אַרויסגערופן, זי האָט אונדז אָבער געקענט צווינגען צו שווערער און סיסטעמאַטישער אַרבעט.

פּערענהאָף, דער איידעם פון דער אייגנטימערין פון דער שול, איז געווען לערער פון דייטש. מיט אים האָב איך קיין דירעקטן קאָנטאַקט נישט געהאַט, ווייל איך האָב דאָך געלערנט פראַנצויזיש, די צווייטע פרעמדע שפּראַך, וועלכע מ'האָט געהאַט רעכט אויסצווויילן. דעריבער האָב איך פּערענהאָפן געקענט בלויז פון דער ווייטנס. איך האָב אים פאַרגעדענקט אַלס אַ יונגנמאַן מיט גלאַנצנדיקע ברילן, וועלכע האָבן פאַרשטעלט זיינע אויגן און מיט זיין געדיכטער טשופּרינע, וועלכע האָט אים געמאַכט יינגער.

און צוגעגעבן אַ „גלאַנץ" זיין אויסזען. זיין האַלטונג איז שטענדיק געווען אַ רויִקע. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן אַ זעלבס־זיכערן, וועלכער האָט אויף אַלע אַנדערע געקוקט פון אויבן אַראָפּ. מ'האָט געשמועסט, אַז אַ סך שילערינס האָבן זיך אין אים „פאַרליבט", אָבער, לויט בייזע צונגען, איז ער נישט געווען גלייכגילטיק צו סאַבע רעכטשאַפּט, איינע פון די שול־שיינהייטן, אַ טאָכטער פונעם בעל־הבית פונעם הויז בשכנות מיט דער שול־געביידע. וועגן דעם מיידל פלעגט מען שמועסן אַז איר שיינקייט איז ווייט נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט אינטעליגענץ און מיט אירע לערן־פעיִקייטן. ביזן זעקסטן קלאַס איז זי נאָך אַריבער פון איין קלאַס אין צווייטן, מסתּם נישט אָן דער הילף פונעם פאָטער, וועלכער פלעג רעגלמעסיק באַצאָלן דעם פולן פּרייז פאַר די לימודים... אין זעקסטן קלאַס האָט שוין דאָס געלט פאַרלאָרן דעם כּישוף. סאַבעס שוואַכע קענטענישן זענען יעדן אין שול געווען באַקאַנט און זי איז געבליבן זיצן אַ צווייט יאָר אין זעלבן קלאַס, ווו איך האָב זי דעריאָגט. אַלע מיידלעך זענען געווען אייפערזיכטיק צוליב איר שיינקייט און נישט געקענט איר שענקען איר שטענדיקן דערפאָלג ביי די יִינגלעך.

אין זעקסטן קלאַס האָט דער לערער־פּערסאָנאַל אַ ביסל זיך געענדערט. עטלעכע לערערס זענען אַוועק, זייער אָרט האָבן פאַרנומען אַנדערע. אויפן אָרט פון דער פּעניאַקער איז געקומען שיפּפּער, אַ נייער לערער פון לאַטיין. די קוראַפּאַטווע, די באַליבטע און פעיִקע לערערין פון פראַנצויזיש, האָט פאַרלאָזט די שול, און אויף איר אָרט איז געקומען אַ פראַנצויזין מיטן נאָמען דרווע, אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט זיך אַבסאָלוט נישט אָנגע־שטרענגט עפּעס וואָס אונדז צו לערנען. פראַנצויזיש האָט זי פאַרשטענדלעך געקענט, אָבער לערנען — נישט, און אפשר האָט זי גאָר נישט געוואָלט. די לעקציעס זענען באַשטאַנען פון דעם, אַז איין שילער האָט פאַרגעלייענט אַ טעקסט פון לערנבוך, שטענדיק איז דאָס געווען אַ גוטער שילער, און כּמעט שטענדיק דער זעלבער. ער האָט דעם טעקסט איבערגעזעצט אויף פּויליש. ווער ס'האָט געוואָלט און באַוויזן, האָט נאָטירט די איבערזעצונג. אַחוץ האָט זי שטענדיק פאַרגעבן צוזאַמענצושליסן שריפטלעך דעם זעלבן טעקסט. ווער ס'האָט געהאַט לוסט האָט דאָס אָנגעשריבן. די איבעריקע פלעגן פאַר דער לעקציע איבערשרייבן. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז בלויז איין שילערין האָט די צוזאַמענפאַסונג געשריבן, אַלע אַנדערע פלעגן איבער־

שרייבן. נאָך אַזאַ פּראַקטיק פון דער דרוע, האָט דער קלאַס נישט געמאַכט קיין פאָרשריט. פאַרקערט. ער האָט פאַרערגערט די פריער דערוואָרבענע קענטעניש.

שיפּפּער האָט פון ערשטן טאָג געוווּנען אונדזער סימפּאַטיע, דערנאָך אויך צוגעבונדנקייט. ער האָט געקענט פועלן ביי די שילערס אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. אַלע האָבן זיך באַמיט צו פאָלגן אים און ווערן צוגערעכנט צו די פּאָזיטיווע און ווילעקע. ער איז געווען גאָר אַ קליינער פון וואוקס, מיט גלאַטע האָר. געקעמט האָט ער זיי מיט אַ שרונט. זיין קעגנשטאַנד האָט ער גוט געקענט און בכלל ליב געהאַט די אַלטע רוימישע און גריכישע קולטורן. די ליבע און קענטעניש האָט ער געוואָלט איינפּלאַנצן אין אונדזערע הערצער און דאָס האָט זיך אים אין אַ געוויסער מאָס איינגעגעבן. אַחוץ דער טרוקענער לערע פון דער שפּראַך אַליין, האָט ער זיך באַמיט צו לערנען אונדז פאַרשטיין און קענען די וויכטיקסטע שרייבערס און פילאָזאָפן פון דער אַנטיקער צייט, פאַרשטיין און אָפּפילן די פּאָעטישע ווערטן פון יענער עפּאָכע, און קענען אָפּשאַצן איר שיינקייט. ער האָט זיך באַמיט צו וועקן אונדזער חוש פאַר שיינקייט און קונסט. ער האָט, צום ביישפּיל, באַמיט זיך צו לערנען אונדז צו פאַרשטיין די געפילן פון דער מיטאָלאָגישער געשטאַלט פון ניאָבע, די מוטער, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם טויט פון אירע אַלע קינדער. איך געדענק, ווי דער גאַנצער קלאַס איז געווען ווי פאַרשטיינערט, ווען די מאַכעראַווסקי האָט פאַרגעלייענט פאַר אַלע דעם טעקסט.

ער האָט זיך אויך באַמיט צו פאַראינטערעסירן אונדז מיט טעאַטער. זיין אַמביציע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיר זאָלן מיט די אייגענע כוחות אויפפירן „אַנטיגאָנע". זיין איניציאַטיוו האָט מיר פערזענלעך פאַרשאַפט פיל צרות. ער האָט מיך אויסגעוויילט צו שפּילן די הויפּט־העלדין אַנטיגאָנע, ער האָט געהאַלטן, אַז מיין אויסזען אַנטשפּרעכט דעם געשטאַלט, ער האָט אָבער מיט דעם אויסוואַל געהאַט אַ פולקאָמען דורכפאַל. מיינע קענטענישן אין לאַטיין זענען לחלוטין נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט וועלכע נישט איז דראַמאַטישע פעיקייטן. איך האָב מיך אויף אַלע אופנים געוווערט, נישט געוואָלט אָננעמען די ראָלע, אָבער ער האָט זיך פאַרעקשנט און איך בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. פון איין זייט האָב איך אים נישט געוואָלט אַנטוישן, פון דער צווייטער זייט, האָב איך גוט געוווּסט, אַז איך טויג נישט לחלוטין צו שפּילן טעאַטער. אַחוץ

דעם וואָס ס'האָט מיר געפעלט דראַמאַטישע באַגאַבונג, האָב איך נישט געקענט באַקעמפן מיין שעמעוודיקייט. ווען איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פון דער ראָלע, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן די ראָלע פון אַנטיגאָנעס שוועסטער, איסמענאַ. אַזוי האָט ער מיך געצוווּנגען צו אַ צווייטן אָפּזאָג. דעם אָפּזאָג האָט ער מיר לאַנג נישט געקענט מוחל זיין, ער האָט דאָס אָבער קיין מאָל נישט אויסגענוצט מיך מיט עפּעס צו באַשטראָפן. פאַרקערט, ער האָט מיר שטענדיק געגעבן אויפגאַבעס, וועלכע האָבן געצילט מיך צו אַנטוויקלען גייסטיק און העלפן צו באַקעמפן מיין שעמעוודיקייט. ער האָט מיר, למשל, געגעבן אַן אויפגאַבע צו שרייבן אַ רעפעראַט פאַר דעם דיסקוסיע־קרייז אין אונדזער קלאַס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. די טעמע איז געווען: „דער זין פון אַ מענטשלעך לעבן." שיפּפערן זענען זיינע פּלענער נישט שטענדיק געלונגען, אָבער ס'איז כּדאַי צו געדענקען, אַז ער האָט אין זיין אַרבעט אַריינגעלייגט אַלע זיינע חושים און גרויסע פעיִקייטן. ער איז געווען די שילערס איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. וועגן אים קען מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אמתער לערער, וועלכע האָט געקענט באַגייסטערן זיינע שי־לערס און מיטרייסן זיי מיט זיין ענטוזיאַזם און ליבע צו דער יוגנט. מיט אים האָבן מיר זיך שטענדיק געפילט גוט און באַשיצט.

איין מאָל האָבן מיר זיך פּלוצעם דערפילט באַדראָט צו פאַרלירן אים ווי אַ לערער. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן זיין כלה, אַ קליינטשיק, געפּאַקט מיידל, מלא חן. מיר האָבן אין איר דערפילט אַ קאָנקורענטין, וועלכע האָט געקענט אַוועקרויבן זיין האַרץ. מיר האָבן פריִער געוווּסט, אַז זי עקזיסטירט ערגעץ ווו, אָבער ווי לאַנג זי האָט זיך נישט באַוויזן, האָבן מיר געטראַכט, אַז ער האָט אין איר פאַרגעסן און איבערגעגעבן זיין וואַרעם האַרץ אין גאַנצן אונדז. איר קומען האָט אונדז דערמאָנט ווי גרויס ס'איז נאָך די „געפאַר". אַ שטיין איז אונדז אַראָפּגעפאַלן פונעם האַרץ, ווען זי איז צוריק אַוועקגעפאָרן. אָבער די פריִערדיקע זיכערקייט האָבן מיר שוין נישט געהאַט. ווען ער האָט נאָך דערנאָך חתונה געהאַט, האָבן מיר אים דאָס נישט געקענט מוחל זיין. מיר האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז ער וועט ענדערן די באַציִונג צו אונדז.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך שיפּפערן געטראָפן אין די ערשטע טעג נאָכן מלחמה־אויסברוך. ער איז געקומען קיין לובלין ווי אַ סך מענער, ווען די מאַכט האָט גערופן צו פאַרלאָזן וואַרשע.

צוזאַמען מיט שיפּפּערן איז, אויפן אַרט פון יובעלן, אין שול אַריינ־געקומען אויך אַ נייער ספּאָרט־לערער, לאַמבערט, אַ געוועזענער ספּאָרטס־מאַן מיט דערפּאָלגן אויף דעם געביט. ער איז געווען הויך און שלאַנק, פעסט געבויט. כאָטש אַריבער די זעכציקער, איז ער געווען אַ פלינקער און יוגנטלעך־רירעוודיק. די איבונגען, וועלכע ער האָט אונדז געלערנט, זענען אים אָנגעקומען זייער גרינג. ער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער לייכטקייט געקענט איבן זיך אויפן לייטער, שפּרינגען איבער שנורן, איבער דעם אַזוי גערופענעם „קאָזיאָל". ער האָט מיט זיינע פיזישע פעיִקייטן אונדז זייער אימפּאָנירט. כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט געשריִען, האָט קיינער נישט געטראַכט צו ווידערשפּעניקן אים, שטערן, אָדער אָנטלויפן פון זיינע לעקציעס. ער האָט קיין מאָל נישט באַשטראָפט אויב עמעץ האָט די איבונגען געמאַכט נישט ווי געהעריק. ער האָט, פאַרקערט, די שוואַכערע געלערנט מיט געדולד. לאַמבערטן האָבן דעריבער אַלע שילערס געאַכטעט.

די פיינזילבער איז געווען די לערערין פון פּוילישער און אַלגעמיינער געשיכטע. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן מאַנופאַקטור־סוחר אויף שווינטאָ־דוסקע, נאָענט צו דער לובאַרטאָווסקע. זי איז געווען אַ שיינע פריילין, נאָענט פון דרייסיק, עלעגאַנט געקליידט, מיט ברילן, וועלכע האָבן געהאָנגען אויף אַ קייט, פאַרענדיקט מיט אַ מין פּרענט. זי פלעגט די ברילן האַלטן פאַר די אויגן, ווען זי האָט געוואָלט זען, וואָס ס'טוט זיך ווייטער פון איר, אין קלאַס. אירע לעקציעס האָבן אונדז שטענדיק פאַרשאַפט פאַרגעניגן. זי האָט געהאַט גרויסע פעיִקייטן און געוווסט דעם וועג ווי דערנענטערן צו אונדז די געשיכטע. ביז היינט געדענק איך, ווי זי האָט אונדז דערקלערט דעם מעכאַניזם פונעם פעאָדאַלן סיסטעם. נאָך אירער אַ לעקציע האָבן אַלע געקענט דעם נייעם מאַטעריאַל. ס'איז דערנאָך געווען גענוג אַריינצוקוקן אין די נאָטיצן געמאַכטע בעתן איר אויסלייגן דעם מאַטעריאַל, אַז ער זאָל פאַרבלייבן אין קאָפּ. די פיינזילבער האָט ביי די שילערס געוועקט רעספּעקט, ליבשאַפט און אָנערקענונג.

די שילערס

צווישן די שילערס, אָנגעקומענע צו דער שפּעראָווע איינצייטיק מיט מיר, זענען געווען שׂרה מאַכעראָווסקי, מאַשע שטערן, מאַלע הערשענהאָרן, דאָרע־דבורה ווייסמאַן.

מיר, די געקומענע פון דער „פּאָושעכנע״, האָבן קיין שום קענטעניש אין דער העברעיִשער שפּראַך נישט געהאַט. אין דער שפּערס גימנאַזיע איז די שפּראַך געווען אָבליגאַטאָריש. די דירעקציע האָט באַוויליקט אָפּצו־לייגן דעם עקזאַמען פון העברעיִש אויף עטלעכע חדשים, כּדי מיר זאָלן זיך צוגרייטן. אין דער צייט האָבן מיר געדאַרפט אויסלערנען זיך העברעיִש ביז צום ניוואָ פונעם קלאַס. אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים האָבן מיר גע־דאַרפט דורכמאַכן אַ פּראָגראַם, וואָס אַנדערע שילערס האָבן געלערנט עטלעכע יאָר. מיר האָבן זיך געשאַפן אַ גרופּע פון עטלעכע שילערס, אַנגאַ־זשירט אַ לערער און אָנגעהויבן לערנען. אַזוי אַרום האָב איך מיך געפונען אין דער גרופּע צוזאַמען מיט דער ווייסמאַן. ביי איר, אויף דער וועסאָלע־גאַס, פלעגן מיר זיך טרעפן עטלעכע מאָל אין דער וואָך. פון אונדז אַלע, איז ביי איר געווען מער פּלאַץ אין אַ גרויסן צימער, ווו ס׳איז שטענדיק געווען ריין און רויִק. דבורה האָט געהאַט איין ברודער, וועלכער האָט אונדז קיין מאָל נישט געשטערט, און אַ מוטער. זי האָט זיך בעת די לעקציעס נישט באַוויזן. דבורה אַליין האָט זיך פלייסיק געלערנט, אָבער דאָס לערנען הע־ברעיִש איז איר אָנגעקומען גאַנץ שווער, פון וואָס זי האָט שטאַרק געליטן. פון דער גרופּע געדענק איך נאָך די מאַכעראָווסקאַ, די אַנדערע האָב איך פאַרגעסן.

געלערנט האָט אונדז אַ פרומער יונגערמאַן, וועלכער האָט צוליב די לעקציעס, וואָרשיינלעך, רעזיגנירט פון דער לאַנגער קאַפּאָטע און די פאות. די שפּראַך האָט ער באַהערשט גרונטלעך, אָבער קיין פּעדאַגאָגישע פעיִקייטן האָט ער נישט געהאַט, און דעריבער איז ער פאַר אונדז נישט געוואָרן קיין אויטאָריטעט. ער האָט זיך געפונען שטענדיק אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק ווי אויפצופירן זיך אין אונדזער אָנוועזנהייט. דאָס קאָמישסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך באמת צו געפעלן אונדז ווי אַ מאַנסביל, און דאָס האָט געזאָגט ווי וויט ער האָט נישט פאַרשטאַנען אונדזער באַציִונג צו אים.

צו די נייע באַקאַנטע האָט געהערט זיסמאַן, אַ יִינגל פון אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון לובלין. ער איז געווען פאַרליבט אין מוזיק, און געלערנט שפּילן פידל. ער און קליינמאַן, ביידע מיינע שכנים פון דער זעלבער באַנק, האָבן געהאַט געמיינזאַמע אינטערעסן. קליינמאַן, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געהאַט גרויסע פעיִקייטן און האָט זיך שפּעטער געמאַכט אַ געוויסע פּאָזיציע אין דער שוויץ, וווהין ער האָט עמיגרירט און איבערגעלעבט די

מלחמה. ער איז דעמאָלט געווען דער יִינגסטער אין קלאַס. אַלס שילער האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט מיט דערפאָלג, געוויס צוליב דעם, ווייל ער האָט אַלע זיינע חושים אַריינגעטאָן אין פידל־שפילן. געווען איז ער אַ זון פון אַ סטאָליער און געווױנט אויף זיעלאָנע גאַס.

אַהרון קאַרטאָפעל, אַ זון פון אַ גלעזער, אַ קליינוווקסיק יִינגל, האָט אַרויסגעוויזן מאָלערישע פעִיקייטן. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו קאַריקאַ־טורן, בולט מאַכנדיק אין פּרעכטיקע צייכענונגען דאָס נעגאַטיווע אין מענטש־לעכן כאַראַקטער. ער איז געווען איינער פון די יחידים וועמען ס׳איז געלונגען דערנאָך צו געפינען אַרבעט אין וואַרשע. צו דעם האָבן אים טאַקע געהאָלפן זיינע מאָלער־פעִיקייטן. קיין גרויסע פאַרדינסטן האָט ער נישט געהאַט, אָבער ער האָט זיך געקענט אַליין אויסהאַלטן. געווױנט האָט ער אין אַ צימער, וואָס האָט ביי טאָג געדינט דעם אַרבעטסגעבער אַלס קאַנטאָר. דאָרט האָט אהרון געהאט זיין בעט און אַ ביסל געשיר צו פירן זיין „ווירטשאַפט״. ער איז טעטיק געווען אין דער „זשעשעניע אַקאַדעמיקוו זשידוור״, וועלכע האָט אין די 30ער יאָרן געפירט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אונטערן איינפלוס פון דער לינקער יוגנט. קאַרטאָפעל האָט אויסגעמאָלעוועט דאָס לאָקאַל און אים דעקאָרירט מיט זיינע געלונגענע קאַריקאַטורן. זיינע סקיצן האָבן אויך באַרייכערט די וואַנטצייטונג פון דער געזעלשאַפט. ער האָט דאָרט אַריינ־געלייגט אַ סך אַרבעט. זיין אַרויספאָרן קיין וואַרשע איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער פאַרלוסט. אַהרון האָט זיך געיִחוסט מיט זיין יִינגערער שוועס־טער, אַ שיין בלאָנד מיידל, וועלכע איז פאַר איר טעטיקייט אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג געזעסן אין תּפיסה.

צינאַמאָן, דער העכסטער פון קלאַס, אַ ברייט־פּלייציקער, שוואַרצ־האָריקער בחור, איז אויך געווען, דאַכט זיך, דער עלטסטער אין קלאַס. ער איז אין גימנאַזיע געקומען שפּעטער ווי אַנדערע, מסתּם צוליב זיין קראַנקן פוס, אויף וועלכן ער האָט אונטערגעהינקט, מעגלעך אויך אַז די עלטערן האָבן אים נישט געוואָלט שיקן אין אַ וועלטלעכער שול. אָבער צום לערנען האָט ער קיין גרויסן חשק נישט אַרויסגעוויזן. דאָס לערנען האָט ער איבערגעריסן, ווען שפּעטער גימנאַזיע האָט זיך ליקווידירט. ער האָט געענדיקט נאָר 6 קלאַסן (פון אַכט) און דערנאָך געהאָלפן די עלטערן אין זייער גרויסן מאַנופאַקטור־געשעפט אויף צירוליטשע.

אין קלאַס האָט זיך געפונען אַ צווייט יִינגל מיטן נאָמען זיסמאַן. להיפוך

צו דעם פּריער דערמאָנטן זיסמאַן איז ער געווען הויך און זייער דיק און צוליב דער אייגנשאַפט, אַן אָביעקט פאַר די וויצלערס. צום לערנען האָט ער זיך נישט שטאַרק אָנגעשטרענגט. נישט אַנדערש אַז ער האָט אויסגע־רעכנט אויף זיין מאַטעריעלן מעמד. צוליב זיין רעגולערן באַצאָלן דעם שׂכר־לימוד האָט ער גערעכנט אַז ער וועט סיי ווי אַריבערטאַנצן פון קלאַס צו קלאַס.

גדליהו פישמאַן איז געווען דער קלענסטער אין קלאַס. ער האָט געהאַט אַ סימפּאַטיש פּנים, זיינע גרויסע אויגן האָבן געוועקט צוטרוי און האָבן אַנטוואָפנט יעדן וואָס האָט געהאַט אַ סיבה אויף אים זיך צו בייזערן. כאָטש ער האָט נישט געווידמעט צו פיל צייט דעם לערנען, האָט ער קיין מאָל נישט געכאַפּט אַזוי פיל שלעכטע נאָטעס ווי אַנדערע. ער האָט די לערערס אַנטוואָפנט מיט זיינע אומשולדיקע אויגן און מיטן מילדן שמייכל. זיינע עלטערן זענען געווען טאַנדעט־סוחרים פון דער שוויענטאַ־דוסקע.

לעווין איז געווען דער שטענדיקער קרבן פון קלאַס. מיט זיין גאָלן קאָפּ און אָפּשטייענדיקע אויערן, מיטן פּנים פול מיט זומער־שפּרענקעלעך האָט ער שטענדיק געוועקט געלעכטער ביי די שילערס, וועלכע האָבן אים צוליב זיין שטאַמלען גערופן: לע־לע־לעווין, אַזוי ווי ער פלעגט זיין נאָמען אַרויס־רעדן. ער האָט אַחוץ אין מאַטעמאַטיק קיין מאָל נישט געקענט ענטפערן אויף די לערערס פראַגן. קען זיין, אַז צוליב זיין שטאַמלען. כּדי נישט זיין צו געלעכטער פון די טפּשים אין קלאַס, פלעג ער נישט ענטפערן. זיינע היים־און קלאַס־אַרבעטן, איבערהויפּט אין מאַטעמאַטיק, זענען תּמיד געווען גוטע.

שווערגאָלד, פון זאַמאָיסקע גאַס, איז געווען אַן אָרעם מיידל, אַ פּוילע פון דער נאַטור. זי האָט נישט ליב געהאַט צוגרייטן די לעקציעס און האָט שטענדיק אויסגערעכנט אויף די „אונטערזאָגערס". די פּראַקטיק אירע איז דערעסן געוואָרן און מע פלעג איר אָפּטאָן געשמאַקלאָזע שפּיצלעך. איך געדענק אַן עפּיזאָד: די פראַנצויזיש־לערערין האָט זי אויסגערופן צום פאַר־הערן די אַהיים־פאַרגעבענע ווערטער. זי האָט ווי געווינלעך גאָרנישט געהאַט צוגעגרייט. האָט זי אָנגעשפּיצט די אויערן צו דער הילף פון די אונטערזאָגערס. אויך דאָס מאָל האָט מען איר אונטערגעזאָגט, אָבער בכּיוון — פאַלש. דאַרפנדיק איבערזעצן דאָס וואָרט „מענאַזשער" (בעל־הביתטע) האָבן די „אונטערזאָגערס" געשושקעט אַז דאָס באַטייט אַ מענאַזשעריע... פונעם וואָרט „אָראַנזש" איז געוואָרן אָראַנזשעריע. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אַלץ

נאָכגעזאָגט. דער קלאַס האָט געפּלאַצט פון געלעכטער. באַמערקנדיק אַז עפּעס נישט געוויינלעכס קומט פאָר אין קלאַס, האָט די לערערין זיך שטאַרק אויפגערעגט. אָבער אָט די „לעקציע" פון די קלאַס־חברים איז דער שווער־גאָלד גוט צו נוץ געקומען. זי האָט אָנגעהויבן פלייסיק צו לערנען, אָבער איר איז שוין נישט געלונגען צו דעריאָגן די פאַרלאָרענע צייט. דאָס איז געווען אַ סיבה זי זאָל פאַרלאָזן די שול.

מיט העלענע ציטרין פון דער קרולעווסקע האָב איך מיך באַקאַנט אין זעקסטן קלאַס נישט לאַנג פאַר איר עמיגרירן, צוזאַמען מיט איר משפחה, קיין אַמעריקע. זי מיט איר עלטערן ברודער האָבן אין דער שול זיך גערעכנט פאַר יחסנים. זייערע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע און האָבן פאַר די קינדער געצאָלט דעם פולן שׂכר־לימוד. אָבער העלענע איז געווען אַ גוט און האַרציק מיידל. זי פלעג די חברים אירע נישט אָפּזאָגן, אויב זיי האָבן זיך מיט עפּעס געווענדט צו איר, ווי, למשל, אויסלייען די לערנביכער, וואָס נישט אַלע קינדער האָבן געהאַט. זי איז געווען אַ לייביקע, צעוואַקסענע, און האָט שוין דעמאָלט אויסגעזען אַ דערוואַקסענע פרוי. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט איר מיט אַ געפיל פון באַדויער און פאַרלוסט.

איר ברודער, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער שיינער בחור, האָט ווי לשון־הרעניקעס פלעגן זאָגן, געפונען צו פיל חן ביי דער פעניאַקער, דער לערערין פון לאַטיין. לויט זיי, איז זי אין אים געווען פאַרליבט, און נישט געפּרוווט אַפילו דאָס באַהאַלטן.

פראַניע שפּיראָ איז געווען אַ טאָכטער פונעם אייגנטימער פונעם הויז זאַמאָיסקע 43. זי האָט נישט געהאַט די אייגנשאַפטן פון אַנדערע פאַרמעג־לעכע קינדער, וועלכע „פאַררייסן די נאָז". איך בין געווען מיט איר באַ־פריינדט. איך פלעג אָפט אַריינגיין אין איר היים. אירע עלטערן האָב איך קיין מאָל נישט געטראָפן, און מיר האָבן אַליין באַלעבאַטעוועט אין דער גרויסער וווינונג. זי האָט אין אַ זייער פרי׳ען עלטער זיך באַקאַנט מיט איר שפּעטערדיקן מאַן, עמעק פרייזינגער, אַ זון פון אַ זייגערמאַכער. אונטער זיין איינפלוס איז זי געקומען צו דער לינקער באַוועגונג. אויב איך געדענק גוט, איז זי פאַר דעם אויך אַריינגעפאַלן אין תּפיסה און אַרויס אויף קויציע, וואָס די עלטערן האָבן באַלייגט.

יוסטע דאַווידזאָן האָט געהערט צו די יינגסטע אין קלאַס. קען זיין, אַז צוליב דעם איז איר דאָס לערנען אָנגעקומען שווערער. אין קלאַס האָט

זי געהערט צו די שטילע און צוריקגעהאַלטענע שילערס. ס'האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען אַט דאָס שטילע מיידעלע האָט שפּעטער זיך אָנגעהויבן אויפפירן אַ ביסל עקסטראַוואַגאַנט און געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט איר אויפפירונג אויף דער גאַס. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט דעם, עלטערן פון איר, יוריסט אַפּליקאַנט, בנימין ווייסבלעד, וועלכן, ווי מ'האָט געזאָגט, זי האָט געפירט ביי דער נאָז. לאַנגע יאָרן זענען זיי „געגאַנגען" אָן אויסזיכטן חתונה צו האָבן און איינאָרדענען אַ געמיינזאַם לעבן.

אין די מלחמה־יאָרן האָבן זיי זיך געפונען אין רוסלאַנד, פון דאָרט זענען זיי צוריקגעקומען קיין פּוילן, אָבער שוין נישט צוזאַמען. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגנמאַן פון רומעניע און צום סוף קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער אומאויסהיילבאַרער קראַנקייט און געשטאָרבן יונג. ווייסבלעד האָט די גאַנצע צייט פון איר קראַנקייט נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט און זיך באַמיט צו לינדערן אירע ליידן. ער האָט נאָך איר טויט לאַנג זי נישט געקענט פאַרגעסן. ערשט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט. נאָך דער מלחמה האָב איך מיט יוסטען זיך נאָך געטראָפן איין מאָל אין דזשערזשאָניוו. זי האָט דאַן פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין די פּוילישע זיכערהייטס־אָרגאַנען. זי האָט מיך זייער גוט אויפגענומען און איז גרייט געווען מיך איינאָרדענען אויף אַ פּאָסטן אין דזשערזשאָניוו. זי איז געווען גרייט צו העלפן יעדן וועמ ס'האָט זיך נאָר צו איר געוואַנדן, ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט, און געקענט האָט זי טאַקע אַ סך, ווייל זי האָט אין שטאָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע אויטאָריטעט. איך האָב פּשוט נישט באַנומען ווי פון דער שטילער און שעמעוודיקער יוסטע האָט געקענט אויסוואַקסן אַזאַ פּעיִקע פּרוי.

אין דער גימנאַזיע האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף די זעלבע שטימונגען וואָס אין דער פּריִערדיקער שול. דער ביטול צו די „פּאָווּשעכניקעס" האָט אונדז באַגלייט אויך אַהער. דער אונטערשייד איז קיין מאָל נישט פאַרשוווּנדן. דאָ איז נאָך בולטער אַרויסגעטראָטן דער אונטערשייד צווישן די רייכע און די אָרעמע. די רייכע תּלמידים זענען שטענדיק געווען זיכער אַז זיי וועלן נישט איבערלעבן די „שאַנד" פון מוזן פאַרלאָזן דעם קלאַס צוליב דעם נישט באַצאָלטן שׂכר־לימוד. זיי האָבן נישט געקענט דעם צער פון אַרומלויפן פון איין שילער צום צווייטן לייען ביכער. איך האָב באַשלאָסן אַז איך מוז

ברעכן דעם מצב און צווינגען זיך צו רעכענען מיט אונדז. איך מוז דערוויזן אַז איך בין נישט ערגער פון די רייכע קינדער. מיט וואָס? מיט דערציִונג און מיט קענטעניש. איך האָב אָנגעשפּאַנט מיין גאַנצע עקשנות פאַר דעם צוועק — לערנען. לערנען פלייסיק, אין אַלע קעגנשטאַנדן.

די גאַסן זאַמאָיסקע, בערנאַרדינסקע, לובאַרטאָווסקע, נאָווע — דער שטאָטזייגער

דעם וועג אין שול אַריין — אַן ערך פינף, זעקס קילאָמעטער — פלעג איך דורכמאַכן צוויי מאָל טעגלעך, אַהין און צוריק. אויף דעם וועג פלעג איך פאַרלירן מער ווי אַ שעה. דעריבער פלעג איך אַרויסגיין גאַנץ פרי כּדי אַכט אַזייגער זאָל איך זיין אין גימנאַזיע. אָפט האָב איך אין איילעניש נישט באַוויזן עפּעס אָפּצועסן, און אויך נישט מיטנעמען מיט זיך, און איך האָב אָפּגעהונגערט דעם טאָג. דער לאַנגער וועג איז ווינטער געוואָרן נאָך לענגער. די פיס פלעגן מיר געשוואָלן ווערן פון קעלט, די הענט האָבן מיר געפראָרן פון טראָגן די ביכער, העפטן און אַ מאָל אויך דעם גימנאַסטיק־קאָסטיום.

דער וועג איז מיר גוט באַקאַנט געווען פון דער צייט ווען מיין פאָטער האָט דאָרט געהאַט דעם וואַרשטאַט. מיר, די קינדער, פלעגן מיט דער מאַמען בראש, אים טראָגן אַהין עסן. אָבער דעמאָלט בין איך געווען אַ קינד און נישט געזען דאָס וואָס האָט אויף דעם וועג זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן פאַר מיר שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן. אַלע טאָג האָב איך, גייענדיק דורך דער גאַס, אַנטדעקט אַנדערע אינטערעסאַנטע זאַכן און ערטער, וועלכע האָבן געוועקט מיין נייגער. דער לאַנגער וועג, צי איך האָב אויסגעקליבן די בערנאַדינסקע, צי די גאַסן קרולעווסקע און זאַמאָיסקע, האָט זיך פאַר מיר שטענדיק געטיילט אויף צוויי טיילן. ווען איך האָב מיך נאָך געפונען אויף דער לובאַרטאָווסקע, האָב איך גערעכנט, אַז איך בין נאָך כּמעט אין דער היים. ווען איך בין אַריבער די קראָקאָווער פאַרשטאָט, דורך דער פּיאַרסקע, אָדער קאָזיע און אַריין אויף דער בערנאַדינסקע, האָב איך דערפילט, אַז איך האָב מיך שוין שטאַרק דערווייטערט פון דער היים, און געפינען מיך שוין גאַנץ נאָענט צו דער שול. דאָס זעלבע געפיל האָב איך געהאַט, ווען

איך בין לענג־אויס דער לובאַרטאָווסקע און גאַווע אַדורך דעם שטאָטזייגער און אַריין דורך דער קרולעווסקע אויף דער זאַמאָיסקע גאַס. דאָס געפיל איז געווען געבונדן מיט מיינע אינערלעכע איבערלעבענישן, מיט דער באַקאַנטשאַפט און צוגעבונדנקייט צו די גאַסן. ביסלעכווייז האָבן די גאַסן פאַר מיר אָנגעהויבן באַקומען מער באַקאַנטע און „אייגענע״ שטריכן. די שטרעקעס האָבן אָנגעהויבן באַקומען אייגענע פאַרבן און האָבן גענומען לעבן.

איידער איך פלעג פון דער אַמאָליקער נאַמיעסטניקאָווסקע און שפּע־טערדיקער נאַרוטאָוויטשאַ אַריינגיין אויף בערנאַרדינסקע, האָב איך שטענ־דיק באַוואונדערט דעם ערשטן טורעם פון דער לובלינער וואַסער־לייטונג. (שפּעטער, ווען די שטאָט האָט באַקומען אַ מער מאָדערנע איינריכטונג, האָט מען דעם טורעם ליקווידירט). אויף דער גרענעץ צווישן נאַרוטאָוויטשאַ און בערנאַדינסקע האָט מיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן דער לערער־סעמי־נאַר, ווו יידישע מיידלעך האָבן אַפּילו נישט געטרוימט אָנגענומען צו ווערן. נאָר געציילטע יידישע מיידלעך, מיט גרויסער פּראָטעקציע, האָבן געקענט אָנקומען אין דעם סעמינאַר. דער סעמינאַר איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער גאַס מיט אייזערנע שטאַכעטן, מסתּם כּדי אונטערצושטרייכן די שווע־ריקייטן זיך אַריינצובאַקומען אַהין. איך פלעג דעם סעמינאַר פאַרבייגיין מיט אַ געפיל פון נייגער און שרעק.

נאָכן סעמינאַר האָט זיך געפונען אַ קלויסטער, וועלכער האָט מיט אַ פעסטער וואַנט ווי פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אויף בערנאַדינסקע. נאָכן קלויסטער איז געווען אַ קינאָ, וועלכער האָט עטלעכע מאָל געביטן דעם נאָמען. דער ערשטער איז געווען „זאַכענטאַ״, דערנאָך האָט מען אים גערופן „אוציעכאַ״ און לעצטנס — „גוויאַזדאַ״. אין דעם קינאָ פלעגן יידישע קינדער נישט אַריינגיין, צוליב דער אַטמאָספער, וואָס האָט תּמיד געהערשט אַרום אים. ביים אַריינגאַנג פלעגן גאַנץ אָפט פאָרקומען געשלעגן. ווייטער, נאָכן קינאָ, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן וווינהייזער. איינס פון זיי האָט געהערט צום ד״ר מאַנדעלבוים. מיט אים האָב איך מיך באַקאַנט אין עלטער פון 7 יאָר, ווען איך האָב אָנגעהויבן ליידן פון אויגן־שווינדל. ער האָט מיר דעמאָלט פאַרשריבן אַ מיטל מיטן נאָמען „העמאָגען״ און דערנאָך „העמאַטאָגען״, וואָס האָט מיך געזאָלט קרעפּטיקן. די רפואה האָט געהאַט אין זיך פאָספאָר און אייזן. אַחוץ דעם האָט ער מיר געהייסן מאַכן פאַרן שלאָפן מאַסאַזשן

מיט אַ פּייכטן האַנטעך. מיט דער רפואה האָט ער מיך שטאַרק געווונען, ווייל זי איז געווען זיס און האָט געהאַט אַן אָנגענעמען אַראָמאַט. אַלט־ווערנדיק 14 יאָר, האָב איך ווידער געמוזט אָנקומען צום דאָקטאָר. איך בין געטראָפן געוואָרן פון אַ מין פּאַראַליז פון די הענט. דער דאָקטאָר האָט מיך דאָס מאָל געהיילט מיט עלעקטריזאַציעס. אין צען סעאַנסן האָט זיך מיין קוראַציע געענדיקט, נאָר געהאָלפן האָט עס מיר נישט. ווען איך פלעג פאַרבייגיין דאָס הויז, פלעג עס מיך שטענדיק דערמאָנען מיין צרה, וואָס באַגלייט מיך כמעט מיין גאַנץ לעבן, און האָט תמיד באַגרענעצט מיין טעג־לעכע טעטיקייט. פון דעם האָבן, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, געליטן מיינע קינדער, וועלכע האָבן פון קליינוויז אָן געמוזט טאָן פאַר זיך אַ סך זאַכן וואָס איך האָב זיי נישט געקענט טאָן פאַר זיי.

די צווייטע זייט בערנאַרדינסקע האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן מיטן הויז, ווי ס'האָט געווינט דער לאַרינגאָלאָג ד״ר מעש. אים האָב איך פאַר־געדענקט צוליב אַ גאָר נישט אָנגענעמען עפּיזאָד. איין מאָל האָט מיין קליין שוועסטערל זיך אַריינגעשטופּט אַ קרעל אין דער נאָז. די קרעל האָט זי פאַררוקט גאַנץ הויך און נישט זי אַליין און נישט מיין מוטער האָט געקענט די קרעל אַרויסנעמען. אין גרויס שרעק בין איך אַוועק צו מיין פאָטער אין וואַרשטאַט. אויסהערנדיק וואָס ס'איז געשען, איז ער אַוועק אַהיים, געכאַפּט מיין שוועסטערל אויף דער האַנט און מיר זענען אַוועק צום ד״ר מעש, וואָס איז אין לובלין געווען באַקאַנט ווי דער בעסטער לאַרינגאָלאָג. אויס־געהערט וואָס ס'האָט געטראָפן האָט ער זיך גאָר נישט געאיילט צו העלפן דעם קינד. ער האָט זיך געהייסן פאַרויס באַצאָלן, אָבער אין גרויס איילעניש האָט מיין פאָטער פאַרגעסן מיטצונעמען געלט. מיין פאָטער, און איך מיט אים, זענען געווען פאַרצווייפלט, מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די קרעל זאָל נישט אַרויפקריכן ווייטער (באַקאַנטע האָבן געזאָגט אַז זי קען פאַרבלאָנדזשען אין די געהירן אַריין). אָבער דער דאָקטאָר איז קאַלטבלוטיק געשטאַנען ביי זיין פאָדערונג. מיין טאַטע האָט מיט תחנונים אים פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן באַלד צוריקקומען מיטן געפאָדערטן געלט, אָבער, אומזיסט. פלוצעם האָט ער באַמערקט אַ רינג אויף מיין פאָטערס האַנט, האָט ער געפאָדערט דעם רינג פאַר אַ משכּון... מיין פאָטער האָט לאַנג נישט געטראַכט, אַראָפּגעצויגן דעם רינג פון פינגער און אים דערלאַנגט. ערשט נאָך דעם האָט ד״ר מעש באַוויליקט די קרעל אַרויסצונעמען. די פּראָצעדור האָט געדויערט אַן אויגנ־

בליק, אָבער דאָס דינגען זיך מיט אים אין זאָרג און אין שפּאַנונג פאַרן קינד האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַן אייביקייט.

די אוממענטשלעכע באַנעמונג פונעם ד"ר מעש, וואָס איז געווען אין ווידערשפּרוך מיט דער שבועה וואָס ער האָט געגעבן ווען ער האָט באַקומען דעם מעדיקער־דיפּלאָם, און זיין ספּעקולירן מיטן מענטשלעכן געזונט און פאַרצווייפלונג האָבן מיר אים נישט געקענט מוחל זיין. איך מיין, אַז קיין גוטן נאָמען האָט דאָס אים נישט געשאַפן. אונדזערע באַקאַנטע און פריינד, האָבן אים אָנגעהויבן באָיקאָטירן. דער דאָזיקער אינצידענט איז אַריין אין די דערציילונגען פון אונדזער משפחה.

אין זעלבן הויז, מיטן ד"ר מעש, האָט געוווינט אַ פאָטאָגראַף. זיין וויטרינע מיט פאָטאָגראַפיעס פון חתונות, פון קינדער, פון לובלינער שיינ־הייטן, איז שטענדיק געווען אַן אָביעקט פון אויפמערקזאַמקייט אויפן וועג צו אונדזער שול. אַהין צו וועגס האָבן מיר זיך נישט דערלויבט אָפּצושטעלן זיך פאַר דער וויטרינע, אָבער דערפאַר צוריק וועגס אַ היים פלעגן מיר שטענדיק דאָרט זיך פאַרהאַלטן כדי צו באַוווּנדערן די פאָטאָס. ווייטער אויף דער זעלבער זייט איז געווען די אַזוי גערופענע „האַנדלוווּקע", וועלכע מ'האָט אויך גערופן קוניצקיס גימנאַזיע. קוניצקי, דער לאַנגיעריקער פ.פ.ס.ישער טוער, איז מסתם געווען איר גרינדער. אַלנפאַלס איז ער געווען איר לאַנגיאָריקער דירעקטאָר. צווישן די שילערס זענען געווען אַ צאָל יידישע יינגלעך. דער לייטער האָט קיין יידן נישט דיסקרימינירט. די אָפּצאָלן זענען אָבער דאָרט געווען הויכע און דעריבער האָבן נאָר פאַרמעג־לעכע קינדער געקענט אָנקומען אין דער גימנאַזיע. צו די שילערס וועלכע איך האָב פאַרגעדענקט פון דאָרט, האָבן געהערט צוויי ברודער מיטעלמאַן. אין יאָרן אַרום האָב איך מיך באַפריינדט מיט אַ געוועזענעם שילער פון קוניצקיס גימנאַזיע, מיטן נאָמען יוסף שפּיראָ. יוסף איז געווען אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַן „אַדלעווניע" (אַ גיסעריי), אויף זאַמאָיסקע 24, נישט ווייט פון שפּערס גימנאַזיע. מיר האָבן זיך געטראָפן ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער „זשעשעניע אַקאַדעמיקוו זשידווו" (יידישער אַקאַדעמיקער־פאַרבאַנד). ער איז דערנאָך אַוועק שטודירן קיין פראַנקרייך, ווו ער וווינט עד היום. דאָרט האָט ער איבערגעלעבט די אָקופּאַציע און, נאָך דער מלחמה, ווען ער האָט באַזוכט לובלין, האָבן מיר זיך צופעליק געטראָפן. אַחוץ איין ברודער, זענען אַלע מיטגלידער פון זיין משפחה אומגעקומען, צוזאַמען

מיט די אַנדערע ייִדן אין די היטלער־יאָרן. זיין ברודער האָב איך נישט געקענט, אָבער איך האָב געוווּסט אַז ער איז נישט פריינדלעך איינגעשטעלט צו יוספן, און צוליב אים אויך צו מיר. ער האָט זיכער מורא געהאַט, אַז יוספס סימפּאַטיעס צו דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג וועלן דערפירן צו אַרעסטן און תּפיסה. זיין מורא איז אַוודאי נישט געווען אָן אַ גרונט, נעמענדיק אין אַכט די האַרבע מיטלען פון דער מאַכט קעגן דער לינקער טעטיקייט. אַזאַ טעטיקייט האָט געקענט האָבן שווערע פאָלגן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

די קאָמוניסטישע יוגנט האָט טאַקע אויסגענוצט יוספס סימפּאַטיעס. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער דערמאָנטער אַקאַ־דעמישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַפט, אַז צוליב זיין אָפּשטאַם ווי אַ זון פון רייכע עלטערן וועט ער נישט זיין „פאַרדעכטיקט" ווי אַ לינקער, און די אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט גרויס מי דעראָבערט איר צווייטן לאָקאַל (דעם ערשטן האָט די מאַכט פאַרמאַכט) אויף לובאַרטאָווסקע, וועט קענען עקזיסטירן. ביי די שפּיראָס איז אויך געווען אַ שרייבמאַשין וועלכע מ'האָט געקענט אויסנוצן. מ'האָט אויך געקענט אינסטאַלירן אַ העקטאָגראַף אין זייערן אַ וואַרשטאַט אויף זשאַביע, כּדי צו דרוקן פלוגבלעטלעך. די אַרבעט פלעגט דאָרט אויסגעפירט ווערן אָפּט און יוספס ברודער האָט וועגן דעם געוווּסט, און פלעגט דראָען, אַז ער וועט מעלדן דער פּאָליציי. זיין דראָונג האָט ער נישט אויסגעפירט, מיר האָבן אָבער שטענדיק געלעבט מיטן געפיל פון אַ געפאַר. היטן פלעגן מיר זיך אויך פאַר אַ ברודער פון מיין חברטע יוסטע דאַווידזאָן, וועלכע האָט געוווינט אויף בערנאַרדינסקע גאַס. קען זיין אַז דער חשד וועגן זיין מיטאַרבעט מיט דער פּאָליציי האָט נישט געהאַט קיין גרונד. אָבער היטן זיך פאַר אים האָט מען געדאַרפט.

אויף דער זעלבער זייט בערנאַדינסקע האָט זיך געפונען אַ גרויס געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן. די אייגנטימערס האָבן געהייסן גראַדעל. זייערע אַ טאָכטער, פון די שיינע מיידלעך, האָט אַ ביסל סימפּאַטיזירט מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט.

אויף דער צווייטער זייט בערנאַדינסקע איז אויך געווען די טשאַרנעצקיס גימנאַזיע, אין וועלכער כ'האָב געהאַט עטלעכע באַקאַנטע שילערינס, צווישן זיי שבע פונט, אַ זייער פעיִק מיידל, וואָס האָט פאַר אירע קענטענישן אין געשיכטע געוווּנען גרויס אָנערקענונג ביים דעמאָלטדיקן לערער און שפּע־טערדיקן פּראָפעסאָר, סטעפאַן וואַיציעכאָווסקי, מיט וועלכן איך האָב מיך

נאָך דער מלחמה באַפריינדט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע קענ־טענישן אין דער יידישער געשיכטע, באַזונדערס איז ער געווען אַ קענער פון דעם אַמאָליקן יידישן לובלין. דאָרט האָט זיך אויך געלערנט איינע פון די שיינהייטן פון לובאַרטאָווסקע 19, די קליינער. צו די שילערינס האָט אויך געהערט בעלאַ געווערץ, אַ טאָכטער פונעם שפּעטערדיקן אייגנ־טימער פון קינאָ „אַפּאָללאָ" (פריִער „קאָלאָסעאום") — דאָס צווייטע לויט דער ריי, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די דייטשן. זי איז אויך געווען אַ שיין און סימפּאַטיש מיידל. זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַן עלטערן פון איר, אָבער סימפּאַטישן בחור, אַ זון פונעם שוך־סוחר אויף קראַקאָווסקע, קוראַפּאַטווע, ברודער פון דער דערמאָנטער לערערין מיינער פון שפּערס גימנאַזיע. נאָך דער מלחמה האָב איך זי געטראָפן אין לובלין. זי האָט עמיגרירט קיין פראַנקרייך און דערנאָך קיין ישראל.

דער צווייטער וואַריאַנט פונעם וועג צו דער שול האָט געפירט לענג־אויס דער לובאַרטאָווסקע, נאָווע, פּאַרביי דעם שטאָטזייגער, וועמעס ווייזערס האָבן אַן רחמנות זיך גערוקט פּאַרויס און דאָס האַרץ האָט מיך געטראָגן פון זאָרג איך זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. און טאָמער האָט ער פּאַמעלעך גענומען אויסקלינגען 8 און עס פלעגן אַרום דעם „גאַנעק" זיך באַווייזן די עטלעכע פייערלעשערס און אָפּשפּילן דעם העינאַל פון דעם מאַריאַצקע־טורעם אין קראָקע, האָב איך געוווּסט, אַז איך וועל שוין נישט באַווייזן אָנקומען צו דער צייט און אַ פּסק פון אַ לערער איז שוין אומפאַרמיידלעך. איך וועל מוזן אויסהערן אַ לעקציע וועגן פּוילקייט און אומדיסציפּלין. ס'פלעגן אויך נישט פעלן קיין דראָונגען מיט שווערע קאָנסעקווענצן, מיט ערגערע נאָטעס אויף די צייגענישן. נאָך אַזאַ מוסר־רעדע האָט מען זיך שוין אַ גאַנצן טאָג, און אָפט מאָל, עטלעכע טעג, געפילט ווי אַן אמת זינ־דיקער, אויף וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געקוקט מיט גרינגשאַצונג...
דעמאָלט פלעג איך טאָן אַלצדינג אַז איך זאָל קומען אין דער צייט. אָבער ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם זייגער אין דער ריכטיקער צייט, פלעג איך אָפּאָטעמען און אַ רויִקע אַדורכגיין די קרולעווסקע, אַ בליק טאָן צו דער באַרימטער לובלינער קאַטעדרע, אין וועלכער איך האָב קיין מאָל נישט געוואָגט אַריינצוגיין, ווייל פון איין זייט האָבן יידן אויסגעמיטן קאַטוילישע הייליקטימער, פון דער צווייטער זייט האָבן די קאַטאָליקן אויף אַ יידן געקוקט דאָרט מיט אַן אומפריינדלעך אויג. שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, האָט

מען געקענט אַנגעקלאַגט ווערן אין רעליגיע־שענדונג ווי, למשל, אַז מ׳האָט געשפּיגן אויף אַ קלויסטער, אָדער געוואָרפן עפּעס אַ זידלוואָרט. די קאַטעדרע פלעג איך פאַרבייגיין מיט אַ געפיל פון שרעק. נאָך דער קאַטעדרע האָט מען געקענט וואָרפן אַ בליק אויפן פּאַדוואַל. די גאַס האָט נישט געהאַט קיין גוטן שם. „אַנטעק ס׳פּאַדוואַלאַ״ איז געווען אַ באַליידיקונגס־וואָרט מיט וועלכן מ׳פלעגט באַצייכענען ביי יידן דעם וואָס האָט זיך נישט געפירט לויט די נאָרמעס פון אַנשטענדיקייט. די גאַס איז געווען אַ באַרגיקע, דאָרט איז מען שטענדיק געווען אין סכנה צו קריגן מיט אַ שטיין אין קאָפּ פון אַ יונגנטלעכן. ווען ביי אונדז איז געווען אַ קליין קינד, פלעג איך קומען אויף דער גאַס קויפן מילך ביי אַ פרוי וואָס האָט געהאַט אַ קו.

נאָכן פּאַדוואַל האָט זיך אָנגעהויבן די זאַמאָיסקע, דאָרט איז געווען אַ בריק, כאָטש קיין טייך האָט זיך אונטער איר נישט געפונען. די בריק האָט אויסגעגלייכט די גאַס, וועלכע האָט זיך דאָ צעטיילט ווי אויף צוויי גאַסן, איינע גלייך מיט דער בריק, די צווייטע אונטער דער בריק. לינקס, אין נידעריקן טייל, האָט זיך געפונען אַ גלחים־סעמינאַר. אַנטקעגן — עטלעכע באַוווינטע הייזער, אין וועלכע, ווי מ׳האָט געזאָגט, עס זענען געווען די נעסטן פון גאַסן־פּרויען און סוטענערן. אויף דער בריק, אין דער זעלבער זייט, האָט זיך געפונען אַ לאַנגער גאַנעק מיט עטלעכע געוועלבלעך.

די בריק אויפן וועג צו דער שול האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעוויזן זייער לאַנג און לאַנגווייליק. צוליב איר פלעג איך זעלטן אויסקלויבן דעם וועג. נאָכן בייקומען זי האָב איך געהאַט אַן איינדרוק, אַז אַ שווערע לאַסט איז אַראָפּ פון מיין האַרץ. נאָך דער בריק, אויף דער לינקער זייט, זענען געשטאַנען צוויי בענק. צוריקוועגס פון דער שול פלעגן מיר, עטלעכע שילערינס, אויף זיי אַ ביסל פאַרברענגען.

די הומאַניסטישע גימנאַזיע

צוויי יאָר זענען פאַרביי. איך האָב געענדיקט דעם זעקסטן קלאַס (פון די אַכט גימנאַזיאַלע), און ווידער פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען, אַז די שול וועט זיך ליקווידירן. מיר האָבן זיך אַלע געפילט באַדראָט, אַז מיר וועלן

דאָס לערנען מוזן איבעררייסן. די שפּעראָוועס גימנאַזיע האָט געהאַט אין יענער צייט נישט קיין גוטן שם. מ׳האָט געהאַלטן אַז דער אונטעררירכט־ניוואָ איז דאָרט געווען אַ נידעריקער, און דעריבער האָבן מיר נישט געקענט האָבן קיין גרויסע שאַנסן אָנצוקומען, מיט אונדזערע צייגענישן, אין זיבעטן קלאַס. איך בין געווען פאַרצווייפלט. אָבער די דירעקציע פון גימנאַזיע האָט זיך געווענדן צו דער צווייטער יידישער מיטלשול, דער אַזוי גערופענער, „הומאַניסטישער געמנאַזיע״, ביי דער „געזעלשאַפט צו גרינדן יידישע שולן״, אונדז אָנצונעמען אין זיבעטן קלאַס. אַ באַדינג האָט אָבער די צווייטע שול געשטעלט: מיר זאָלן האַלטן אַן עקזאַמען. דאָס איז געווען אַ האַרבער באַדינג. ער האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ פּחד. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דער עקזאַמען וועט פאַר אונדז זיין צו שווער און, אַז די האַלטונג פון די לערערס וועט זיין אַ פיינטלעכע. באַזונדערס האָט אונדז געשראָקן דער עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק. נאָך דעם לערער גלאַסבערגס פּראַקטיק האָבן מיר זיך זיך נישט געפילט גאַנץ זיכער, און מאַנדעלקערן, דער לערער פון דעם קעגנשטאַנד אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, איז, ווי מיר האָבן געהערט, געווען זייער שטרענג און געפאָדערט זייער אַ סך פון די שילערס.

דאָס איבערגיין אין דער נייער שול איז אויך געווען געבונדן מיט עקאָנאָמישע פּראָגן. דער שׂכר־לימוד איז דאָרט געווען העכער און ס׳איז שווער געווען צו באַקומען אַ הנחה, וואָס איז פאַר אַ סך געווען אַ באַדינג צו קענען פאָרזעצן דאָס לערנען.

די צוויי חדשים פון די זומער־וואַקאַציעס זענען ביי אונדז געווען חדשים פון גרויסן אָנשטרענג, שפּאַנונג, און האָבן אונדז געקאָסט אַ סך געזונט און שווערע אַרבעט. כּדי צו פאַרבעסערן די שאַנסן אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, האָבן מיר, איך און שׂרה מאַכעראָווסקע, גענומען אַ קאָרעפּעטיטאָר. דאָס איז געווען שופעל, אַ יונגער אַדוואָקאַט־אַפּליקאַנט, וועלכער האָט באַלד נאָך זיין חתונה מיט אַ זייער שיינער און סימפּאַטישער פרוי, זיך געגייטיקט אין אַ צוגאָב־פאַרדינסט. שופעל איז געווען צופרידן מיט אונדז און פאַר־זיכערט אַז מיר וועלן דעם עקזאַמען אויסהאַלטן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. גוט צוגעגרייט, איבערהויפּט אין מאַטעמאַטיק און פיזיק, האָבן מיר דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן און אַריין אין זיבעטן קלאַס. אונדזער פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן, אונדזערע עלטערן זענען געווען מיט אונדז שטאָלץ.

מיט דעם שווערן פּרווו האָבן זיך אָבער אונדזערע צרות נישט געענ־דיקט, מ׳האָט נאָך געדאַרפט אויסקעמפן אַ הנחה פאַר שׂכר־לימוד. שׂרהן איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס לייכטער געווען. ווײַל איר אָרעמקייט האָבן אַלע געוווּסט און אַן אינפאָרמאַציע וועגן איר לאַגע איז געווים איבער־געוויזן געוואָרן פון דער פּרי׳ערדיקער שול. מסתּם האָט איר אויך געהאָלפן אַ קרוב מיטן נאָמען קאַנטאָר, אַ דאָזאָר אין דער יידישער קהילה און אַ מיטגליד אין דער שול־פאַרוואַלטונג. זי האָט געקענט זאָגן ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס: „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום״. איר איז געווען גוט, זי איז געווען שטאַרק נויטבאַדאַרפטיק און האָט טאַקע די הנחה גלייך באַקומען.

ביי מיר איז די לאַגע געווען אַן אַנדערע. ווען איך בין אַנגעקומען אין דער שפּערס גימנאַזיע, איז ביי מיין פאָטער די לאַגע געווען אַ ביסל אַ בעסערע, ער האָט געהאַט אַרבעט און געפּראַצעוועט אַ סך אויסצוהאַלטן אונדזער פאַמיליע. ווען איך בין אַריבער אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע האָט זיך די לאַגע אַנגעהויבן זייער שנעל צו פאַרערגערן און איך בין די גאַנצע צוויי יאָר געווען באַדראָט דאָס לערנען איבערצורייסן. האַרט פאַר דער מאַטורע האָב איך טאַקע געמוזט בלייבן אין דער היים און ס׳האָט קיין סך נישט געפעלט, איך זאָל נישט אָפּגעבן דעם לעצטן עקזאַמען. מיין פאָטער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַלץ אָפטער לאַנגע פּעריאָדן אָן אַרבעט, און באַצאָלן פאַר מיין לערנען איז געווען פאַר אים אַ זייער שווערע לאַסט. אויסערלעך האָט מען דאָס נישט געזען. ער האָט זיך גערעכנט צו די זעלבס־שטענדיקע האַנטווערקער, מיט אַן אייגענעם וואַרשטאַט און ס׳איז נישט געווען לייכט איבערצייגן און מאַכן גלייבן, אַז זיין לאַגע איז געווען אַ שווערע. מיין פאָטער איז אויך געווען צו שטאָלץ צו דערציילן וועגן זיין סיטואַציע און בעטן אַ הנחה. אַזוי אַרום איז דאָס באַקומען די הנחה געווען נישט ווינציק קאָמפּליצירט. אָבער דאָ זענען צו הילף געקומען אונדזערע אויסגעפּרוווטע פריינד, אונדזערע שכנים: חיים־יאַנקל און מאַלטשע שפּיע־וואַק. חיים־יאַנקלס ברודער, פישל, איז געווען אַ מיטגליד אין דער פאַר־וואַלטונג פון דער „געזעלשאַפט צו גרינדן יידישע שולן״. אַ דאַנק זיין אינטערווענץ האָב איך די הנחה באַקומען און דער צווייטער באַריער אויפן וועג צו דער שול איז בייגעקומען געוואָרן. איצט איז אונדז אַלע פאַרגע־שטאַנען זיך אַקלימאַטיזירן אין דער נייער סביבה, ווערן אַנגענומען פון די לערערס און שילערס.

די לערערס

ביים אָנהויב האָבן די שילערס און לערערס אונדז באַהאַנדלט ווייט נישט גוט. אייניקע לערערס האָבן אַפילו אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פיינטלעכ־קייט און גרינגשעצונג. אַ געוויסע צאָל שילערס האָבן מיט אונדז זיך נישט געוואָלט חברן און נישט לייען קיין ביכער. דאָס איז געווען אַ גרויסע שטראָף אין אונדזער לאַגע, ווייל ביכער זענען געווען טייער און נישט יעדער האָט זיי געקענט קויפן. דער גרעסטער טייל פון די געקומענע פון שפּערס גימ־נאַזיע האָט געהאַט היגטער זיך, אין לאַטיין, צוויי יאָר לערנען פון דער פעניאַקער און פון שיפּפערן,ביידע גוטע לערערס. זיי האָבן גוט געקענט זייער קעגנשטאַנד און גוט געקענט לערנען און האָבן נישט מיט קיין לייכטער האַנט געשטעלט גוטע נאָטעס. עטלעכע שילערס האָבן געהאַט ביי זיי פּאַר־דינט פינפן און דאָס האָט געוויס באַטייט, אַז דעם קעגנשטאַנד האָבן זיי גוט געקענט. דאָס אַלץ אָבער האָט ווינציק געהאָלפן ביי געסטלערן, דעם לערער פון לאַטיין, וועלכע האָט אונדז אַרויסגעוויזן פיינטלעכקייט.

גוט צוגעגרייט זענען די שילערס געווען אויך אין פּוילישער און אַל־געמיינער געשיכטע. די פיינזילבער האָט גוט געלערנט און אַ סך געפּאָדערט, אַזוי, אַז דער מאַנדעלקערנס נעגאַטיווע באַציִונג האָט נישט געהאַט קיין גרונד. איר שטרענגקייט האָט אונדז אָפט מאָל פּאַראַליזירט, מיר האָבן נישט געקענט ענטפערן אויף פראַגן, וועלכע מיר האָבן גוט געקענט. דער לערער פון מאַטעמאַטיק האָט אויך געהייסן מאַנדעלקערן. ער איז געווען דער מאַן פון דער לערערין פון געשיכטע און אַ קוזין פון דערמאַנטן ד״ר מאַנ־דעלבוים, צו וועלכן ער איז געווען אויסערלעך ענלעך. ער האָט שוין געהאַט אַ געוויסן גרונד צו טראַכטן, אַז צו זיין קעגנשטאַנד זענען מיר נישט ווי געהעריק געווען צוגעגרייט דורכן לערער גלאַסבערג. ער האָט אָבער נישט גענומען אין אַכט, אַז אַלע האָבן דערגענצט זייערע קענטענישן אין דער צייט פון זומער. דאָס האָט די צייט דערנאָך באַוויזן. למען האמת, האָבן קיין בעסער לעבן ביי אים נישט געהאַט אויך די אַנדערע שילערס. ער פלעגט אַלע גלייך אַרויסוויזן גרינגשעצונג. ער פלעגט דעם שילער נישט שענקען קיין שמייכל, זעלטן ווען אַ בליק. מ׳האָט ביי אים שטענדיק געהאַט דעם איינדרוק, אַז קיין שילער אינטערעסירט אים נישט. ער האָט אונדז אַלע באַהאַנדלט ווי נישט אַנטוויקלטע ווערזנס, ווען ער איז געצוווגען צו שענקען זיין טייערע צייט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין אַריינקומען

אין קלאַס און זיין אַרויסגיין. ער פלעגט פּלוצעם זיך באַוויזן אין דער טיר, און אַלע מאָל נישט ווען מיר האָבן אים דערוואַרט. נישט קוקנדיק אויף אונדז פלעגט ער אַרויפלויפן אויף דער קאַטעדרע און אָנהויבן קאָנטראָלירן די אָנוועזנהייט פון די שילערס. דערנאָך, אָן איבערגאַנג, פלעגט ער פאַר־הערן די פאַרגעבענע לעקציע און פאַרלייענען די נייע, נישט אינטערעסירנ־דיק זיך צי מיר האָבן זיך דעם מאַטעריאַל צוגעאייגנט. ווען ס'האָט זיך געלאָזט הערן דער קלאַנג פון גלאָק, וועלכער האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון דער לעקציע, פלעגט ער „אַראָפּפאַלן" פון דער קאַטעדרע און אַרויסלויפן פון קלאַס. זיינע קלאַס־אַרבעטן זענען שטענדיק געווען שווערע. מיר האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט, וועלכן מאַטעריאַל ער וועט נעמען. דערפאַר האָבן מיר נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט בעסער זיך צוצוגרייטן. זיינע אָפּשאַ־צונגען זענען שטענדיק געווען האַרבע. צווישן די שילערס האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ שלעכטן פּעדאַגאָג, כאָטש זיין קעגנשטאַנד האָט ער גוט געקענט. ביי אים האָב איך פאַרגעסן אַ סך פון דעם וואָס כ'האָב פריִער געקענט. קיינער איז פאַר דער מאַטורע נישט געווען זיכער, אַז ער איז גוט צוגע־גרייט.

זיין פרוי, דאָקעגן, האָט זיך שטענדיק גוט צוגעגרייט צו די לעקציעס. זי האָט גרינטלעך פאַרגעלייגנט דעם נייעם מאַטעריאַל, אָפט מאָל אָנגעקניפּט צו דעם אַלטן, געשטעלט פאַרשידענע פראַגן מיטן ציל צו דערמאָנען אַלץ וואָס מיר האָבן פריִער געלערנט. זי האָט מיט אונדז באַהאַנדלט פאַרשידענע טעמעס און מיט אונדז געמאַכט איבערבליקן איבער דער גאַנצער געשיכטע. אַזעלכע טעמעס האָבן מיר אויך צוגעגרייט שריפטלעך אַלס היים־ אָדער קלאַס־אַרבעט. מיט איינער אַזאַ טעמע, „די אַנטוויקלונג פון דער קייסער־לעכער מאַכט אין פוילן און אין פראַנקרייך", האָב איך געוווּנען איר אָנער־קענונג. זי האָט די אַרבעט אָפּגעשאַצט אַלס איינע פון די בעסטע אין קלאַס. פון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף מיר מיט אַ בעסער אויג. וואַר־שיינלעך האָט זי איינגעזען, אַז אויך די שילערס, געקומענע פון דער שפּערס גימנאַזיע, זענען עפּעס ווערט. פון דעמאָלט אָן פלעגט זי אויך זיך ווענדן צו אונדז מיט פראַגן, אויף וועלכע נישט אַלע האָבן געקענט ענטפערן. זי האָט ליב געהאַט צו איבן אונדז אין קענטעניש פון פאַרשידענע וויכטיקע געשיכטע־דאַטעס, איך האָב אַ סך פון זיי פאַרגעדענקט. מיט דעם האָב איך אויך זי געוווּנען. צו געווינען איר אָנערקענונג איז געווען זייער וויכטיק,

ווייל איר ראָל אויף די לערער־קאָנפערענצן איז געווען דעצידירנדיק פאַרן אָפּשאַצן די שילערס.

אין שול האָט זיך געפונען אַ צווייטע לערערין פון געשיכטע מיטן נאָמען מאַנדעלסבערג. זי האָט געלערנט אין די נידעריקע קלאַסן און, טראָץ דעם וואָס זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פאָרשונג און, האָט איר קעגנשטאַנד גוט געקענט, האָט זי קיין מאָל נישט פאַרנומען אַזאַ פּאָזיציע אין דער שול ווי קלאַראַ מאַנדעלקערן. די מאַנדעלסבערג האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט אַ בוך, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און אויך מיט איר חתונה מיט אַן אָרעמען בחור, אַ שניידער פון פאַך, און אַ ציוניסטישער טוער, שילדקרויט. ער איז געווען אַ זייער שיינער, אָבער אָרעמער בחור. זי דאַקעגן, איז געווען פאַרמעגלעך פון דער היים, און גוט איינגעאָרדנט.

די פּויליש־לערערין, ד"ר מאַריאַ טעוועל, איז אָנגעקומען אין שול ווען איך האָב שוין דאָרט געלערנט. זי איז געווען ביים אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, זי האָט ביי די שילערס באַלד פון אָנהייב געוועקט רעספּעקט. געווירקט נישט ווייניק האָט איר אויסזען און איר האַלטונג. זי האָט זיך געקליידט און געקעמט איינפאַך. די האָר זענען געווען געשוירן לענגער, ביז די אַקסלען. געקעמט האָט זי זיי אַרויף, אָבער זיי פלעגן שטענדיק זיך פונאַנדערפאַלן איבערן שטערן. דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ „פילאָזאָפישן" אויסזען. אַזוי פלעגן עס דעמאָלט באַצייכענען די שילערס. זי האָט תמיד זיך באַמיט צו זיין אומבאַווירקבאַר, און מיר האָבן נישט געוואָגט זיך צו איר דערנענטערן. זי האָט איר קעגנשטאַנד געוויס געקענט, אָבער אירע לעקציעס זענען געווען עטוואָס „טרוקענע", זי האָט ווינציק געוועקט אונדזער פאַנטאַזיע. געפאָדערט האָט זי פון אונדז זייער אַ סך און אירע אָפּשאַצונגען זענען געווען שטרענגע. גאָר שטרענג פלעגט זי אָפּשאַצן די שריפטלעכע אַרבעטן, אַזוי אין קלאַס ווי די פאַרגעבענע אַהיים. פאַר דער מאַטורע האָט זי מיט אונדז זייער אַ סך געאַרבעט און גרינטלעך צוגעגרייט צו עקזאַמען פון פון דער געשיכטע פון דער פּוילישער ליטעראַטור. זי האָט אויך באַאַרבעט מיט אונדז געוויסע טעמעס, וואָס זי האָט געטראַכט, אַז מען וועט זיי קענען פאַרגעבן ביי די מאַטורע־עקזאַמענס. אין דער צייט האָט זי אויך אָרגאַניזירט אַ קרייז פון ליטעראַטור־ליבהאָבערס. איינע פון די טעמעס, וועלכע מיר האָבן אָדורכגעמאַכט איז געווען אַ פאַרגלייכונג צווישן איבסענס העלד פונעם „פאָלקס־

פיינד" און זשעראַמסקיס יודים פון די „הימלאַזע". די טעמע האָב איך אויך געהאַט ביים פאַרהער אויף דעם לעצטן עקזאַמען אין דער שול. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זי ווייט נישט געווען גלייכגילטיק צו אונדזער גורל. זי האָט זיך באַמיט צו טאָן אַלץ וואָס ס'איז געלעגן אין אירע מעגלעכקייטן, אונדז גוט צוצוגרייטן צום שווערן מאָמענט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעוועל דערמאָנט זיך מיר נחמן בלומענטאַל, דער לערער פון פילאָזאָפיע, אַ קעגנשטאַנד וואָס האָט אין דער שול נישט געהאַט קיין באַזונדער אַנזען. ס'איז מיר שווער צו זאָגן פאַר וואָס ?... ווי עס זאָל נישט זיין, פילאָזאָפיע האָבן די שילערס נישט גענומען ערנסט און נישט באַמיט זיך זי צו באַהערשן. די לערערס פון אַנדערע לימודים האָבן אָפט מאָל אויסגענוצט פאַר זיך די שעהען, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר פילאָזאָפיע. בלומענטאַל, אַ „ווייכער" מענטש, האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַנטקעגנצו־שטעלן. אַוודאי איז דער קעגנשטאַנד, ווי באַוווּסט, נישט געווען פון די לייכטע און צוגענגלעכע, אָבער ער האָט די לעקציעס קיין מאָל פאַר אונדז נישט באַשווערט. ער האָט שטענדיק מיט אַן אויסערגעוויינלעכער געדולד דערקלערט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און באַמיט זיך צו באַנוצן ווי ווייט מעגלעך אַ צוגענגלעכע שפּראַך. ער האָט קיין מאָל נישט געהויבן דאָס קול אויף אַ שילער, און איז גרייט געווען צו העלפן. ביים פאַרהער פלעגט ער שטענדיק מוטערן דעם שילער מיטן שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ.

בלומענטאַל האָט אויף זיך גענומען פרייוויליק די פליכט צו לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור. ער האָט אָרגאַניזירט אַ קרייז און באַמיט זיך אונדז צו באַקענען מיט דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. דעם קרייז האָט ער געפירט אָן שום געהאַלט. ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. צוליב זיינע נייגונגען און יידיש־ליבשאַפט איז ער געווען אַ מיטגליד פון דעם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" אין ווילנע, וועלכן ער האָט צווישן אונדז פּאָפּולאַריזירט. זיין טעטיקייט איז נישט געפעלן דעם דירעקטאָר, וועלכער האָט געוואָלט פון דעם ליבעראַלן לערער פּטור ווערן. אין דער צייט בין איך שוין אין דער שול נישט געווען, אָבער איך האָב מיטגעהאָלפן אין דער פּראָטעסט־אַקציע קעגן די פּרוּוון בלומענטאַלן צו באַזייטיקן פון זיין פּאָסטן. אין דער אַקציע האָט אָנטיילגענומען אַ גרויסע צאָל אַביטוריענטן פון דער שול, וועלכע

האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין לאָקאַל אויף לובאַרטאָווסקע 13. ס׳איז דאָרט אַנוועזנד געווען אויך אַ פֿאַרשטייער פֿונעם „לובלינער טאָגבלאַט״, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, יאַנקעלע ניסענבוים, וועלכער האָט וועגן דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג געשריבן אין זיין צייטונג. די אַקציע האָט טאַקע געהאָלפֿן און דער לערער איז אין דער שול געבליבן. איך דערמאָן דעם האַרציקן בלומענטאַל נאָך דער טעוועל נישט צופֿעליק. זיי האָבן אומגעריכט פֿאַר אַלע באַקאַנטע, חתונה געהאַט. ווען די ידיעה אַז זיי האַלטן ביי חתונה האָבן האָט זיך פֿאַרשפּרייט, האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן. ביידע, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, זענען געווען פֿאַרשידענע כאַראַקטערן מיט פֿאַר־שידענע אינטערעסן, פֿון פֿאַרשידענעם אָפּשטאַם און סביבה. ס׳איז געווען שווער צו באַטראַכטן זיי ווי אַ פֿאָרפֿאָלק. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ פֿולקאָם אַסימילירטער, ווייט פֿון דער יידישער שפּראַך און קולטור, ער — פֿאַרקערט — אַן אַקטיווער יידישיסט מיט אַן ערנסטן און רייכן יידישן קולטור־פֿאַרנעם. זי איז געווען, לויט אונדזער אָפּשאַצונג, אַ „טרוקענע״ אינטעלעקטואַליסטין; ער — אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געריכט לויט געפֿילן. זי — אַ צוציִענדיק־חנעוודיקע פּרוי, ער — אַ מאַן, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט זיין אויסזען, ס׳איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן, אַז זיי קענען זיך פֿאַרבינדן, און דאָ, פּלוצעם, אַ ידיעה, אַז זיי האַלטן ביי אַ חתונה. דאָס פֿאָרפֿאָלק, ווי מ׳האָט דערנאָך געזען, האָט זיך געפֿילט גליקלעך. צוויי איינזאַמע מענטשן האָבן פּלוצעם דערפֿילט, אַז זיי האָבן אַ סך געמיינ־זאַמס וואָס שאַפֿט אַ האַרמאָנישע פֿאַמיליע, אַ טרייסט אין שווערע מאָמענטן. צום באַדויערן, האָט זי, די טעוועל, געטיילט דעם גורל פֿון די יידן אין די געטאָס, בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע, ער — אַן איינזאַמער, האָט נאָך דער מלחמה זיך געפֿונען אין וואַרשע, שפּעטער, זיך באַזעצט אין לובלין, און געהאָלפֿן אויפֿשטעלן די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּוילישע יידן, און אויך באַשטימט געוואָרן פֿאַר איר דירעק־טאָר. ער איז עולה געווען אין 1950, און אויפֿגעשטעלט דעם אַרכיוו, דעם מוזיי און פֿאַרלאַג פֿון קיבוץ „לוחמי הגיטאות״. פֿון 1954 איז ער געווען וויסנשאַפֿטלעכער רעדאַקטאָר פֿון די אויסגאַבעס פֿון „יד־ושם״, צוגעגרייט פּראָטאָקאָלן פֿון די יודענראַטן אין ביאַליסטאָק און פֿון לובלין, רעדאַגירט דאָקומענטן פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ער האָט צונויפֿגעשטעלט און צוגעגרייט צום דרוק ביי 20 יזכור־ביכער, צווישן זיי — דאָס באַטייטיקע

בוך וועגן לובלין. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען זיין בוך: „ווערטער און ווערטלעך פון דער חורבן־תקופה".

פערענהאָף, דער לערער פון פיזיק, איז געווען אַ יונגער, הויכער, גוט געבויטער יונגערמאַן. צוליב זיינע אייגנשאַפטן איז ער געווען אַן אָביעקט פון פאַרמעסט צווישן זיך און „אַטאַקן" פון די קלאַס־שיינהייטן, אָבער צוליב זיינע רויטלעכע האָר און זיין פנים מיט אַ רויטלעכן ניואַנס מיט העלע ברעמען און ווּעס, האָט ער געוועקט דעם „פאַרדאַכט" אַז ער איז אַ מענטש פון וועלכן מ'קען דערוואַרטן דאָס ערגסטע, און דערפאַר דאַרף מען זיך פאַר אים היטן און פרווון, אויב נישט „אַנטוואָפענען" אים, איז כאָטש ניי־טראַליזירן, אָנטאָן אים פאַרשידענע שפּיצלעך און צרות. אין יענער צייט איז געווען זייער פּאָפּולער דער שלאָגער: „געל דער פאָטער, געל די מוטער, אויך דאָס קינד איז געל"... דאָס לידל פלעגט מען אָפזינגען פאַר זיינע לעקציעס. אים האָט עס נישט באַרירט און נישט געשאַדט. ער איז געווען אַ זייער פעיִקער לערער, דעם שווערסטן מאַטעריאַל פלעג ער צוטראָגן צוגענגלעך, אַזוי אַז אַפילו די שוואַכסטע שילערס פלעגן פאַרשטיין. ס'האָט אָבער געטראָפן אַז ער האָט זיך נישט צוגעגרייט צו דער לעקציע. דעמאָלט פלעגט ער אימפּראָוויזירן, אויסנוצנדיק זיין טאַלאַנט צו פּאָפּולאַריזירן דעם מאַטעריאַל. ער האָט געקענט באַווייזן אַלץ אין דער וועלט, אַפילו פאַלשע טעאָריעס. פלעגט זיך אָבער מאַכן אַז די בעסערע שילערס פלעגן אים כאַפּן ביי דער האַנט און אים באַווייזן, אַז ער איז זיך טועה... פלעגט ער דעמאָלט ווערן נאָך רויטער אויפן פנים און דער קלאַס האָט געשעפּט נחת שטילער־הייט. אָפן האָט מען נישט געוואַגט. פאַרט אַ לערער, און די „צווייען" זענען געווען אין זיינע הענט. איך ווייס נישט פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען אַ ידיעה, וואָס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די שילערס, אַז ער באַזוכט נאַכט־לאָקאַלן, אַ גרויס „פאַרברעכן" אין די אויגן פון אַ סך דערצויגענע לויט די גוטע, אַמאָליקע בירגערלעכע באַגריפן. אויף וויפל אייניקע זייטן פון זיין פּריוואַטן לעבן האָבן געשטימט מיטן אמת איז שווער צו זאָגן. מ'האָט אים צוגעשריבן „אַלדאָס בייז", און דאָס האָט נישט געשטערט, אַז אַ סך מיידלעך זאָלן זיין אין אים „שטערבלעך" פאַרליבט און האָבן מיט אַלע מיטלען געוואָלט געווינען זיין אויפמערקזאַמקייט צו זיך. זיי איז אָבער דאָס נישט געלונגען. צו זיין לויב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיין אויפ־פירונג אין באַצוג צו די שילערינס איז געווען שטענדיק קאָרעקט.

פערענהאָף האָט אונדז נאָר געלערנט אין זיבעטן קלאַס, דעם אַכטן האָט איבערגענומען די איבעראַל. זי האָט זיך גערעכנט צו די בעסערע לערערס. צו אירע קענטענישן האָט די דירעקציע געהאַט מער צוטרוי און פלעגט איר אָנפאַרטרויען דאָס צוגרייטן שילערס צו דער מאַטורע. זי איז שוין דעמאָלט געווען ביי די פערציק. אירע שוואַרצע האָר האָבן שוין אָנגע־הויבן ווייזן גרויע צייכנס, אָבער איר פּנים האָט געהאַט אַ געזונטן, פרישן קאָליר. אויף אירע ליפּן האָט זי שטענדיק געהאַט אַ שמייכל, וואָס האָט אָבער נישט געוועקט קיין צוטרוי און נישט עדות געזאָגט וועגן צוגעלאָזנ־קייט. אין באַציִונג צו די שילערס איז זי געווען זייער שטרענג און האָט אַ סך געפאָדערט. קיין גרויסע פעדאַגאָגישע פעיִקייטן האָט זי נישט געהאַט. אין דעם זין האָט דער פריִערדיקער לערער זי איבערגעשטיגן. אָבער אַ שם האָט זי געהאַט אַ גוטן. מעגלעך אַז איר שטרענגקייט און אירע האַרבע פאָדערונגען פון די שילערס האָבן איבערגעוויגן ביי דער פאַרוואַלטונג.

געסטלער, דער לערער פון לאַטיין, אַן עלטערער און גרויער מאַן מיט אַ גרויסן פּליך, וועלכן ער האָט זיך באַמיט צו פאַרדעקן מיט די איינציקע האָר, איז געווען אַממערסטן נעגאַטיוו געשטימט צו דער גרופּע שילערס פון שפּערס גימנאַזיע. געוויס האָבן אים די נייע שילערס פאַרשאַפט געוויסע שוועריקייטן. ער האָט געמוזט זיך מיט זיי באַקענען. זיי האָבן באַטייט פאַר אים מער אַרבעט, וועלכע האָט אים ווינציק אינטערעסירט און איז אפשר שוין געווען צו שווער פאַר זיין עלטער. ס'האָט געדויערט ביז ער האָט אונדז אַקצעפּטירט אין אַ געוויסער מאָס. אין גאַנצן גלייכבאַרעכטיקט מיט זיינע פריִערדיקע שילערס זענען מיר ביי אים קיין מאָל נישט געוואָרן, אַפילו ווען צווישן אונדז זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט ווינציקער געקענט און אַפילו איבערגעשטיגן די „אַלטע״.

קאָרן, דער לערער פון העברעיִש און ייִדישער געשיכטע, אַ יונגער שטילער און רויִקער מאַן, האָט די לעקציעס זיינע געפירט מיט גרויס גלייכגעוויכט, מיט זעלבסבאַהערשונג און מילדקייט. מיט זיינע אייגנשאַפטן און קענטענישן האָט ער ביי אונדז געוווּנען אָנערקענונג. אויף זיינע לעקציעס האָבן מיר געקענט דייטלעך אָפּשאַצן, ווי ווייט לייבעלע שפּער, אונדזער לערער אין דער פריִערדיקער גימנאַזיע, האָט אונדז פאַרנאַכלעסיקט, צוליב וואָס עס זענען געשאַפן געוואָרן בלויז אין אונדזערע קענטענישן פון די צוויי דערמאָנטע קעגנשטאַנדן.

יובעל, דער לערער פון גימנאַסטיק, איז וואַרשיינלעך גלייך מיט אונדז אַריבער אין דער נייער שול. וועגן אים האָב איך שוין געשריבן.

דאָס בילד פון לערער־פּערסאָנאַל וואָלט ווייט נישט געווען קיין פולס, ווען איך זאָל נישט דערמאָנען די „מאַדאַם" לעווין, די לערערין פון פראַנצויזיש. די באַצייכענונג „מאַדאַם" האָט ביי אונדז געהאַט אַ ספּעציעלן אינהאַלט און איז געווען אַ סך רייכער ווי דער פראַנצויזישער טייטש פונעם וואָרט. ביי אונדז האָט זיך איר צונאָמען גענומען פון דער ראָל וואָס זי האָט תּמיד געשפּילט אין באַצוג צו אונדז אַלס אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וועלכע איז געווען געצוווּנגען זיך צו דערנידעריקן און לערנען אַזעלכע „טויגענישטן" ווי מיר. זי פלעגט אין פאַראַכטונג זאָגן, אַז קיינע וועט אונדז נישט וועלן „נעמען", דאָס הייסט נישט וועלן חתונה האָבן מיט אונדז. איר צווייטער באַליבטער אויסדרוק, מיט וועלכן זי פלעג אונדז וועלן דערשלאָגן, איז געווען, אַז „מיר קענען טאַנצן נאָר פונעם פענצטער ביז דער טיר, ווייטער גרייכן שוין נישט אונדזערע קענטענישן". דאָס האָט באַדאַרפט באַדייטן, אַז מיר באַגרייפן גאָרנישט, און אַז מיר קאָנען אין בעסטן פאַל מעכאַניש עפּעס וואָס „אויסקוואָקען". אירע צייגענישן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט ציפערן אונטער „זעראָ". אַ „צוויי" האָט שוין געהערט צו די גוטע אָפּשאַצונגען. אין איר פאַראַכט איז געווען עפּעס פון סאַדיזם. ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז זי האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין אונדז פאַר אַלע אירע דורכפאַלן אין לעבן, באַזונדערס פאַר איר קינדלאָזיקייט. אירע לעקציעס זענען שטענדיק פאַר אַלע געווען אַן אָפּקומעניש. אַממערסטן האָבן מיר געמוזט אויסשטיין, ווען זי פלעגט דורכקוקן אונדזערע שריפטלעכע היים־אַדער קלאַסן־אַרבעטן. זי האָט קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט, און מיט פאַרגעניגן חוזק געמאַכט פון יעדן גרייז, פון יעדן נישט געלונגענעם אויסדרוק. נאָך אַזאַ לעקציע האָבן מיר אַלע זיך געפילט פאַרלאָרן און אָן שום האָפענונג עפּעס צו קענען דערגרייכן. ס'איז פאַרשטענדלעך פאַר וואָס די שילערס האָבן געפּרוּווט זיך ווערן קעגן איר „איינעסן זיך אין די ביינער". דאָס איינציקע „געווער" אין דעם פאַל איז געווען אָפּצולאַכן פון אירע שוואַכע זייטן, הויפּטזאַכלעך פון אירע גרייזן אין דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע זי האָט נישט באַהערשט פולקאָם, צוליב איר אָפּשטאַם פון רוסלאַנד. ווען זי האָט געהאַט דאָס „אומגליק" אָנצוווענדן אַ נישט געהעריקע אויסדרוק־פאָרם, אָדער אַ וואָרט, איז די פרייד אין קלאַס געווען זייער גרויס. מ'פלעגט

איר, לויט איר מוסטער, גאָר נישט שענקען און געבן איר, לויט די פעלערן, אַנטשפּרעכיקע צונעמען. פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער אַרסענאַל מיטן געווער איז אויסגענוצט געוואָרן אין געהיים, ווייל אָפן האָט קיינער נישט געוואָגט איר מאַכן אַ באַמערקונג.

פּאַסטערנאַק, דער דירעקטאָר פון דער שול, איז געווען אַ שרעקפיגור. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט. ער איז געקומען אין שול אַריין נאָכן לערערשטרייק, צוליב וועלכן די שול האָט פאַרלוירן די רעכט, ד.ה. די שילערס האָבן געמוזט באַלייגן דעם מאַטורע־עקזאַמען פאַר אַ פולקאָם פרעמדער קאָמיסיע פון בילדונג־מיניסטעריום. פּראַקטיש האָט דאָס באַטייט, אַז זיי האָבן כמעט נישט געהאַט קיין שאַנסן דעם עקזאַמען אויסצוהאַלטן. עס זענען געווען נישט עטלעכע פאַלן ווען די קאָמיסיע האָט דיסקוואַליפיצירט די פעיִקסטע שילערס און זיי זענען געווען געצוווּנגען מיט גרויס מאַטערניש דעם עקזאַמען עטלעכע מאָל איבערצוגיין אָן אַ גינציקן רעזולטאַט. אַזוי איז, צום ביישפּיל, געשען מיט לאָווע ביאַלאָסטאָצקי. ער האָט ערשט אין יאָר 1932 (ווען די שול האָט צוריק באַקומען די רעכט) באַלייגט דעם עקזאַמען דאָס פערטע מאָל כדי צו באַקומען די מאַטורע. פּאַסטערנאַק איז געקומען מיט דער אויפגאַבע צוריק אויסצוקעמפן די רעכט פאַר דער שול. ער האָט זיך גענומען צו דראַסטישע מעטאָדן. אַלע לערערס און שילערס, וועלכע זענען מיט עפּעס וואָס געווען פאַרדעכטיקט, אַז זיי האָבן סימפּאַטיזירט מיטן שטרייק, זענען געוואָרן באַזייטיקט. באַזייטיקט האָט ער אויך נאָך אַנאַנד אַלע, וועלכע האָבן געהאַט אַ ביסל ראַדיקאַלערע איבערצייגונגען. מען פלעגט אַפילו שמועסן, אַז ער האָט צווישן די שילערס געשאַפן אַ געוויסע שפּיאָן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אים געזאָלט אינפאָרמירן וועגן דער האַלטונג פון די שילערס. זיינע מעטאָדן האָבן אַרויסגערופן אַ ווידערווילן, אָבער זיין לאַגע איז אויך נישט געווען קיין לייכטע. ער האָט געהאַט אויסצוקלייבן צווישן פאַרמאַכן די שול און אויפהאַלטן זי פאַר יעדן פּרייז. דאָס יאָר 1931/2 איז געווען דאָס ערשטע, ווען די שול האָט באַקומען רעכט צו אַן אייגענער מאַטורע־קאָמיסיע מיט אַ דעלעגאַט פון מיניסטעריום אַלס פאָרזיצער און באַרעכטיקט צו שטעלן פאַרשידענע פראַגן לויט זיין איינזען. דער דעלעגאַט פון מיניסטעריום האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ מילדער מענטש און באַמיט זיך נישט באַזונדערס צו באַשווערן די לערערס און די שילערס. בלויז 2 פון 42, חיים־יהושוע

ראָזענבערג און מאַניע האַלבערשטאַט, (אַ טאָכטער פון שלמהלע האַלבער־שטאַט, דער פּרעזעס פון דער קהילה) האָבן דעם מאַטורע עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט פּאַסטערנאַקן האָט זיך מיר פאַרגעדענקט נאָך אַ פאַקט, וועלכער האָט געקענט עדות זאָגן, אַז ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע, וועלכע האָט געהאַט גוטע קאָנטאַקטן מיט דער מאַכט אין יענער צייט, וואָס האָט צו ייִדן זיך נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקן חסד.

דאָס האָט געקענט זיין אין יאָר 1930, קיין לובלין איז געקומען דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט איגנאַצי מאָשטשיצקי. ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָט די שוליוגנט געזאַמלט זיך אויפן פּלאַץ פאַרן טריבונאַל, ווו עס פלעגן פאָרקומען אַלע אָפיציעלע מלוכישע פייערלכקייטן. מאָשטשיצקי איז דעמאָלט אויפן פּלאַץ אַדורכגעגאַנגען די רייען פון די שילערס און האָט אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער מיט די דירעקטאָרן. ווען ער איז צוגעקומען צו אונדז, האָט ער פּאַסטערנאַקן גאָר פריינדלעך באַגריסט, דערמאָנענדיק, אַז ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם כעמיקער. מאָש־טשיצקי איז געווען פּראָפעסאָר אויף דעם געביט. די האַנדלונג פונעם פּרע־זידענט האָט אַרויסגערופן פאַרשידענע קאָמענטאַרן צווישן די שילערס. געוויסע האָבן געהאַט אַ געפיל פון שטאָלץ, אַנדערע האָבן געזען אַ צייכן, אַז די סיטואַציע פון דער שול האָלט זיך ביי פאַרבעסערן. אַלנפאַלס איז דער פאַקט געווען אַן אָביעקט פון פאַרשידענע לאַנגע דיסקוסיעס.

אַ צווייטער פאַקט איז שוין געבונדן מיט מיר גופא. האַרט פאַר דער מאַטורע איז מיין פאָטער נישט געווען בכוח צו באַצאָלן דעם שׂכר־לימוד. ס'האָט מיר געדראָט נישט צוגעלאָזט צו ווערן צום לעצטן אַזוי גערופענעם מאַטורע־עקזאַמען. עטלעכע וואָכן בין איך אין שול נישט געגאַנגען צוליבן חוב. איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַנווענדן צו זיין אויף די רעפּעטיציעס פון אַלע קעגנשטאַנדן. פּאַסטערנאַק האָט דאַן אַרויסגערופן מיין פאָטער און אים אויפגעפאָדערט צו באַצאָלן דעם חוב. ווען מיין פאָטער האָט אים דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין שום מעגלעכקייטן, האָט פּאַסטערנאַק אים פאָרגעשלאָגן אונטערצושרייבן אַ וועקסל אויף דער סומע. ער האָט פאַר מיין פאָטער דערקלערט, אַז ער וויל נישט דערלאָזן, אַז איינע פון די זיכערע מאַטורעס זאָל אַוועקפאַלן. וואַרשיינלעך איז הינטער זיין „נאָכגיביקייט" געלעגן טאַקע דער ווילן צו באַווייזן זיך מיט גוטע שילערס.

און אפשר האָט ער אויך נישט געוואָלט פּשוט אַ שילער זאָל אַוועקפאַלן בלויז צוליב געלט־סיבות. קענענדיק זיין האַרבקייט, ווען מען האָט אַ מאָל געבעטן אָפּצולייגן דעם חוב, איז שווער צו גלויבן אין אַזעלכע מאָטיוון. אַזוי אָרום האָב איך מיך צוגעשטעלט צו דער מאַטורע און דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

וועגן פאַסטערנאַקס אומברחמנותדיקער האַנדלונג קען עדות־זאָגן די פאַלגנדיקע האַנדלונג זיינע. אין איינעם אַ שפּעטן אָונט האָבן זיך אַ גרופּע שילערס פון דער הומאַניסטישער און סטאַשיץ־גימנאַזיעס פאַרזאַמלט אין דעם נישט טעטיקן צו יענער צייט שטערנפינקלס בראָוואַר אויף בראָוואַרנע גאַס. צווישן די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געפונען די קוזינען יהודה און משה שטערנפינקל, דער לעצטער, אַ זון פון די אייגנטימערס, ריוועטשע ווייס, אַ טאָכטער פון אַ הויז־פאַרוואַלטער און איינוווינער פונעם „ספּולדאַם" (אַ קאָאָפּעראַטיוו־הויז) אויף פּראַבאַסטווע גאַס, אַלע, שילערס פון דער הומאַ־ניסטישער גימנאַזיע, גאָלדמאַן און נאַטעק אַקערמאַן פון סטאַשיץ און אַנ־דערע, וועלכע איך האָב נישט פאַרגעדענקט. זיי האָבן געזאָלט אויספירן עפּעס אַן אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער שוליוגנט. דער בראָוואַר איז געלעגן אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט פון דער גאַס, אין אַ גרויסן הויף, ווו זעלטן ווער פלעגט אין אָונט אַדורכגיין. אָבער דאָס מאָל האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז משהס פאָטער זאָל אַדורכגיין לעבן בראָוואַר און הערן שטימען פון אינעווייניק. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און שנעל געמאָלדן דער פּאָליציי, זייענדיק זיכער, אַז גנבים געפינען זיך אויף „אַ שטיקל אַרבעט" אין בראָ־וואַר. צו זיין פאַרצווייפלונג און איבערראַשונג האָט ער צו שפּעט זיך געכאַפּט ווער די „גנבים" זענען געווען. די קאָנסעקווענצן קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן. אַלע אַנוועזנדיקע שילערס פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע זענען לויטן באַשלוס פון פאַסטערנאַקן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער שול. אַזוי אָרום האָט דער דירעקטאָר געטראַכט אָפּצווישן דעם „פלעק" אַז די שול געפינט זיך כּלומרשט אונטער דעם איינפלוס פון דער קאָמו־ניסטישער יוגנט. ס'האָט נישט געהאָלפן, אַפילו דאָס וואָס די שילערס האָבן זיך גערעכנט צו די פעיִקסטע און זענען געשטאַנען פאַר דער מאַטורע. די קינדער האָבן געמוזט זוכן ערטער אין אַנדערע שולן, אויסער לובלין. עטלעכע זענען געפאָרן קיין מעזריטש, אַנדערע — קיין זאַמאָשטש, ווו זיי האָבן די עקזאַמענס באַלייגט מיט דערפאָלג. אָבער נאָך די געשעענישן אין בראָוואַר און דעם אויסשליסן זיי פון דער שול, זענען זיי שוין געווען אָפּן

געסטעמפּלט ווי קאָמוניסטן און האָבן געהאַט צרות מיט דער פּאָליציי. משהס פאָטער האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט שענקען, וואָס ער האָט, נישט ווילנדיק, אָפּגעשפּילט די ראָל פון אַ מסור. יהודה און ריוועטשע זענען נישט לאַנג דערנאָך אַוועק קיין וואַרשע, פון וואַנען יהודה האָט עמיגרירט קיין פראַנקרייך, כּדי פּטור צו ווערן פון דער פּאָליציי און פון דעם דראָענדיקן פּראָצעס. ריוועטשע האָט נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה זיך געפונען אויף דער סאָוויעטישער זייט. זי איז וואַרשיינלעך דאָרט אומגעקומען און האָט שוין מער יהודהן נישט געטראָפן. דער גורל האָט דאָס פּאָרפּאָלק, וועלכעס איז געווען לאַנגיאָריק צוזאַמענגעבונדן, צעשיידט. דעם ערשטן באַוווסטזיניקן „קלאַפּ״ האָט זיי געגעבן פּאַסטערנאַק.

מיט ריוועטשען בין איך געווען אין קאָנטאַקט, ווען זי האָט זיך, בעת דער מלחמה, געפונען אין לעמבערג און איך אין וויטעבסק. זי האָט מיך דאַן געבעטן איך זאָל מיך פאַרנעמען מיט די קינדער פון איר אַ מומע, וועלכע האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון וויטעבסק. די מוטער זייערע האָט מען געמוזט נעמען אין אַ פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל און די קינדער זענען געבליבן אַליין. זיי זענען געווען ביי מיר עטלעכע וואָכן ביז אַ שליח פון ריוועטשען האָט זיי גענומען קיין לעמבערג. וואַרשיינלעך האָבן זיי צוזאַמען מיט ריוועטשען געטיילט דעם גורל פון אַנדערע ייִדן. דער זעלבער גורל האָט געוויס געטראָפן זייער מוטער אין פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל.

פּאַסטערנאַק האָט געהאַט טרייע מיטהעלפערס אַדורכצופירן זיינע פּלענער. צו זיי האָבן געהערט די צוויי סעקרעטאַרן ראַטבוים און שאַלזאַן, ביידע האָבן געוואַכט איבער די פינאַנסן פון דער שול און שטרענג אויסגעפירט די פאַראָרדענונגען פון איינמאַנען דאָס געלט ביי די שילערס. אויסגעצייכנט זיך האָט אין דעם זין שאַלזאַן. ביי אים איז קיין מאָל נישט געלונגען צו פאַרלענגערן דעם צאָלונג־טערמין פון שׂכר־לימוד אַפילו נישט אויף איין טאָג. ער האָט אַפילו מיט קיין שילער רעדן דערפון נישט געוואָלט. ביי ראַטבוימען האָט עפּעס וואָס נאָך אַ מאָל „אָפּגעגליקט״. צו דעם דירעקטאָרס מיטהעלפערס האָט געהערט דער וועכטער נייהאַוס, וועלכער האָט אונדז באַזונדערס זיך איינגעביסן אין די ביינער. ער האָט זיך געפילט ווי אַ גאַנצער בעל־הבית פון דער שול. ער פלעגט זיך שטענדיק אַריינמישן אין אַלעם וואָס די שילערס פלעגן טאָן. אויפן פּלאַץ פאַר דער שול האָט מען זיך קיין מאָל נישט געפילט פריי. שטענדיק האָט עפּעס וואָס נישט געפונען

חן אין זײַנע אויגן. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט און אים אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך. אַזוי ווי ביי שפּערס גימנאַזיע, איז אויך אין דער „הו־מאַניסטישער" געווען איינגעפירט, אַז מיט דער ליסטע פון די בעלי־חובות פלעגט קומען פאַר אָדער אין מיטן פון דער ערשטער לעקציע דער וועכטער. נייהאַוס האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעפירט די אַרבעט. ס'איז געווען לייכט צו זען ווי צופרידן ער איז געווען פון זיין „מאַכט", ווען די שילערס האָבן נאָך זיין „באַפעל" געמוזט פאַרלאָזן דעם קלאַס.

ער האָט געוווינט אין דער געביידע פון דער שול אויף ראַדזיווילאָווסקע אין אַ קעלער־וווינונג. די געביידע איז פון די ערשטע באָמבאַרדירט געוואָרן, אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אין 1939. נייהאַוס מיט זיין פאַמיליע זענען געווען פון די ערשטע קרבנות פון דער דייטשישער אינוואַזיע.

די שילערינס

מיט דער אייבושיץ האָב איך מיך געטראָפן אין זיבעטן קלאַס. אין דעם קלאַס איז זי געבליבן אויפן צווייטן יאָר. זי האָט געהאַט שוועריקייטן מיטן לערנען און די עלטערן האָבן מסכּים געווען זי זאָל איבערגיין נאָך איין יאָר דעם זעלבן קלאַס. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אין קעגנפאַל וועט זי אַדורכ־פאַלן ביי דער מאַטורע. די אייבושיצס זענען געווען פון די רייכסטע ייִדן אין שטאָט. די טאָכטער זייערע האָט געהאַט אַלץ וואָס זי האָט באַדאַרפט צום לערנען, אַחוץ די געהעריקע פעיִקייטן. זיי זענען ביי איר נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט איר ווילשטאַנד. מיט איר ווּוקס האָט זי זיך אויסגעטיילט פון אַלע אין קלאַס. זי איז געווען די העכסטע. איר הייך האָט נאָך אונטער־געשטראָכן איר שוואַרץ פאַרטעך אין פאָרם פון אַ קלייד און אירע שוואַרצע לאַנגע האָר, פאַרלייגטע אויפן נאַקן. צופרידן פונעם איבערחזרן דאָס יאָר איז זי, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, אָבער קיין ברירה האָט זי נישט געהאַט.

די אַקערמאַן, די טאָכטער פון דעם באַרימטן אין לובלין שניידער פון קראַקאָווסקע 15 (אָדער 13), איז געווען די צווייטע, וועלכע איז געבליבן אין זיבעטן קלאַס. זי האָט דאָס שטאַרק איבערגעלעבט און איז געווען זייער דערשלאָגן. דאָס גאַנצע יאָר האָט זי זיך געלערנט זייער אינטענסיוו, אַזוי האָט זי אויך געטאָן אין אַכטן קלאַס און זי האָט די שול געענדיקט מיט דערפאָלג.

די פאַרביאַזש פון זאַמאָיסקע 25, אַ קליינטשיקע און נישט קיין שיינע,

איז געווען די בעסטע שילערין, זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע קעגנ־שטאַנדן. די לערערין פון פראַנצויזיש האָט אָנערקענט אין קלאַס נאָר זי איינע. זי האָט ביי איר שטענדיק פאַרגעלייענט די איבערזעצונג פון דער נייער לעקציע. איר היימאַרבעט האָט אַפילו די „מאַדאַם" לעווין געשטעלט פאַר אַ מוסטער, איר האָט זי געווידמעט כּמעט יעדע לעקציע. דאָס מיידל איז געווען אויסערגעוויינלעך פעיִק. ס'איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אין דעם קליינטשיקן גופעלע, מיטן פּנים מיט די גראָבע שטריכן, מיטן מויל כּמעט אָן ליפּן, געפינט זיך אַזאַ גרויסע באַגאַבונג. געשטאַמט האָט די פאַרביאַזש פון אַ זייער אָרעמער פאַמיליע. נאָכן טויט פונעם פאָטער, וועל־כער איז וויזט אויס געווען אַ רב אין אַ קליין שטעטל, איז די מוטער געבליבן אָן מיטלען צום לעבן מיט אירע פיר טעכטער און איינציקן זון. נישט לאַנג האָט געדויערט און די מוטער איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַן. די עלטסטע טאָכטער האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון דער פאַמיליע. זי האָט געפירט די גאַנצע ווירטשאַפט. צום גליק האָבן שוין דעמאָלט צוויי קינדער, דער זון און איין טאָכטער, אָנגעהויבן אַרבעטן, די צוויי איבעריקע מיידלעך האָבן זיך נאָך געלערנט און געפּרוווט פאַרדינען מיט די אַזוי גערופענע קאָרעפּעטיציעס. די צוויי יִינגערע שוועסטער האָבן נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע שטודירט אין וואַרשע. רחלע, מיין קלאַס־חברטע האָט געלערנט לאַטיין, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, אָן אויסזיכטן צו באַקומען אַרבעט.

אַ יאָר נאָך דער מאַטורע איז רחלע פאַרביאַזש געווען אין לובלין. ביי איר איז געווען אַ זאַמלפּונקט פון אַ געוויסער גרופּע יוגנטלעכע. געבונדן האָט אַלע די נייגונג צו דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַברהם־אַבראַשע מוסמאַן, אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַ האָלצגעשעפט אויף זאַמאָיסקע. ער האָט גלייך מיט אונדז באַלייגט דעם מאַטורע־עקזאַמען. ער האָט זיך גערעכנט צו די פעיִקסטע שילערס, זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, און האָט זיך. לויט מיין אָפּשאַצונג פון יענער צייט, גוט אָריענטירט אין איר. ער איז געווען אַ קורצוווקסיק בחורל, מיט געקרייזלטע טונקל־בלאָנדע האָר, מיט אַרויסשפּאַרנדיקע ציין וועלכע האָבן נישט צוגעגעבן קיין חן זיין אַזוי אויך נישט אָנגענעם פּנים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע צווײדייטיקע גראָבלעכע „וויצן". אַלץ וואָס ער פלעגט זאָגן פלעגט ער דערנאָך קאָמענטירן מיט דעם דערמאָנטן סאָרט

לעקסיקאָן פון זיינע „וויצן" פלעגט ער אָממערסטן אַליין לאַכן. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין זיין נייגונג און ס'האָט מיך געוווּנדערט, ווי רחלע פאַרביאַזש קען זיך געפינען אין זיין געזעלשאַפט און פאַרטראָגן אָט די געשמאַקלאָזיקייט.

צו די שטענדיקע איינגייערס צו רחלע פאַרביאַזש האָט אויך געהערט בעל צדק שיפּמאַן, אַ זון פון אַ סטאָליער. כ'האָב אים געקענט נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ שילער אין דער „פּאַוושעכנע", אונטער דער לייטונג פון עלווערן. שיפּמאַן האָט זיך באַרימט געמאַכט אין אונדזער קרייז מיטן „אָפּשלאָגן" ביי שמולעק שפּיגעלשטיינען זיין מיידל, אסתּרקע זאַנדשטיין, מיט וועלכער שפּיגעלשטיין איז „געגאַנגען" עטלעכע יאָר. שפּיגעלשטיין האָט דעם „פאַרראַט" שטאַרק איבערגעלעבט און אַלע באַקאַנטע האָבן דאָס פאַרל פאַראורטיילט. לויט דער אָפּשאַצונג פון חברים איז ער געווען אַ באַרימער, ליב געהאַט זיך פאַרצושטעלן מיט זיינע פעיִקייטן, און ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער נישט אַנטוישט. ס'איז אַ סברה אַז ער האָט דערגרייכט אַ הויכן מעמד אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט.

די צוויי ברידער פּייטשער, אויך געוועזענע שילערס פון עלווערן, האָבן זיך אויך געפונען צווישן די איינגייערס. זיי פלעג איך שפּעטערע יאָרן טרעפן ביי עוואַ קליגער פון לובאַרטאָווסקע 32, מיין חברטע פונעם יידישן אַקאַדעמיקער־פאַרבאַנד. ביידע ברידער האָבן זיך אין איר געליבט, אָבער קיינעם פון זיי האָט ביי איר נישט אָפּגעגליקט. זי האָט שטענדיק געהאַלטן זיי אין רעזערוו, זיי „געלאָזט" זיך באַוווּנדערן פון זיי, און זי באַזוכן. צום סוף האָט זי זיי ביידע פאַרלאָזט און איז אַוועק קיין וואַרשע שטודירן פראַנצויזיש, צוזאַמען מיט מיין חברטע פון דער פּאַוושעכנע, שבע פונט.

עווע עדעלשטיין פון דער ריבנע, האָט די מיידלעך אימפּאָנירט מיט איר אַנטוויקלטן ביוסט. זי האָט זיך גאַנץ פרי מער אינטערעסירט מיט יינגלעך ווי מיטן לערנען. כאָטש זי האָט געליטן, ווען זי איז געבליבן היטערשטעליק לגבי די קלאַס־חברים. ס'האָט אונדז שטענדיק געוווּנדערט, פאַר וואָס זי לערנט זיך נישט גוט, אין דער צייט ווען איר ברודער יידל, איינער פון די ערשטע אַביטוריענטן, האָט זיך גערעכנט צו די בעסטע שילערס. מיר פלעגן זי גאַנץ אָפט באַזוכן, ווייל זי האָט געהאַט אַ סך ביכער, געוויסע, נאָך פון איר ברודער. און ביכער האָבן אונדז שטענדיק געפעלט. די ריבנע גאַס, צו וועלכער ס'האָבן געפירט צוויי וועגן, פון דער בראַמאָווע און פונעם באַרג

פון דער קאָוואַלקע, האָב איך גוט געקענט פון די פריִערדיקע יאָרן. איינער אַזאַ באַזוך האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. דאָס איז געווען דעם ערשטן מערץ 1919, מיין מוטער האָט געהאַלטן ביי געבוירן דאָס צווייטע קינד, איינעם פון מיינע צוויי ברידער. צו יענער צייט פלעגן פרויען געבוירן קינדער אין דער היים, קיינער איז צוליב דעם נישט געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין. צו מיין מוטער פלעגט קומען אַן אַקושערקע מיטן נאָמען רחל ווייס־בראָט. זי איז געווען אונדזערע אַ ווייטע קרובה און איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ גוטער אַקושערקע. ווען מיין מוטער האָט דערפילט אַז זי גייט צו קינד, האָט זי מיך (איך בין דאַן אַלט געווען נישט קיין גאַנצע זעקס יאָר) געשיקט רופן רחלען. מיט גרויס פרייד, אַז ס׳וועט צוקומען אַ קינד, געבונדן מיט שרעק פאַרן געזונט פון מיין מוטער, בין איך געלאָפן, ווי שנעל איך האָב נאָר געקענט, מיטן באַרג אַרויף אויף דער ריבנע, צו דער אַקושערקע. צום גליק האָב איך זי געטראָפן אין דער היים. זי האָט צוגעזאָגט באַלד צו קומען. פון גרויס שפּאַנונג און נערוועזיטעט האָב איך מיך אַ לאָז געטאָן צוריק מיטן זעלבן וועג. אָבער דאָ האָט מיט מיר שיִער נישט פּאַסירט קיין אומגליק. באַרג אַרויף האָב איך דעם וועג אַדורכגעמאַכט אָן באַזונדערע שוועריקייטן, נישט רעכענענדיק, אַז ס׳האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם, אָבער ווען איך האָב מיך אַ לאָז געטאָן מיט האַסטיקייט באַרג אַראָפּ, האָב איך שוין נישט געקענט מיך אָפּשטעלן און איך האָב מיט מורא דערוואַרט, אַז איך וועל פאַלן און ברעכן הענט און פיס. אָפּגעראַטעוועט האָט מיך אַ געווינלעכער האָקן פון אַ לאָדן. איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אין אים און בין געבליבן שטיין, מיט אַ פאַרבלוטיקטער האַנט. אָבער אויף דעם האָב איך שוין קיין אַכט נישט געלייגט, גליקלעך וואָס איך בין שטיין געבליבן. ווייטער, באַרג אַראָפּ, בין איך שוין געגאַנגען לאַנגזאַם, אָבער איבער דער קאָוואַלסקע און לובאַרטאָווסקע, בין איך ווייטער שנעל געלאָפן אַהיים מודיע זיין מיט שטאָלץ, אַז איך האָב מיין אויפגאַבע אויסגעפירט.

דורך דער ריבנע פלעג איך אויך גיין צו מיין פעטער, צו אים האָב איך דורך דעם וועג געקענט קומען אויף גראָדזקע 16. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די ריבנע גאַס געהאַט אַ שלעכטן שם. ס׳האָט געהייסן, אַז דאָרט געפינען זיך האָטעלעכלעך, וווּהין די פּראָסטיטוטקעס פלעגן פירן זייערע „געסט״ וועלבירטע ביים שטאָטזייגער.

די בראָווערמאַן, אַ קליינוווקסיק מיידל מיט שוואַרצע דערשראָקענע

אויגן און שוואַרצע געקרייזלטע האָר, האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל נעבן לובלין. די עלטערן האָבן געוויס געמוזט שטאַרק זיך אָנשטרענגען, כּדי צו שיקן זי קיין לובלין לערנען. איר איז דאָס לערנען נישט לייכט אָנגעקומען. זי האָט נישט געקענט נאָכהאַלטן דעם קלאַס און די האַרבע פאָדערונגען פון די לערערס. יעדע פראַגע האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שרעק, אומאָפּהענגיק פון איר צוגעגרייטקייט און קענען. זי איז קיין מאָל נישט געווען זיכער, אַז זי וועט ענטפערן ריכטיק. איר נערוועזיטעט האָט געוויס געווירקט, אַז זי פלעגט פאַרגעסן ביים ענטפערן אַלץ וואָס זי האָט געקענט און צוגעגרייט.

גיטליס, פון לובאַרטאָווסקע 29, איז געווען אַ פעסט געבויט מיידל, אַ זיכערע ביי זיך. זי האָט שטענדיק געקעמפט צו באַווייזן איר קענען, אַפילו דעמאָלט, ווען זי האָט נישט צו פיל געקענט. איר פּאָזיציע אין קלאַס איז געווען אַ שטאַרקע, כאָטש קיין גרויס וויסן האָט זי נישט פאַרמאָגט. געוויס האָט איר געהאָלפן איר אָפּשטאַם. זי איז געווען אַ קרובה פון די ראָטעס, די אייגנטימערס פון הויז לובאַרטאָווסקע 29.

די לאָרבער, אַ טאָכטער פונעם אייגנטימער פון קאָוואַלסקע 8, איז געווען איינע פון די שילערינס מיט וועלכע איך האָב מיך באַפריינדט. זי האָט געהאַט אַ זייער שווער לעבן אין דער היים. איר פאָטער, טראָץ זיין רייכטום, האָט די קינדער קיין מאָל נישט געוואָלט געבן וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. די לאָרבער האָט נישט געהאַט נישט די געהעריקע קליידער, און נישט קיין ביכער. נאָך דער מוטערס טויט, ווען זי איז אויסגעשטעלט געווען אויפן ווילן פונעם קאַרגן און דעספּאָטישן פאָטער, האָט זיך איר לאַגע נאָך מער פאַרערגערט. זי אַליין האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן זייער ענערגיש און האָט טראָץ אַלע שוועריקייטן זיך אַדורכגעשלאָגן דורך דער מיטלשול, געפונען אַ פּאָסטן אַלס פאַרטרעטערין פון אַ געוויסער פירמע, און דערנאָך אויך געענדיקט די שול פאַר מעדיצינישע שוועסטער אין ווילנע. נאָך דער גימנאַזיע האָבן מיר זיך שטאַרק באַפריינדט. פריִער האָט קיינער נישט געוואָלט זיך חברן מיט איר. זי פלעגט זיין דער ציל פון חוזק־וווערטלעך, איבערהויפּט נאָכן „אומגליקספאַל״, ווען זי האָט אין קלאַס, ביים טאָוול, פאַרלוירן די ספּודניצע, וועלכע איז שוין געווען אַזוי אָפּגענוצט, אַז זי האָט שוין אויף איר נישט געהאַלטן, און דער פאָטער האָט איר קיין נייע נישט געוואָלט מאַכן. נאָך דער שול האָט זי איר גורל גענומען אין די

אייגענע הענט און זיך אָנגעהויבן אַן עצה געבן, בעסער ווי אַ סך אַנדערע. זי האָט באַוויזן צו פאַרדינען פאַר אירע באַדערפעניש. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז זי אַוועק קיין קאָוועל, דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן אין סוף פון 1939. זי איז געבליבן אין קאָוועל און איז דאָרט אַפּנים אומגעקומען.

פון די שילערינס געדענק איך נאָך די צוויי שוועסטער געליבטער, טעכטער פון אַ קאָלאָניאַל-סוחר. געוווינט האָבן זיי אויף לובאַרטאָווסקע 13, ביי קאָפּל ווורמאַן אין הויז. ביידע שוועסטער זענען געווען זייער שיינע מיידלעך, איינע איז געווען מיט אַ קלאַס העכער פון מיר, די צווייטע — נידעריקער פון מיר.

צו די יחסנים פון דער שול האָט זיך גערעכנט די דאָבושינסקע, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטער ציוניסטישער טוערין אין לובלין.

געוויס האָב איך נישט אַלע דערמאָנט, וועלכע זענען מיט מיר געגאַנגען אין שול. איך וואָלט דאָס גערן געטאָן, צום באַדויערן געדענק איך נישט די איבעריקע.

די הומאַניסטישע גימנאַזיע האָט פּאַקטיש זיך געטיילט אויף צוויי שולן: איינע — פאַר יינגלעך, די צווייטע — פאַר מיידלעך (שפּערס גימנאַזיע איז געווען אַן אויסנאַם צו יענער צייט, ווו מיידלעך און יינגלעך האָבן זיך געלערנט צוזאַמען). אויף דער ניעצאַלע גאַס (דערנאָך — ווישינסקעגאָ, און היינט — סלאָווינסקעגאָ) האָבן זיך געלערנט מיידלעך, אויף ראַדזיוויילאָווסקע האָבן זיך געלערנט יינגלעך. זייערע קלאַס-באַדינגונגען זענען געווען עטוואָס בעסערע, ווי אונדזערע, אָבער אויך נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ שול. אין דער געביידע האָט זיך, צום ביישפּיל, נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר די אויבערקליידער, מ׳האָט זיי געמוזט האַלטן אין קלאַס. די געביידע איז אויך נישט געווען קאַנאַליזירט. די שילערס זענען געווען געצוווּנגען צו גיין אין דעם אָפּענעם בית-כּסא אויפן הויף, וועלכער האָט געדינט אויך די אַנדערע לאָקאַטאָרן. דאָרט האָבן זיך שטענדיק געמאַכט לאַנגע רייען. אָפּט מאָל האָט מען נישט באַוויזן אין דער קורצער הפסקה צווישן די לעקציעס, און מ׳האָט געמוזט אָפּלייגן עס ביז דער צווייטער הפסקה. אַזוי פלעגן אַוועק אַלע פרייע מינוטן צווישן די לעקציעס. אַ באַזונדערע צרה איז געווען אַז קיין טואַלעט-פּאַפּיר האָט זיך דאָרט נישט געפונען און אויך קיין שום אָרט ווו די הענט אָפּצוואַשן. נאָך דעם באַזוך אין טואַלעט האָט

מען זיך געפילט דענערווירט און מ׳האָט שוין נישט געהאַט קיין לוסט אָפּצועסן דאָס, וואָס מ׳האָט געהאַט מיטגעבראַכט פון דער היים. מיט איין זאַך האָבן די יינגלעך געהאַט בעסער. פאַר דער געביידע האָט זיך געפונען אַ פּלאַץ, ווו מ׳האָט געקענט שפילן פוטבאָל, אָדער סתּם מאַכן גימנאַסטיק. ווען דער פּלאַץ איז געווען פריי, פלעגן מיר, מיידלעך, אויך אַ מאָל גיין אַהין צו מיטן לערער יובעל און מאַכן אַ ביסל גימנאַסטיק. די בנין־באַדינ־גונגען זענען אַזוי אָרום נישט געווען בעסערע ווי אין דער „פּאַווּשעכנע״ און ביי דער שפּראַווע. מיט איין זאַך האָב איך יאָ געוווּנען. מיר איז געווען נענטער און איך האָב נישט געמוזט זיך איילן יעדן פרימאָרגן, כאָטש דער וועג דורך דער שוויענטאָדוסקע, אָדער שעווסקע און סטאַשיצאַ איז נישט געווען פון די לייכטע, איבערהויפּט ווינטער. אין די גליטשן, איז געווען שווער בייצוקומען דעם באַרג אַראָפּ פון דער שוויענטאָדוסקע אויף שעווסקע, און דערנאָך באַרג אַרויף אויף דער סטאַשיצאַ. בכלל איז די גאַנצע שוויענ־טאָדוסקע געווען נישט פון די בעסטע גאַסן פאַר פוסגייערס. זי איז געווען זייער שמאָל און האָט נאָר געהאַט איין טראָטואַר, אויף איין זייט. די צווייטע זייט האָט פאַרנומען דער אַזוי גערופענער צווישן יידן, פּוילישער טאַרג, ברוקירט מיט שפּיציקע שטיינער. אַן אַטראַקציע אויפן וועג צו דער שול, און אין די פרייע מינוטן צווישן די לעקציעס, איז געווען דאָס סטודענטן־הויז אַנטקעגן דער ניעצאַלע 3. די סטודענטן האָבן זיך שטאַרק אינטערע־סירט מיט די שילערינס, באַמיט זיך אָנצוקניפּן מיט זיי אַ קאָנטאַקט און כאַפּן אַ פלירט. אין דער פרייער צייט פלעגן ביידע זייטן זיך דורכרעדן דורך די פענצטער, אָדער דירעקט פאַר די צוויי הייזער. נישט איין מאָל האָבן די שילערינס פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך אין קלאַס און ווען אַ לערער האָט באַמערקט די פענצטער־„מאַנעווורעס״, האָבן זיי אויף דער פראַגע פון דער אַקטועלער לעקציע נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ לערער קען אין אַזאַ „הימלישן״ מאָמענט קומען מיט אַזאַ ערדישער פראַגע...

די שילערס

פאַר חיים־יהושוע ראָזענבערג, דעם זון פון דער בעל־הביתטע פונעם הויז ווו מיין פאָטער האָט געהאַט דעם וואַרשטאַט אויף רוסקע 18, האָט זיין מוטער געהאַט אַנדערע פּלענער. זי האָט געוואָלט ער זאָל לערנען די

יידישע רעליגיעזע לימודים. נאָכן מאַנס טויט האָט זי געחלומט צו מאַכן פון איר זון אַ רב. אָבער ער האָט געוואָלט באַקומען אַ וועלטלעכע בילדונג און האָט געקעמפט מיט זיין מוטער זי זאָל אים לאָזן לערנען אין גימנאַזיע. דער קאַמף זיינער איז אָנגעגאַנגען עטלעכע יאָר ביז די מוטער האָט געגעבן איר הסכמה. דעריבער, ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין גימנאַזיע, איז ער געווען עלטער פון די איבעריקע שילערס. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, ער האָט אָבער אויך געהאַט שוועריקייטן מיט דער פּוילישער שפּראַך. זיינע שוואַכע קענטענישן אין דער אונטערריכט־שפּראַך האָבן אים געשטערט ביים באַהערשן אויך די איבעריקע קעגנשטאַנדן און אָפט מאָל אים געשטעלט אין אַ קאָמישער סיטואַציע פאַרן קלאַס, וועלכע האָט זיינע שוואַכקייטן נישט אַדורכגעלאָזט. די קלאַס־חברים פלעגן פון זיינע שוועריקייטן און נישט געלונגענע אויסדרוקן זיך פריילעך מאַכן. זיין הינטערשטעליקייט אין פּויליש איז אויך געווען די סיבה פאַר וואָס ער האָט ביים ערשטן מאָל נישט געקראָגן די מאַטורע. ער האָט שפּעטער די גימנאַזיע פאַרענדיקט און דערנאָך שטודירט רעכט. נאָך דער מלחמה האָב איך אים געטראָפן אין לובלין, ווען ער האָט זיך געקליבן עולה זיין קיין ישראל. מסתּם געפינט ער זיך אין ישראל און פּראַקטיצירט דאָרט ווי אַן אַדוואָקאַט.

מאיר זילבערשטיין (די חברים פלעגן אים רופן מאַיוש) האָט זיך אין קלאַס נישט אויסגעצייכנט מיט זיינע קענטענישן. איין זאַך האָט אים צוגע־געבן אַ ביסל גלאַנץ. ווי אַ זון פון אַ שותּף פון אַ גאַרבעריי, פלעג ער אַ מאָל קומען צו פאָרן אין שול אַריין מיט אַ „ברישקע". אויף דעם באַל, וועלכן די גימנאַזיע פלעגט איינאָרדענען הונדערט טעג פאַר דער מאַטורע, האָט מאַיוש באַוויזן טאַלאַנט פון נאָכמאַכן די לערערס. זיין אויספירונג איז געווען אַזוי געלונגען, אַז אַלע שילערס און לערערס האָבן זיך גוט געוויילט. אַ דאַנק אים איז דער באַל געווען אַן אויסערגעוויינלעך געלונגע־נער, זיין אַרויסטריט אויפן באַל האָט אים באַרימט געמאַכט אין דער שול.

אַכטמאַן, פון שוויענטאָדוסקע, איז געווען דער יינגסטער זון פון אַ גרויסער פאַמיליע מיט עטלעכע זין און טעכטער. געלערנט האָט ער זיך זייער גוט, ער האָט זיך גערעכנט צו די פעיקסטע אין קלאַס. גאַנץ פרי האָט ער אָנגעהויבן זיך אַנגאַזשירן אין דער לינקער ריכטונג, פאַר וואָס די דירעקציע האָט אים נישט ליב געהאַט. ער האָט אויך געהערט צו די באַזור־כערס פון רחלע פאַרביאַזש, ביי איר האָב איך זיך מיט אים באַקאַנט.

העניעק ראָט, אַ זון פונעם אייגנטימער פון לובאַרטאָווסקע 29, איז געווען אַ מיטלמעסיקער שילער. ער האָט אָבער אויסגענומען ביי די מיידלעך, ווייל ער איז געווען אַ גאַנץ שיינער בחור, געקענט פראַווען קאָמפּלימענטן און האָט שטענדיק געהאַט „שטאָף" מיט זיי צו רעדן.

קאַראָל געצמאַן איז געווען אַ זון פון אַ באַקאַנטן פעלדשער אין לובלין. ער איז איינציייטיק מיט מיר געגאַנגען אין פּאַראַלעלן קלאַס און אין זעלבן יאָר מיט מיר די שול געענדיקט. פאַר זיין טעטיקייט אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג איז ער אַריינגעפאַלן אין תפיסה. נאָך דער מלחמה איז ער געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער פּאַרטיי־צייטונג אין לובלין, ער האָט אויך געשריבן לידער. ער האָט עמיגרירט קיין ישׂראל. וואַרשיינלעך געפינט ער זיך איצט מיט זיין פאַמיליע אין דייטשלאַנד.

הערשל פּערל האָט אויך געהערט צו די אַביטוריענטן פון דער גימ־נאַזיע. ער האָט געענדיקט אַ יאָר פאַר מיר. אים איז געלונגען, אַ דאַנק דער הילף פון אַ מומען פון אַמעריקע, צו שטודירן מעדיצין אין פראַנקרייך. דאָרט איז ער אומגעקומען פון די נאַציס אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע.

יצחק ערליך, אויך מיינער אַ געוועזענער שכן פון לובאַרטאָווסקע, צוגליך מיט פּערלען, האָט עטלעכע מאָל געמוזט באַלייגן דעם מאַטורע־עקזאַמען, ווען די גימנאַזיע האָט פאַרלוירן די רעכט. ס'האָבן נישט געהאָלפן זיינע פעיִקייטן און קענטענישן, אַלס איינער פון די בעסטע שילערס.

צו די פריִערדיקע אַביטוריענטן פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע האָבן געהערט דוד געווערץ, וועגן וועלכן איך האָב שוין פריִער געשריבן, עלבוים, וועלכן מ'האָט געהאַלטן פאַר אַ פעיִקן מאַטעמאַטיקער, יידל עדעל־שטיין, אַ ברודער פון מיין חברטע עווע. וועגן זיינע מאַטעמאַטישע פעיִקייטן פלעגט מען אויך רעדן, ווען מ'האָט געזוכט אַ קאָרעפּעטיטאָר. ער לעבט איצט אין פּאַריז. צום באַדויערן האָב איך אַ סך אַנדערע תלמידים פון דער גימנאַזיע פאַרגעסן.

די מאַטורע־עקזאַמענס

די צוויי יאָר אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע זענען געווען צוויי שווערע יאָר פאַר אַלע שילערס. מיר האָבן זיך שטענדיק געפילט באַדראָט אויף פאַרשידענע אופנים. די שטענדיקע סכּנה, אַז די גימנאַזיע קען באַרויבט ווערן פון די רעכט איז שטענדיק געהאַנגען איבער די קעפּ פון לערערס און שילערס. די הענגענדיקע דראָונגען אין דער לופטן האָבן געשאַפן אַ געשפּאַנטע און נערוועזע אַטמאָספער. דאָס האָט געווירקט אויף די לערערס זיי זאָלן אויסאיבן אַ נאָך גרעסערן דרוק אויף די שילערס. די לערערס האָבן געפאָדערט אַ סך פון די שילערס, און קיין מאָל נישט געמוטיקט זיי מיט אַ גוט וואָרט. זייערע צייגענישן און אָפּשאַצונגען האָבן זיי פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן. בלויז פיר מאָל אין יאָר פלעגן מיר דורך די עלטערן־קאָנפערענצן עפּעס זיך דערוויסן. צווישן די קאָנפערענצן האָבן מיר גאָר נישט געוווּסט ווי אַזוי די לערערס שאַצן אָפּ אונדזער אַרבעט. די אַטמאָספער איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן צוליב שוועריקייטן צו באַצאָלן דעם שׂכר־לימוד, וואָס איז געווען געבונדן מיטן ריזיקאָ אַרויסגעשיקט צו ווערן פונעם קלאַס. דער הויכפּונקט פון דער שפּאַנונג איז געקומען די לעצטע וואָכן פאַר דער מאַטורע. מיר האָבן דעמאָלט געקאַרגט די צייט צו עסן און שלאָפן. מיר פלעגן זיך זאַמלען ביי די בעסטע שילערס מיט די בעסערע קענטענישן אין די פאַרשידענע קעגנשטאַנדן. מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ סך ביכער און נאָטיצן פון די לעקציעס און פלעגן דעם מאַטעריאַל איבער־חזרן עטלעכע מאָל ביז ער איז אונדז אין גאַנצן דערעסן געוואָרן.

שׂרה מאַכעראָווסקע פלעגט דאַן כּסדר נעכטיקן ביי מיר און מיר האָבן אַנצאָליקע מאָל איבערגעחזרט אַלע קעגנשטאַנדן. זי פלעגט אַממערסטן לייענען, ווייל איך פלעג שנעל הייזעריק ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער צייט פון איר לייענען פלעג איך אָפט מאָל איינדרימלען, אָבער האַלב־שלאָפנדיק פלעג איך איר ווערן באַווייזן, אַז איך האָב אַלץ געהערט, און באַמיט מיך צו דערציילן דעם אינהאַלט פון דעם איבערגעלייענטן. מיין פאָטער, וויצלענדיק זיך, פלעגט איר ראָטן, זי זאָל מיך וועקן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער איבערן קאָפּ. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזעלכע נעכט זענען מיר בידע, אויסגעשעפּטע, אַוועקגעפאַלן אויפן „פּאַלאָווע״ בעטל, פאַר־ברייטערט מיט אַ לאָקשנברעט און אַ טאַבורעטקע ביי די פיס. צוליב

דער ענגשאַפט האָבן מיר קיין אַנדער, בעסער געלעגער נישט געהאַט.

אין טאָג פונעם עקזאַמען, אַכט אַ זייגער אין דער פרי, זענען מיר, די מיידלעך, געקומען אין גימנאַזיע אין ווייסע בלוזקעס מיט גראַנאַטענע ספּודניצעס, די ייִנגלעך אין די פולע גראַנאַט־מונדירן. מיר האָבן זיך פאַר־זאַמלט אין גרעסטן זאַל פון דער גימנאַזיע. יעדער האָט באַקומען אַ טישל, איינער דערווייטערט פונעם אַנדערן, מען זאָל זיך נישט קענען פאַרשטענ־דיקן. די לערערין פון פּויליש האָט אונדז געוואָרנט, אַז פאַר אַ פּרווו זיך דורכצורעדן דראָט צו ווערן דיסקוואַליפיצירט. דאָס זעלבע האָט געדראָט פאַר אַ פּרווו איבערצושרייבן פון פריִער צוגעגרייטע „שטשאַנגאַוועס" — טעמעס, אָנגעשריבענע אויף קליינע פּאַפּיראָסן־פּאַפּירלעך, צונויפגעלייגטע ווי אַ האַרמאָשקע. טראָץ אַלע וואָרענישן האָבן די שילערס געהאַט אַזעלכע צוגעגרייטע טעמעס. צי עס איז עמעצן געלונגען זיך באַנוצן מיט זיי ביי דעם שטרענגן אויפזיכט איז שווער צו זאָגן.

ענדלעך איז געקומען די מיט שרעק דערוואַרטע מינוט. די טעיפּעל האָט געעפנט דעם פאַרזיגלטן קאָנווערט און פאַרגעלייענט די טעמעס. צוויי פון זיי געדענק איך ביז היינט. די וועלכע איך האָב אויסגעקליבן: פאַר וואָס האָט מען אויפן דענקמאָל פון באָלעסלאַוו פּרוס אויסגעקריצט דעם לאַטיי־נישן אויפשריפט „קאָר קאָרדיום" (דאָס האַרץ פון די הערצער). די צווייטע טעמע: די אָלימפּיאַדעס אַ מאָל און היינט. די טעמע וועגן די אָלימפּיאַדעס האָט אויסגעקליבן איין ביאַלאָסטאָצקי. ווען די טעמעס זענען שוין געווען באַוווּסט, האָבן מיר באַקומען 5 שעה פאַר דער אַרבעט, אָן רעכט אַרויסצוגיין אַפילו אין טואַלעט. אין דער צייט פון די 5 שעה האָבן מיר געמוזט באַוויזן צוויי מאָל אָנצושרייבן די טעמע. דעם ערשטן וואַריאַנט האָבן מיר געקענט אויסבעסערן, דער צווייטער האָט געמוזט זיין ריין און דייטלעך איבער־געשריבן, אָן גרייזן און אָן אויסבעסערונגען. ביידע וואַריאַנטן האָבן מיר געמוזט אָפּגעבן דער קאָמיסיע.

נאָך די שריפטלעכע אַרבעטן פון פּויליש, האָבן מיר נאָך געדאַרפט אַדורכגיין שריפטלעכע עקזאַמענס פון מאַטעמאַטיק און פראַנצויזיש. צו דעם לעצטן עקזאַמען זענען מיר אַלע, אַחוץ דער פאַרביאַזש, צוגעגאַנגען מיט אַ שווערן געמיט, דערשלאָגענע דורך דער לערערין לעווין, וועלכע האָט מיט אַלע מיטלען באַמיט זיך צו באַווייזן וואָסערע טויגעניששטן מיר זענען. אָבער אויך אָט די שוועל זענען מיר בייגעקומען.

נאָך די אַלע שריפטלעכע אַרבעטן זענען געקומען פיבערדיקע טעג פון וואַרטן אויפן רעזולטאַט און פון צוגרייטונגען צום מינדלעכן עקזאַמען. די נערוועזיטעט און פיבערדיקע שפּאַנונג האָבן אונדז געבראַכט צום פאַר־לירן די כּוחות. פון איין זייט האָבן מיר מורא געהאַט פאַרן רעזולטאַט פון די שריפטלעכע אַרבעטן, פון דער צווייטער זייט, האָבן מיר זיך נישט דערלויבט קיין רו, נאָר האָבן פאַרגעזעצט איבערצוחזרן דעם מאַטעריאַל פון דעם שולפּראָגראַם. מיר האָבן זיך נישט דערלויבט צו פאַרלירן אַפילו איין מינוט פון צוגרייטן זיך צום מינדלעכן עקזאַמען. ענדלעך איז געקומען דער טאָג ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן דעם שריפטלעכן עקזאַמען גוט דורכגעמאַכט און מיר זענען צוגעלאָזט געוואָרן צום מינדלעכן. האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן נייע טעג פון וואַרטן ביז ס׳איז געקומען דער טאָג פון עקזאַמען.

אין איין זאַל זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע לערערס, אונטערן פאָר־זיץ פונעם פאַרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום. אין צימער זענען אַריינ־געגאַנגען צו צוויי שילערס. איינעם האָט מען פאַרהערט, דער צווייטער האָט דערווייל זיך צוגעגרייט צום ענטפער. יעדער לערער האָט געהאַט רעכט צו שטעלן פראַגן. ספּעציעלע רעכט האָט געהאַט דער דעלעגאַט פון מיניס־טעריום. זיין אָפּשאַצונג איז געווען דעצידירנדיק. ס׳איז שווער זיך פאָר־צושטעלן די אויפרעגונג און שפּאַנונג, וועלכע האָט געפּלאָגט די וואַרטנדיקע הינטער דער טיר פונעם זאַל, ווו דער פאַרהער איז פאַרגעקומען. קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט נישט געוואָגט אָפּצוטרעטן אויף איין מינוט, קיינער האָט זיך נישט דערלויבט אַפילו צו גיין אין טואַלעט, שוין אָפּגערעדט עפּעס צו עסן.

יעדן שילער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פונעם זאַל האָט מען באַלאַ־גערט און פאַרוואָרפן מיט פראַגן: צי זענען די פראַגן געווען שווערע, און ווער האָט זיי געשטעלט, און צי האָבן זיי געהאַט גענוג צייט אַדורכצוטראַכטן דעם ענטפער און ווי אַזוי פירט זיך אויף דער דעלעגאַט פון מיניסטעריום, צי שטעלט ער אַ סך פראַגן, און וואָסערע?

דעם נייננטן יוני 1932, פאַר מיטאָג, האָט מען מיך אַריינגערופן. דער איינדרוק, ווען איך האָב דערזען די רייע לערערס, זיצנדיקע אין איין זייט פון די צוזאַמענגעשטעלטע טישן מיטן דעלעגאַט פון מיניסטעריום אין דער מיט, איז געווען אַ פאַראַליזירנדיקער. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, וועלכן

ס׳מוז האָבן אַ געפּערלעכער פאַרברעכער, ווען ער געפינט זיך פאַרן געריכט מיט אַלע באַווייזן קעגן אים. די פּיס האָבן מיך נישט געוואָלט האַלטן. כ׳האָב געפילט, אַז אין מיין קאָפּ האָט מיט אַ מאָל זיך געשאַפן אַ פּוסטקייט. ווען איך האָב באַקומען די פראַגע וועגן די קאָנפעדעראַציעס און אויפשטאַנדן אין דער פוילישער געשיכטע האָב איך זיך אָנגעהויבן באַרויקן און צוריקבאַקומען דעם גלייכגעוויכט. ס׳איז אָבער געווען גענוג די לערערין זאָל מיר צונעמען דעם קאָנספּעקט וועלכן כ׳האָב געהאַט אָנגעשריבן, איך זאָל ווייטער דערפילן די פּוסטקייט אין קאָפּ. איך האָב געבעטן מען זאָל מיר צוריקגעבן דעם פּלאַן מיינעם. די לערערין האָט איינגעשטימט. ווען איך האָב דאָס באַקומען, איז פאַר מיר גענוג וועגן איין בליק פונעם אָנהויב, אַז איך זאָל קענען די טעמע אַנטוויקלען אָן שוועריקייטן.

פון פויליש האָב איך באַקומען די פראַגע, וועלכע מיר האָבן פריער דיסקוטירט אין קרייז: איבסענס פאַלקספיינד און זשעראָמסקיס יודים. ווען איך האָב די פראַגע באַקומען, בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל מיר אַן עצה געבן. ווי ס׳זענען אַדורך די אַנדערע קעגנשטאַנדן געדענק איך שוין נישט. דער סוף איז געווען אַ גוטער, איך האָב דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער דירעקטאָר, אין אַנוועזנהייט פונעם גאַנצן לערער־פּערסאָנאַל, אונדז מיטגעטיילט די רעזולטאַטן. אַלע האָבן די שריפטלעכע צייגענישן באַקומען, איך האָב אָבער נאָכן אַדורכקוקן דעם דאָקומענט, אים געמוזט צוריקגעבן, ביז מיין פאָטער וועט אויסקויפן דאָס וועקסל. אַ יאָר האָט געדויערט ביז מיין פאָטער האָט געקענט צונויפשטעלן די געהעריקע סומע.

וועגן דער גליקלעכער מינוט, ווען איך וועל שוין זיין נאָך דער מאַטורע, האָב איך און אַלע אַנדערע אַ סך מאָל געטראַכט און געטרוימט. איך האָב מיך, צום ביישפּיל, געזען אויפן וועג אַהיים. איך האָב מיר נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז דער וועג וועט זיין דער זעלבער ווי שטענדיק. טייל מאָל האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל אים נישט אַדורכמאַכן נאָרמאַל, נאָר גייענדיק אויפן קאָפּ. אַ צווייט מאָל האָב איך געטראַכט, אַז מיר אַלע וועלן דעם גאַנצן וועג טאַנצן און אַלע באַקאַנטע וועלן זיין גליקלעך מיט אונדז צוזאַמען.

נאָך די מאַטורע־עקזאַמענס

אַלע האָבן מיר מיט דעם ענדיקן די שול געבונדן גרויסע האָפענונגען. אַלע האָבן געטראַכט און געטרוימט, אַז דאָס וועט ברענגען אַן איבערברוך צום גוטן אין לעבן, שאַפן נייע מעגלעכקייטן, אויב נישט ווייטער צו שטו־דירן, איז כאָטש באַקומען אַרבעט. די ווירקלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר אַן אַנדערע.

מיין טרוים איז געווען צו שטודירן מעדיצין, אָבער דער וועג איז געווען פאַר מיר פאַרמאַכט. אַ סך שטרויכלשטיינער זענען געלעגן פאַר ייִדן אין פוילן צו די טירן פון אַ הויכשול. איינציקע, איבערהויפּט זייער רייכע מיט גוטע פּראָטעקציעס, האָבן נאָך געקענט איבערטרעטן די שוועל פון אוניווערסיטעט אין לאַנד. אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף די אוני־ווערסיטעטן קיין פראַנקרייך, אָדער קיין בעלגיע. די נישט פאַרמעגלעכע האָבן דאָרט געמוזט אויספירן די ערגסטע אַרבעטן פאַר די קלענסטע לוינען, כדי אויסצוהאַלטן זיך און לערנען, אַוועקגעבנדיק זייער צייט פון שלאָפן פאַר דעם צוועק. פאַר מיר זענען ביידע אויסוועגן געווען נישט צוגענגלעך. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסקלויבן איין ריכטונג: אַוועקפאָרן קיין וואַרשע, זיך אויסהאַלטן דאָרט פון לעקציעס, אָדער קאָנדיציעס, אַזוי ווי ס׳האָבן געטאָן אַ סך אַנדערע, און אָפט מאָל מוזן אויסשטיין אַלע קאַפּריזן פון די קינדער און פון זייערע עלטערן. אָבער דערווייל איז אויך דער וועג געווען פאַר מיר פאַרמאַכט. מיין מאַטורע־דאָקומענט איז געבליבן נישט אויסגעקויפט. איך האָב געמוזט בלייבן דערווייל צו לאַסט פון מיין פאָטער, אַ מאָל קריגנדיק אַ קאָרעפּעטיציע, און כ׳האָב זיך געשאַצט גליקלעך, ווען מ׳האָט מיר באַצאָלט...

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען לאַנגע טעג, וועלכע כ׳האָב נישט געהאַט מיט וואָס זיי אויסצופילן, טעג ליידיקע, אָן אינהאַלט און אָן אויסזיכט אויף אַן ענדערונג צום בעסערן. איך בין געווען צופרידן ווען איך האָב עפּעס געהאַט צו דערליידיקן, ווי למשל, באַצאָלן אַ רעכענונג פאַר עלעקטריע, אָדער דערליידיקן אַן ענין אין שטייעראַמט פאַר מיין פאָטער. אַ מאָל האָט אָפּגעגליקט צו שאַפן זיך אַ בוך צום לייענען, אַ בילעט אין קינאָ אָדער טעאַטער. כדי מיט עפּעס וואָס אויסצופילן די פוסטע טעג האָב איך אויף

מיר געגומען די גאַנצע אַרבעט פון רוימען אין שטוב, קאָנקורירנדיק מיט מיין שכנה, גליקל ראַפּאַפּאָרט, וועד פון אונדז וועט די פּאָדלאָגע דערפירן צו אַ בעסערן גלאַנץ, נאָכן אָפּפאַרבן זי מיט רויטער פאַרב און אויסשמירן מיט דאַבראָלין־פּאַסטע. איך האָב געהאָלפן באַקאַנטע, וועלכע האָבן געהאַט שוועריקייטן מיטן לערנען. געלערנט פּויליש אַזעלכע, וועלכע זענען אין שול נישט געגאַנגען, צוליב פאַרשידענע סיבות, איבערהויפּט רעליגיעזע. אַזעלכע שוועריקייטן האָבן געהאַט יינגלעך, ווייל זייערע עלטערן האָבן מורא געהאַט, אַז די וועלטלעכע לימודים וועלן זיי אָפּרייסן פונעם רעליגיעזן וועג.

צו דער קאַטעגאָריע שילערס האָבן געהערט מרדכי נאַכטיילער, פייוול גראַנאַטשטיין, אַ זון פון אַן אייגנטימער פון אַ בראַנפן־געשעפט אויף לובאַרטאָווסקע 18, און מענדעלזאָן.

וועגן מענדעלזאָנען וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער: ער איז געווען אַ זייער באַגאַבטער מאָלער. מיט אים האָט זיך פאַראינטערעסירט דער באַקאַנטער יידישער מאָלער און רעזשיסער יעקב ראַטבוים. די קונסט־אַקאַדעמיע אין וואַרשע האָט מענדעלזאָנען, אויסנאַמסווייז, געגעבן דאָס רעכט צו באַזוכן די לימודים אַלס פרייער צוהערער. (נאָרמאַל האָט זיך דאָרט געפאָדערט מיטל־בילדונג.) ער האָט זיך דערשלאָגן אויסצושטעלן זיינע בילדער אין יידישן אינטעליגענטן־קלוב אויף שאָפּען גאַס אין לובלין. מענדעלזאָן האָט אַפּנים געהאַט געענדיקט די „פּאַוושעכנע", אָבער פאָרזעצן זיין בילדונג האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן. זיינע עלטערן זענען געווען אָרעם און אים נישט געקענט העלפן. פאַר זיין מאָלער־אַרבעט האָט ער זיך נאָך דערצו געגייטיקט אין פאַרבן, אין לייוונט, אין פּענדזלען, אין ראַמען צו די בילדער. קיין שום זאַך פון דעם אַלעם איז פאַר אים נישט געווען צוגענגלעך. ער האָט זיך אויף זיין אָרעמקייט קיין מאָל נישט באַקלאָגט, אָבער איך האָב וועגן דעם באַקומען אַן אָנונג, ווען איך האָב איין מאָל אים באַזוכט אין זיין היים, אויף שעראַקע גאַס, וווּ זיין פאַמיליע האָט געוווינט אין איין, כמעט אין גאַנצן פינצטערן צימער, מיט אַן איינציקן פענצטער, וואָס איז אַרויס אויף אַ קעגנאיבערדיקער וואַנט, וועלכע האָט פאַרשטעלט די ליכט. קיין מעבל האָב איך אין צימער נישט געזען. מסתם פלעגן זיי ביי נאַכט אויפשטעלן בעטן פאַר די פאַמיליע־מיטגלידער.

נאָך מענדעלזאָנס אויסשטעלונג אין דעם דערמאָנטן קלוב האָבן

זיך אין דער יידישער שטאָטישער פּרעסע באַוויזן גינסטיקע רעצענזיעס. מענדעלזאָן איז געווען איבערגליקלעך און האָט געטראַכט, אַז דער איבער־ברוך איז געקומען. די אויסשטעלונג האָט אים אָבער ווינציק געהאָלפן. זיין טרוים אָנצוקומען אַלס נאָרמאַלער סטודענט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע איז נישט מקוים געוואָרן. ערשט עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער דאָך אָנגע־קומען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אַלס פּרייער צוהערער. דאָס האָט אָבער נישט געענדערט זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע און אים נישט געהאָלפן אין זיינע באַדערפעונישן אויף מאָלער־מאַטעריאַל און מעגלעכקייטן זיך אויסצוהאַלטן.

מרדכי נאַכטיילער איז שוין נישט געווען אַזוי אָרעם פון דער היים, אָבער זיינע עלטערן האָבן פאַר אים געזען דעם טראַדיציאָנעלן וועג. זיי האָבן אים געוואָלט חתונה מאַכן פאַרהעלטנישמעסיק גוט, מיט אַ ביסל נדן, וואָס האָט אים געדאַרפט העלפן זיך איינאָרדענען. קען זיין אַז זיי האָבן אויך געהאָפט, אַז ער וועט זיין אַן איידעם אויף קעסט. ער האָט אָבער געזען פאַר זיך אַן אַנדערן וועג. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, איבערגעריסן מיט דער כלה און מיטן רעליגיעזן וועג פון זיינע עלטערן. ער איז אַוועק קיין וואַרשע, ווו ער האָט געליטן נויט, נישט קענענ־דיק געפינען קיין שום אַרבעט. ער האָט געשטרעבט צו וועלטלעכער בילדונג. איך האָב זיך באַמיט אַ ביסל אים צו העלפן.

צו די, וועמען איך האָב אין יענער צייט געהאָלפן דערווערבן אַ ביסל בילדונג, האָבן געהערט משה שטערן און מיין קוזין העניעק פערנאַנד, ביידע, צו יענער צייט, שילערס פון גלאַזבערגס גימנאַזיע, וועלכע האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אין די דרייסיקער יאָרן, נאָך דער ליקווידאַציע פון דער שפּערס גימנאַזיע. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אָן שום פּערספּעקטיוו און כמעט נישט געגעבן קיין שום פאַרדינסטן. מיר איז געווען פיינלעך צו זיצן אויפן קאַרק פון מיינע עלטערן, וועלכע האָבן קוים געבונדן אַן עק מיט אַן עק. אויף אַנדערע אויסגאַבן פאַר מיר האָבן זיי נישט געהאַט, און איך האָב נישט געקענט פאָדערן פון מיינע עלטערן קיין געלט כדי אַריינצוגיין אַ מאָל אין אַ קינאָ, אין אַ טעאַטער, אָדער צו קויפן זיך אַ ביכל.

פון צייט צו צייט פלעג איך דאָך אַ מאָל גיין אין טעאַטער, אַ דאַנק מיין שכנה, פּיטשע־פּערל. אירער אַ פעטער האָט געאַרבעט אין „לובלינער טאָגבלאַט", איך ווייס נישט צי אין דער דרוקעריי, אָדער אין דער אַדמי־

ניסטראַציע — פּלעג ער אַ מאָל ברענגען אַ קאָנטראָמאַרקע פֿאַר צוויי פּערזאָן.

אַ געוויסע צייט האָט מיין מוטערס קוזין, מרדכי פּערגאַנד, געשפּילט אין אָרקעסטער פֿון פּוילישן טעאַטער. פּלעג מיר אויך אָפּגליקן צו זען אַ פֿאָרשטעלונג אויף זיינעם אַ בילעט.

מיר האָבן אויך געפֿעלט די 5 גראָשן אַריינצורוקן אין האַנט דעם סטרוזש פֿאַרן עפֿענען דעם טויער, ווען מ׳איז געקומען נאָך דער פֿאָרשטעלונג, אָדער גאָר סתּם פֿון אַ שפּאַציר.

איך ווייס, אַז איך בין ווייט נישט געווען קיין אויסנאַם מיט דעם געפֿיל, אַז מיר לעבן אין אַ געזעלשאַפֿט וועלכע האָט נישט קיין אַנווענדונג פֿאַר אונדזערע יונגע הענט און כּוחות. ס׳איז געווען שווער זיך צו באַפֿרייען פֿונעם געפֿיל פֿון אויסזיכטלאָזיקייט און פֿון פּוסטקייט.

מענטשן, טרוימען, מעשׂים

אין יענער צייט, אַן אויסזיכטן אויף אַן ענדערונג אין מיין לאַגע, בין איך דאַנקבאַר געווען מיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך גענומען אַריינצוציען אין דער אַרבעט פֿון דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. איך בין געווען צופֿרידן, וואָס די פּוסטע טעג וועלן זיך אויספֿילן מיט אַ טעטיקייט פֿאַר אַן אידעאַל פֿון יושר, פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט פֿון צדק, פֿון גלייכהייט, קעגן ברידער־שׂינאה און דיסקרימינירונג. כאָטש פֿאַרלויפֿיק האָט די טעטיקייט נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט זיך אויסצוהאַלטן און נאָר געדראָט מיט לאַנגע יאָרן תּפֿיסה, האָט זי אָבער באַפּליגלט מיט אַ חלום פֿון אַ גערעכטן מאָרגן.

פֿאַר מיר, ווי פֿאַר אַנדערע יוגנטלעכע צווישן מיינע באַקאַנטע, איז דער וועג צו דער לינקער טעטיקייט געגאַנגען דורך דער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע. יעדעס יאָר פּלעגט דער ייִדישער אַקאַדעמישער פֿאַרבאַנד רופֿן, נאָך דער מאַטורע, אַלע אַביטוריענטן פֿון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג כּדי צו ווערבירן נייע מיטגלידער. בין איך געגאַנגען צו אַזאַ פֿאַרזאַמלונג און געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין פֿאַר־

באַנד. אין יענער צייט האָט דער פאַרבאַנד איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס. צוליב פּאָליטישע סיבות האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון אים די ציוניסטיש געשטימטע יוגנט. געבליבן זענען נאָר קאָמוניסטן און עטלעכע בונדיסטן, צווישן אַנדערע, אַ זון פון דער באַקאַנטער בונדישער טוערין, בעלאַ שפּיראָ, מיטן נאָמען שיפער. די שפּאַלטונג האָט דערפירט דערצו, אַז אַלע פאַר־בליבענע זענען געשטעמפּלט געוואָרן ווי קאָמוניסטן, און די די פּאָליציי האָט פאַרמאַכט דעם לאָקאַל אויף סטאַשיצאַ.

דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער יידישער יוגנטלעכער אינטעליגענץ. דער פאַרבאַנד פלעגט דאָך פירן אַ לעבהאַפטע קולטורעלע טעטיקייט אין פאַרשידענע פאָרמען פון זעלבסבילדונג, איינגעאָרדנט אָפטע ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, און אויך אַ מין קינסטלערישן קאַבאַרעט. דאָרט זענען אויפגעטרעטן אַ גרויסע צאָל באַגאַבטע און אינטעליגענטע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אַזוי אַרום געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן און אַנטוויקלען זייערע פעיִקייטן. צווישן אַנדערע, האָב איך דאָרט געקענט אברהם קוטשערן, זייער אַ שיינער און פעיִקער בחור, אַ זון פון אַ שניידער אויף דער קאַש־טשושקאַ גאַס. זיין מוטער איז געווען אַן אַקטיווע בונדישע טוערין, אָבער ער האָט זיך אַנגאַזשירט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. שטודירט האָט ער, מיין איך, יוריספּרודענץ אין וואַרשע. שפּעטער איז ער געווען אַ מיט־אַרבעטער פונעם לינקן פּוילישן ליטעראַרישן זשורנאַל „לעוואַר״, איינער פון די קאָמוניסטישע זשורנאַלן מיט אַ קורץ לעבן, צוליב דער מלוכישער צענזור. פון זיין משפחה האָט איבערגעלעבט זיינע אַ שוועסטער מיט אַ קינד, אַ געראַטעוועטע דורך אַ פּוילישער פאַמיליע. ביידע זענען זיי מסתם אין ישׂראל.

לאָווע ביאַלאָסטאָצקי, דער וועלכע האָט מיט מיר צוזאַמען געענדיקט די גימנאַזיע, נאָך פיר מאָל נישט געלונגענע פרוון צו באַקומען די מאַטורע, צוליב די שיקאַנעס פון דער שול און פון דער מאַכט איז שוין דאַן אַלט געווען 26 יאָר. אויסגעוואַקסן איז ער ביי זיין זיידן איזראַעליט, אַ באַקאַנטן אייגנטימער פון אַ רייע הייזער אין לובלין. איזראַעליט איז, טראָץ זיין רייכקייט, באַקאַנט געווען מיט זיין קאַרגשאַפט (אַ מין לובלינער „אַר־פּאַגאָן״, דער העלד פון מאָליערס „קמצן״.) ער איז געווען זייער פעיִק, מיט אַ שטענדיקן דורשט נאָך וויסן, אָבער אָן פּראַקטישן חוש און אָן דער־פאַרונג צו שאַפן זיך אַ נאָרמאַל לעבן. אַזוי ווי אין זיין „קאַלטער היים״

האָט אויף אים קיינער קיין אַכט נישט געלייגט פון די פריסטע יאָרן זיינע, איז ער קיין מאָל נישט געווען ווי געהעריק אָנגעטאָן. יאָרן לאַנג האָט ער געהאַט איין אַנצוג און איין פּאַלטן. ביידע מלבושים אין אַ זייער שלעכטן צושטאַנד, אָפּגענוצטע און שמוציקע. ער האָט קיין אַכט נישט געלייגט צו פאַרקנעפּלען זיך ווי געהעריק, און טאָמער איז דאָס וויניק, זענען זיינע שקאַרפּעטן שטענדיק געווען מיט לעכער אויף די פּיאַטעס און די שיך זענען געווען אויסגעדרייטע מיט אָפּגעריבענע קנאָפּל. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין געדולד לענגער צו זיצן אויף איין אָרט. ער פלעגט ווי באַוויזן זיך ביי עמעצן פון זיינע באַקאַנטע. נישט אָנקלאַפּנדיק אין דער טיר, פלעג ער אַריינפאַלן אין שטוב, אַדורכלויפן די גאַנצע וווינונג, צו דער פערזאָן צו וועלכער ער איז געקומען, אָפּט מאָל אַפילו נישט אויסרעדן אַ וואָרט, כאַפּן עפּעס אַ ביכל, עס שנעל אַדורכבלעטערן, מיט אויפמערקזאַמ־קייט זיך קאָנצענטרירן אויף דעם וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט (צו באַוואונדערן איז געווען ווי שנעל ער האָט דאָס געזוכטע געפונען און פאַר־געדענקט) און מיט אַ מאָל אַזוי ווי ער איז געקומען פלעג ער אומגעריכט פאַרשווינדן. צו מיר פלעגט ער אַריינלויפן אָפט. די באַקאַנטע מיינע פלעגן זאָגן אַז ער האָט פאַר מיר אַ גרעסערן אינטערעס. דאָס איז געווען מסתּם דערפאַר ווייל איך האָב קיין מאָל נישט אָפּגעלאַכט פון זיין אָנטאָן און זיין אויפהאַלטן זיך. אָבער זיינע וויזיטן ביי מיר האָבן אויך אויסגעזען אַזוי ווי איך האָב באַשריבן. זיינע אָנשווינגען זענען געווען באַקאַנט דער פּאָליציי. כאָטש ער האָט אַקטיוו נישט אָנטייל גענומען אין דער אומלעגאַלער קאָמו־ניסטישער טעטיקייט, האָט ער זיינע איבערצייגונגען נישט אויסבאַהאַלטן און ער פלעגט זיי אויסדריקן אָפן. מיט זיינע אַרויסטרעטונגען האָט ער דערפירט דערצו, אַז פאַר יעדן ערשטן מאַי, פאַר יעדן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָדער אין אַן אַנדער רויטער דאַטע, פלעגט מען אים אַרעסטירן — איזאָלירן אויף עטלעכע טעג. די אָפטע אַרעסטן האָבן פאַרערגערט זיין אַזוי אויך שווערע לאַגע ביי זיין זיידן, ביי וועלכן ער האָט געוווינט אויף קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע 51. צוליב די אַרעסטן, און געוויס אויך צוליב זיין נאַכלעסיקייט און זיין מיטפילן מיט די אָרעמע לאָקאַטאָרן, האָט ער פאַרלוירן זיין אַרבעט ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר פון זיין זיידנס הייזער אויף ביכאָווסקע גאַס. אַזוי אַרום האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, ווי דער גרעסטער טייל יידישע יוגנט.

ער איז אומגעקומען ביי די דייטשן. מיין מוטער האָט מיר געשריבן אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, אַז ער איז איין מאָל געווען ביי מיינע עלטערן אין דער היים און געפרעגט אויף מיר. דאָס איז די לעצטע ידיעה וואָס כ׳האָב באַקומען וועגן אים.

שׂרה נאַמבערג, פון לובאַרטאָווסקע 24, איז געווען איינע פון די אַק־טיוויסטע אינעם פאַרבאַנד. זי איז מיר נאָך באַקאַנט געווען פון דער צייט, ווען זי האָט געלערנט ביי דער מאַגדעלקערן אין זעלבן הויז, ווו זי האָט געוווינט מיט אירע עלטערן. איך פלעג זי אָפּט מאָל זען דורך מיין פענצטער גיין אין דער גימנאַזיע. אָפט מאָל פלעג איך זי זען אָנגעשפאַרט אויף איר ברודערס אַקסל. זי האָט געהאַט אַ שם פון אַ זייער פעיִק מיידל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זי פאַר איר טעטיקייט „פּאַרדינט" אַ זייער האַרבע תּפיסה־שטראָף. מיין נאָענטקייט מיט איר, וואָס האָט געשטאַמט פון דער אַקאַדעמישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך באַנייט נאָך איר אַרויסגיין פון תּפיסה.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט זי זיך אין לובלין נישט געפונען. די דייטשישע אָקופּאַציע האָט זי דורכגעמאַכט אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אין אַשוויענטשים. אויב מען נעמט אין אַכט אירע קראַנקע פיס, צוליב וועלכע זי האָט שטענדיק געמוזט אָנקומען נאָך הילף פון מענטשן, — איז דאָס בלייבן לעבן אירס אין אַשווענטשים געווען ממש אַ נס. געהאָלפן שטענ־דיק האָט איר דער ברודער און אויך איר שוועגערין, די סימפּאַטישע שוואַרץ־חנעוודיקע ריווטשע, אויך אַ טעטיקע קאָמוניסטקע.

נאָך דער מלחמה האָב איך שׂרהן געטראָפן אין לובלין אויפן פּאָסטן פון פאַרטרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם לובלינער פּאַרטיי־אָרגאַן: „שטאַנדאַר לודו". אין באַווּסטן 1956סטן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג אַראָפּ פון איר פּאָליטישער קאַריערע. נאָכן 1967טן יאָר האָט זי געמוזט פאַרלאָזן די רעדאַקציע. זי האָט נאָך אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין אַ צייט־שריפט פון דער וואָיעוואָדשאַפט, אָבער צום סוף האָט זי אויך פון דאָרט געמוזט אָוועק. אין 1968 האָט זי עמיגרירט און געפינט זיך איצט אין ישׂראל.

מיכאל בראָמבערג איז געווען פאָרזיצער פונעם אַקאַדעמישן פאַרבאַנד. באַזונדערס אַקטיוו איז ער נישט געווען, זיין קאַנדידאַטור איז אָבער געווען געווונטשן, ווייל אַלס אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע האָט ער געקענט דינען דעם פאַרבאַנד נישט זייענדיק פאַרדעכטיק אין קאָמוניסטישער טע־טיקייט, הגם פאַקטיש האָט ער אַרויסגעוויזן סימפּאַטיעס פאַר דער ריכטונג.

די לאַגע האָט זיך געענדערט ווען די ציוניסטן האָבן פאַרלאָזט דעם פאַרבאַנד און ס'איז געוואָרן דייטלעך ווער ס'איז אין אים פאַרבליבן נאָך דעם ווי דער לאָקאַל אויף סטאַשיצאַ איז געשלאָסן געוואָרן. אין אַ צייט אַרום, ווען די גרופּע יוגנטלעכע האָט זיך באַמיט צו עפענען אַ נייעם לאָקאַל, האָט מיכאַל שוין נישט געקענט זיין דער פּאַסיקער קאַנדידאַט פאַרן פּאַרזיצער. דערצו האָט ער געהאַט אַ „פלעק" אין דער משפחה: זיין ברודער אַדאַם מיט זיין כלה, יאַנינאַ ב:ער, זענען שוין געווען פאַרמשפּט פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. זיין עלטסטער ברודער, עליאַש, טעטיק אין יידישן אינטעליגענטן־קלוב, האָט שוין אויך נישט געוועקט קיין צוטרוי ביי דער דעמאָלטיקער מאַכט. ער איז געווען צו „ליבעראַל" און „דעמאָקראַטיש" פאַר איר.

פּיוול קאַמיען האָט פאַרמעל נישט געקענט געהערן צום פאַרבאַנד, ווייל ער האָט די גימנאַזיע נישט געענדיקט. נישט קוקנדיק אָבער דערויף, איז ער פּאַקטיש געווען פון די אַקטיווסטע אין פאַרבאַנד. ער איז געווען איינער פון די צוויי זין און דריי טעכטער אין זיין פאַמיליע. אַחוץ דער עלטסטער טאָכטער זענען אַלע פיר געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, צוויי שוועסטער: צעשע און עווע, זענען אַפילו אַריינגעפאַלן אין תּפיסה. דעם זעלבן גורל האָט אויך געטיילט זיין ברודער נח מיט אַ פּסק פון עטלעכע יאָר. דער פאָטער, כאָטש ער איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ שטילע סימפּאַטיע פאַר דער ריכטונג. קיין פאַר־דינער איז דער פאָטער נישט געווען. ער איז געגומען געוואָרן אַלס איידעם אויף קעסט אין אַ רייכער משפחה פון אַן אייגנטימער פונעם הויז אויף ניעצאַלע 10. אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרדינט אַ ביסל אַלס דיין. ווען דער קריזיס איז אָבער געוואָרן שאַרפער, זענען זיינע פאַרדינסטן אין גאַנצן אַוועקגעפאַלן. די פאַמיליע האָט געמוזט לעבן פון דער מאַנאַטלעכער פּענסיע וואָס עס האָט צוגעטיילט דער פרויס פאָטער. די פּענסיע האָט געקענט קלעקן נאָר פאַר זייער אויסהאַלט. געוווינט האָבן זיי אין הויז פונעם פאָטער. טראָץ דער גאַנצער שטיצע האָבן זיי נישט געקענט בינדן אַן עק מיט אַן עק. דער אַלטער גאָלדפאַרב האָט געדראָט צוריקצוצי:ען די שטיצע צוליב דער קאָמוניסטישער טעטיקייט פון די אייניקלעך. מסתּם איז די דראָונג נוגע געווען פּיוולען, וועלכער איז דעריבער אַקטיוו געווען בלויז אין לעגאַלע פאַרמען. אַזוי האָט ער, למשל, אָנטיילגענומען אין דער אַרבעט פון יידישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד, מיטגעהאָלפן און אינספּירירט פאַרשידענע געלונ־

גענע פאַראַנשטאַלטונגען מיט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט גרויסע פעיִקייטן אַלס לעק־טאָר. זיינע רעפעראַטן האָבן תּמיד אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי די צוהערערס. זייענדיק גוט באַהאַוונט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט ער זיך באַמיט זי צו פּאָפּולאַריזירן אין די ברייטע ייִדישע קרייזן, דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען און ספּאָרט־קלובן. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ווי אַ קאָמענטאַטאָר פון די פּאָליטישע געשעענישן, אַרויס־גייענדיק פון אַ ליטעראַרישן ווערק. אַזוי ווי ער האָט געקענט אַרויסטרעטן אין דער פּוילישער און אין דער ייִדישער שפּראַך, האָט ער געבראַכט גרויסע נוצן דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לובלין. ספּעציעלע פאַרדינסטן האָט ער געהאַט פאַר דעם ייִדישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד צוליב זיינע גוטע קאָנטאַקטן מיט פאַרשידענע קרייזן פון דער ייִדישער און נישט־ייִדישער באַפעלקערונג.

ווען די פּאָליציי האָט פאַרמאַכט דעם לאָקאַל פון דעם ייִדישן אַקאַדע־מיקער־פאַרבאַנד, האָט אַ גרופּע פריִערדיקע אַקטיוויסטן באַלד באַשלאָסן אָנצווענדן אַלע מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ צווייטן לאָקאַל און צוריק אויפלעבן די טעטיקייט. פּראָבלעמען זענען געווען אַ סך. איינער פון זיי איז געווען צונויפצושטעלן אַ פאַרוואַלטונג פון מענטשן וואָס זענען געווען אױ־סער יעדן פאַרדאַכט ביי דער מאַכט. קיינער פון דער פריִערדיקער פאַר־וואַלטונג האָט נישט געקענט קומען אין באַטראַכט. נאָך לאַנגע זוכענישן, איבערלייגונגען און דיסקוסיעס, איז געלונגען צו שאַפן אַ נייע פאַרוואַלטונג מיט יוסף שפּירא, דעם דערמאָנטן זון פונעם אייגנטימער פון דער גיסעריי אויף זאַמאָיסקע גאַס, אין דער שפּיץ. זיין קאַנדידאַטור איז געווען אַ געוווּנטשענע צוליב זיין אָפּשטאַם פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, און ער האָט געקענט אָנגיין ביי דער מאַכט אַלס נישט אָנגאַזשירטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. איך בין געווײלט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. אין יענער צייט, ווען קיין לאָקאַל האָט זיך נישט געפונען, האָט דאָס באַטייט, אַז איך האָב געמוזט פירן אַ פּראָטאָקאָלן־בוך פון די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג און אויף דעם אופן שאַפן אַ דאָקומענט פונעם פאַרבאַנדס עקסיסטענץ און טעטיקייט. צוויי מאָל אין חודש, מינדעסטנס, האָט זיך געפאָדערט אַזאַ פּראָטאָקאָל. אין קעגנפאַל האָט די פּאָליציי געקענט האָבן אַן אַרגומענט אויפצולייזן די אָרגאַניזאַציע. אומאָפּהענגיק צי די פאַרוואַל־

טונג איז זיך צונויפגעקומען אָדער נישט, האָב איך צונויפגעשטעלט אַזאַ פּראָטאָקאָל און פֿאַרזען אים מיט געהעריקע אונטערשריפטן. איך געדענק שוין נישט די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, אָבער די פּאָק־טישע אינספּיראַטאָרן זענען געווען פּייזול קאַמיען און לאָווע ביאַלאָסטאָצקי. די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דער נייער פֿאַרוואַלטונג און פֿון דער גרופּע אַרום איר, איז געווען צו שאַפֿן אַ נייעם לאָקאַל, אַן אויפֿגאַבע אין יענע באַדינגונגען, כּמעט ווי אַ נישט דערגרייכבאַרע. די פֿאַרוואַלטונג האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין שום געלטמיטלען און נישט געהאַט קיין איינקונפֿטן. אַפֿילו נישט קיין מיטגליד־אָפּצאָל, ווייל קיינער, כּמעט, האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט און נישט פֿאַרדינט. אַחוץ דעם איז אויך געווען שווער צו געפֿינען אַ בעלן צו פֿאַרדינגען אַ לאָקאַל אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ קאָמוניסטישן „שטעמפּל". אָבער די גרופּע ענטוזיאַסטן און טרוימערס האָבן די אַרבעט אָנגעהויבן און אָדורכגעפֿירט. זאַמלען געלט האָט מען געפּרוּווט, צום בייַ־שפּיל, דורך אַ גאַסן־„בלימעלע". אָרגאַניזירן אַזאַ זאַמלונג איז אויך נישט געווען איינפֿאַך. די ערשטע שוועריקייט איז באַשטאַנען צו קריגן אַ דער־לויבעניש פֿון דער מאַכט. אַזאַ דערלויבעניש האָט די מאַכט נישט גערן געגעבן, דערצו נאָך, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ באַפֿלעקטער אָרגאַ־ניזאַציע. אָבער סוף כּל סוף האָט די פֿאַרוואַלטונג די דערלויבעניש באַקומען. כּדי דורכצופֿירן די זאַמלונג האָט זיך געפֿאָדערט אַ גרויסע צאָל מיטהעל־פֿערס. מ׳האָט געדאַרפֿט זיצן עטלעכע שעה בײַ טישלעך, אָדער אַרומגיין אויף דער גאַס מיט אַ פּושקע און פֿאַרשלאָגן די דורכגייערס אַ „בלימעלע" פֿאַר וועלכן זיי האָבן געזאָלט געבן זייער צושטייער. צו געפֿינען די וויליקע איז געווען אַ פּראָבלעם, ווייל נישט יעדער האָט ליב געהאַט צושטיין צו צופּעליקע, אומבאַקאַנטע מענטשן זיי זאָלן שענקען געלט. באַזונדערס האָט נישט יעדער געוואָלט אָפּן אַרויסווייזן זייַן צוגעהעריקייט צו אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַ לינקער ריכטונג. נאָך אַ שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ס׳האָבן זיך געפֿאָדערט רעפּרעזענטאַטיווע זאַמלערס מיט אַ בעסערער קליי־דונג, כּדי די דורכגייערס זאָלן זיי בעסער אויפֿנעמען.

טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָט זיך אַ גאַנץ היפּשע צאָל זאַמלערס געפֿונען. צווישן זיי זענען געווען די צוויי שוועסטער קאַנאַפּקאַ: סאָלע און סאָבינע, די עלטסטע טעכטער פֿונעם אָנגעשטעלטן אין דער יידישער גמינע, ביידע זייער שיינע מיידלעך. נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט בײַ אַזאַ מין

זאַמלונג. אַ סך האָבן נישט געוואָלט אָפּזאָגן זייער צושטייער די צוויי שיינע מיידלעך. זייער מיטהילף האָבן געגעבן די שוועסטער שאָר, פריינדינס פונעם פּאָרזיצער יוסף שפּירא, צוויי שוועסטער בורשטין (טעכטער פון אַ גאַרבעריי־אייגנטימער.), מאַקס הערץ, אַ זון פון אַ יידישן מיליטערמאַן (אין יענער צייט האָבן זיך נאָר צוויי אַזעלכע געפונען אין לובלין. דער צווייטער האָט געהייסן סעגאַל). מאַקס איז געווען אַ גוט דערצויגענער בחור, וועלכער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן ביי דער געהעריקער עטיקעט און האָט געפונען פאַר יעדן עטלעכע אָנגענעמע ווערטער. ער איז געווען אַ גוטער פון דער נאַטור, און גרייט צו העלפן.

צו די אָנטיילנעמערס האָבן אויך געהערט אַהרן קאַרטאָפעל, אולמאַכער, קאַרפּ — פון די פּעיִקסטע אַביטוריענטן פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, און פיל אַנדערע, וועלכע איך געדענק צום באַדויערן מער נישט. ס'איז געלונגען צו באַזעצן אַלע טישלעך אויף די וויכטיקסטע פונקטן און אויס־בילדן גייענדיקע פּאַרלעך. צוגעהאָלפן האָט אויך אַ גרופּע סטודענטן פונעם קאַטוילישן אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן געהערט צו דער פּ.פּ.ס.ישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „טור", וויליקע צו העלפן אין אַקציעס לטובת דער קאָמוניסטישער ריכטונג. צו די, וועלכע האָבן פלייסיק מיטגעהאָלפן, האָבן געהערט קוויעצינסקי, שישקאַ, די גאָלדפינגער (אַן איניקל פונעם דירעק־טאָר קוניצקי), ווודעל, קזשיקאַלאַ, לאַבאַדאָווסקי, און אַנדערע.

די זאַמלונג האָט געגעבן די ערשטע סומע און איז געווען אַן אָנזאָג אַז דער לאָקאַל הייבט אָן אָנצונעמען קאָנקרעטע פאָרמען. די סומע איז אָבער געווען ווייט נישט גענוג און מ'האָט געמוזט זוכן נאָך וועגן צו שאַפן געלט. אַזאַ פאָרם איז געווען דאָס איינאָרדענען טאַנץ־אָוונטן אין איינעם פון די גרויסע לובלינער זאַלן פאַר בעלער און חתונות. אַזעלכע אָוונטן פלעגן אָפּט איינאָרדענען פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס ווינטער־צייט, אין דעם אַזוי גערופענעם קאַרנאַוואַל־סעזאָן. דער אַממערסטן אָנגענומענער אָוונט איז געווען סילוועסטער, ד.ה. דער 31טער דעצעמבער. אָבער פאַר דעם אָוונט, בעסער געזאָגט, פאַר דער נאַכט, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן נישט געהאַט קיין אויסזיכטן צו באַקומען נישט די זאַלן און נישט די אָרקעסטערס, ווייל אי די זאַלן אי די אָרקעסטערס זענען די נאַכט געווען זייער טייער. פלעגן מיר פאַר אַזאַ אָוונט אויסוויילן אַ שבת צו נאַכטס אין קאַרנאַוואַל.

פאַר אַזאַ אונטערנעמונג האָט מען אויך געדאַרפט באַקומען אַ דערלוי־

בעניש פון דער מאַכט. פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע איז שטענדיק אַזאַ דער־לויבעניש געהאַנגען אויף אַ האָר. אויסער דעם האָט מען, כּדי צו דינגען דעם זאַל און דעם אָרקעסטער, געמוזט האָבן פאַרויס אַ גאַנץ גרויסע סומע. דאָס זעלבע כּדי איינצואָרדענען דעם בופעט, וועלכער האָט שטענדיק געגעבן די גרעסטע הכנסה נאָך די איינגאַנג־בילעטן. געלט האָט מען אויך געדאַרפט אויף דרוקן בילעטן, וועלכע מ׳האָט פאַרויס פאַרקויפט, כּדי צו פאַרזיכערן די ערשטע איינקונפטן. מיט די בילעטן האָבן פאַרלעך געמוזט באַזוכן אַ גרויסע צאָל לובלינער, לויט די צונויפגעשטעלטע רשימות פון די פאַמיליעס. און דאָ האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די שוועריקייטן מיט ווערבירן פריי־וויליקע פאַר דעם צוועק. קיין לייכטע אויפגאַבע איז דאָס נישט געווען פאַר די, וועלכע האָבן זיך דאָס אונטערגענומען. זיי האָבן געמוזט אויסמעסטן גרויסע שטרעקעס, אַרויף־ און אַראָפּקלעטערן אָנצאָליקע טרעפּ, נישט זעלטן זיין געצוווּנגען עטלעכע מאָל צו גיין צו די זעלבע מענטשן, ווייל זיי זענען נישט געווען אין דער היים, אָדער האָבן נישט געהאַט קיין געלט. נישט זעלטן האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף זידלערייען פון די באַזוכטע, אָדער געווען אויסגעשטעלט, אַז מען האָט פאַר זיי פשוט פאַרמאַכט די טיר אונטער דער נאָז. שטענדיק איז אָבער געלונגען איבערצוציִיגן אַ געוויסע צאָל יוגנטלעכע. זיי האָבן זייער שווערע און נישט דאַנקבאַרע אַרבעט אויסגעפירט מיט איבערגעגעבנקייט און נאָך יעדער רונדע מיט צופרידנקייט דערציילט וועגן די דערפאָלגן, און מיט הומאָר געשילדערט די דורכפאַלן.

צווישן די אָנטיילנעמערס האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע צאָל טרייע און שטענדיקע „גייערס״, גרייטע צו העלפן ווען זייער הילף איז געווען נייטיק. צו זיי האָבן געהערט די דערמאָנטע צוויי מיידלעך קאַנאַפּקאַ, ביידע שוועסטער שאָר, די פרוי מייזעלס, (פון דער היים בורשטין), און איר שוועס־טער. צו זיי האָבן זיך אויך אָפט מאָל אָנגעשלאָסן מאַקס הערץ, אַברהם קוטשער און בערעק טורקעלטויב, אַ זון פונעם אייגנטימער פון פּאַפּיר־געשעפט אויף שוויענטאָדוסקע און זיין שוועסטער עווע, בעלאַ געווערץ פון לובאַרטאָווסקע 12 (אָדער 14) און ,פאַרשטייט זיך, די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, מיטן אויסנאַם פון לאָווע ביאַלאָסטאָצקין, וועלכן מ׳האָט נישט געקענט באַווירקן ער זאָל נאָרמאַל צוקנעפלען די קנעפּלעך פון זיינע מלבו־שים, אָדער אָנטאָן גאַנצע שקאַרפּעטן, אָן לעכער אויף די פּיאַטעס.

צו די, וועלכע האָבן שטענדיק געקויפט די איינלאַדונגען און האָבן

גוט אויפגענומען די זאַמלערס, האָבן געהערט צווישן אַנדערע: דער אַדוואָקאַט ויידמאַן, דער זון פון באַקאַנטן אויגן־דאָקטאָר, אַ מיטגליד פון אינטעליגענטן־קלוב, עליאַש בראַמבערג, מיטגליד פון זעלבן קלוב, די אַדוואָקאַטן ביער און לידזקי. צו זיי האָט אויך זיך גערעכנט דער דערמאָנטער פּ.פּ.ס.־טוער און דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע קוניצקי.

נאָכן צונויפשטעלן אַ געהעריקע סומע האָט מען געקענט צוטרעטן צום איינקויפן פאַרן בופעט, און דערנאָך, צום איינאָרדענען אים אין זאַל. ביי אונדזערע באַדינגונגען איז דאָס אויך נישט לייכט אָנגעקומען. אַ גרויסע צאָל פון די איינגעקויפטע זאַכן האָט מען געמוזט טראַנספּאָרטירן מיט אייגענע כּוחות, דאָס הייסט פּשוט טראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס, ווייל מ׳האָט געמוזט און געוואָלט וואָס מער שפּאָרן, כּדי די הכנסה זאָל זיין גרעסער. מיט אייגענע כּוחות האָט מען אויך טראַנספּאָרטירט די כּלים, דאָס געשיר, וועלכעס מ׳האָט געמוזט אויסבאָרגן פאַר אַן אָפּצאָל. צו מאַכן הונדערטער אַזוי גערופענע „קאַנאַפּקעס" האָט זיך אויך געפאָדערט צייט און אַרבעט. זיי האָבן געמוזט זיין אויסערגעווייגלעך גוט און זייער קליין, ממש אויף איין צאָן. ס׳האָבן זיך געפונען ספּעציאַליסטן פון דעם מייסטערשטיק און די „קאַנאַפּקעס" האָבן געפונען אַ סך אָנהענגערס און האָבן זיך פאַרקויפט „ווי וואַסער". די געסט האָבן זיי מיט גרויס געשמאַק „אָפּגערוימט" פון די טישן.

אויפן זאַל גופא האָבן זיך אין דער צייט פון אָוונט געמוזט געפינען די אָרגאַניזאַטאָרן צו באַדינען די טישלעך און צווזען, אַז אַלע זאָלן זיך גוט פילן און ווילן. נאָך אַזאַ אָוונט זענען אַלע אָרגאַניזאַטאָרן געווען זייער מיד, אָבער זיי האָבן נישט געקענט פאַרלאָזן דעם זאַל ביז די שפּעטע שעהען פון אַנדערן מאָרגן, ווען זיי האָבן אַלץ אויסגעצאָלט, געמאַכט דעם בילאַנס פון די קאָסטן און איינקונפטן. די אָוונטן האָבן באַקומען אַ גוטן שם ביי די אָנהענגערס פון אַזעלכע פאַרווײַלונגען און האָבן אַריינגעבראַכט גרעסערע סומעס פאַרן לאָקאַל.

די פאַרוואַלטונג האָט באַשטימט זיך צו ווענדן אויך צו דער ייִדישער גמינע זי זאָל אַרויסהעלפן מיט אַ ביסל געלט פאַר דעם לאָקאַל. מ׳האָט געמאָלדן אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקערס זיי זאָלן זיך אין אַ געוויסן אָוונט אָוועקשטעלן פאַרן לאָקאַל פון דער „אַכראָנע" — אַן אַנשטאַלט פאַר ייִדישע יתומים, וווּ די דאָזיקע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. אַ גרעסערע

צאַל יוגנטלעכע האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט און באַשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן ביז וואַנען אַ געוויסע שטיצע וועט צוגעטיילט ווערן. לאַנגע שעהען זענען די פאַרזאַמלטע געשטאַנען אויף די שטיגן און געפּרוּווט באַווירקן אַלע דאָזאָרעס, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען פאַר־שטייערס פון פאַרשידענע פאַרטייען, פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שאַטירונ־גען: פון די רעליגיעזע און ציוניסטישע ריכטונגען און אויך פון „בונד". פון די לעצטע האָבן מיר גערעכנט צו קריגן אַן אונטערשטיצונג, מיט די אַנדערע זענען מיר נישט געווען זיכער. אָבער נאָך אַ לאַנגן געשפּאַנטן וואַרטן האָט דער פּרעזעס, שלמהלע האַלבערשטאַט, געמאָלדן, אַז מיר וועלן באַקומען אַן איינמאָליקע שטיצע. שפּעט אין דער נאַכט זענען אַלע פאַר־זאַמלטע אַהיימגעגאַנגען צופרידן, און אין אַ געהויבענער שטימונג. באַזו־נדערס צופרידן זענען אַלע געווען, וואָס די פּאָליציי האָט זיך נישט אַריינ־געמישט. זי פלעגט שטענדיק קומען, ווען ס'האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערע צאָל מענטשן. דאָס מאָל איז זי נישט געקומען, טראַכטנדיק, מן הסתם, אַז ייִדן מעגן זיך אַפילו אָפּרייסן איינע די אַנדערע די קעפּ, אַבי זיי רירן נאָר נישט אָן קיין אַנדערע.

נאָך די אַלע דערמאָנטע שריט האָט די פאַרוואַלטונג זיך דערשלאָגן צו אַ היפּשער אין יענער צייט סומע, 500 זל. זי האָט שוין געקענט אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ לאָקאַל. האָבן זיך ערשט איצט אָנגעהויבן נייע שוועריקייטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פאַר אַ פּאַסיקן לאָקאַל איז נישט געווען גענוג געלט. אויסער דעם האָבן די בעלי־בתים נישט געוואָלט פאַרדינגען אַ לאָ־קאַל אַן אָרגאַניזאַציע פון אַ לינקער ריכטונג. נאָך לאַנגע זוכענישן, אַן דער־פאָלג, האָט צום סוף אָפּגעגליקט מיט אַ לאָקאַל אויף לובאַרטאָווסקע 18. דאָס איז געווען אַ גרויס צימער אויפן פּאַרטער, ביים אַריינגאַנג אין הויף. ס'איז געווען שמוציק און אָפּגעלאָזן. קיינער האָט עס נישט געוואָלט דינ־גען צוליב זיין צושטאַנד. דאָס האָט געוויס באַוויגן דעם בעל־הבית ער זאָל אונדז יאָ פאַרדינגען. ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, איז די פאַרוואַלטונג געווען צופרידן. דער לאָקאַל האָט באַטייט די באַנייונג פון קולטורעלער אַרבעט, אַ זאַמלפּונקט פאַר אַ גרויסער צאָל אַרבעטסלאָזער יוגנט און אַ ביסעלע פרייד פאַר אַ סך אומבאַהאָלפענע און אויסזיכטלאָזע. אָבער איידער מען האָט געקענט עפענען די טירן, האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע רעמאָנט־אַרבעט, און חברה האָבן טאַקע פאַרקאַטשעט די אַרבל און פריייוויליק זיך

געקומען צו דער אַרבעט. יעדער האָט געטאָן אַלץ וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט. מ'האָט געמאָלעוועט די ווענט און פענצטער, מ'האָט געוואַשן די פּאָדלאָגעס און דערנאָך זיי געפּאַרבעט. דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט אַהרון קאַרטאָפעל מיט זיינע פעיִקייטן צו פאַרבן און צו דעקאָרירן, מ'האָט אַריינגעשטעלט עטלעכע טישן און בענק. דער לאָקאַל איז געוואָרן נישט צום דערקענען, פאַרפוצט, ריין און גרייט אויפנעמען די מיטגלידער און געסט. די פאַר־וואַלטונג האָט באַשטימט צו עפענען דעם לאָקאַל פייערלעך. אויסגעפאַלן איז דאָס אין דער צייט ווען דייטשלאַנד האָט אַרויסגעשיקט געוועזענע פּוילישע בירגער. די לאַגע פון אַט די ייִדן איז געווען זייער אַ טראַגישע. זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען, זייערע פּרנסות און אַלץ פון וואָס זיי האָבן געלעבט לאַנגע יאָרן. צווישן די פּליטים איז געווען דער באַרימטער שוישפּילער אַלעקסאַנדער גראַנאַך. די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן אים איינצולאַדן צו דער דערעפענונג. דאָס איז געווען אַ שווערע אימפּרעזע דורכצופירן. מיר זענען נישט געווען זיכער צי עס וועט זיך אונדז איינגעבן. איבערהויפּט זענען מיר נישט געווען זיכער, צי אַן אַקטיאָר פון אַזאַ מאָס־שטאַב וועט באַוויליקן אַרויסצוטרעטן אין אַזאַ קליינעם לאָקאַל, אָן שום איינריכטונגען, אָן אַ סצענע, און אָן דעקאָראַציעס. ווען מיר האָבן זיך געוואָנדן צו גראַנאַכן, האָט ער די איינלאַדונג אָנגענומען און נאָך אויסגע־דריקט זיין צופרידנקייט צו קענען טרעפן זיך מיט דער לובלינער יוגנט. ער האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון האָנאָראַר.

זיין צוזאָג איז געווען אַן אָנהויב פון די צוגרייטונגען. מ'האָט געמוזט דרוקן בילעטן און איבערהויפּט שאַפן גענוג פּלעצער צו זיצן, וואָס דאָס איז געווען אַ גאָר גרויסע שוועריקייט, מ'האָט געמוזט פאַרקאָטשען די אַרבל און פון אַלע באַקאַנטע אויסלייען אַלע זייערע בענק און שטולן. ברענגען האָט מען זיי געמוזט אויף די אייגענע פּלייצעס. אַזוי אַרום האָט מען אויך געמוזט שאַפן די נייטיקע כּלים פאַר דער צוגעגרייטער אויפנאַמע פאַר די איינגעלאַדענע געסט.

גראַנאַכס אויפטריט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער דערפאָלג. ס'איז געווען אוממעגלעך אויפצונעמען אַלע וועלכע האָבן אים געוואָלט הערן. דער לאָקאַל איז געווען איבערגעפּולט איבער די ברעגעס. ביי אַלע פענצטער און טירן זענען געשטאַנען צענדליקער נייגעריקע, פאַרכאַפּטע פון זיין דערציילן וועגן זיינע איבערלעבונגען אין היטלערישן דייטשלאַנד. דערנאָך

האָט ער פֿאַרגעטראָגן עטלעכע מאָנאָלאָגן פֿון זײַנע פֿאַרשידענע ראָלן, געשפּילטע אין ריינהאַרדס און אין פּיסקאַטאָר־טעאַטערס. דער עולם איז געווען באַגײַסטערט. גראָנאַך אַליין איז געווען זייער צופֿרידן און גערירט פֿון דער האַרציקער אויפֿנאַמע. נאָך זײַנע איבערלעבונגען אין דײַטשלאַנד איז דאָס פֿאַר אים געווען ווי אַ וואַרעמע באָד פֿאַר זײַנע געפֿילן.

די דערעפֿענונג פֿונעם פֿאַרבאַנד און גראָנאַכס פֿאַרלעזונג, האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין לובלין. דעם פֿאַרבאַנדס פּרעסטיזש איז געוואַקסן און ער האָט געקראָגן אַ נאָמען אין שטאָט. נאָך דער דערעפֿענונג האָט די פֿאַרוואַלטונג אָנגעהויבן אײַנאָרדענען רעגולערע אָוונטן מיט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן פֿון לובלין, מיט פֿאַרלעזונגען אויף פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס. אַרויסגעטראָטן זענען אויך שרײַבערס. די אײַנגעאָרדנטע דיסקוסיעס אויף פֿאַרשידענע טעמעס זענען געווען זייער לעבעדיקע און האָבן אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס. באַליבט זענען אויך געווען די געוויינלעכע טאַנץ־אָוונטן, אויף וועלכע די מיטגלידער האָבן צוגעשפּילט, אָדער צוגעזונגען.

צווישן די פֿרעלעגענטן זענען געווען דער שוין דערמאָנטער אַדוואָקאַט זיידמאַן, דער פּאָעט יוזעף לאָבאָדאָווסקי, דעמאָלט ראַדיקאַל געשטימט, מיטאַרבעטער פֿון דער בירגערלעכער פּרעסע, און דערנאָך עמיגראַנט, און וואַרשיינלעך, מיטאַרבעטער פֿון ראַדיאָ אין שפּאַניע. ווודעל האָט אויך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן. צו די פֿרעלעגענטן האָט געהערט פּיוול קאַמיען. זײַנע רעפֿעראַטן אין ייִדיש און פּויליש האָבן שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם צוהערערס. איינער פֿון זײַנע רעפֿעראַטן איז געווען וועגן שאָלאָכאָווס ווערק „די נישט באַאַרבעטע ערד". זײַנע רעפֿעראַטן זענען געווען שטענדיק באַזירט אויף אַ ליטעראַריש ווערק אין וועלכן ער האָט געזוכט דעם אידעישן קערן, וואָס האָט באַקרעפֿטיקט זײַנע איבערצײַגונגען. זײַן אויסוואַל פֿון ליטעראַרישע טעמעס איז אויך געווען אַזעלכער, אַז די פּאָליציי זאָל נישט האָבן קיין מאָטיוו פֿאַר שיקאַנעס. צו די פּאָליטישע דיס־קוסיעס האָט די פֿאַרוואַלטונג שטענדיק צוגעגרייט אַ גרופּע פֿעיִקע אָנטייל־נעמערס, ווייל עס פֿלעגן קומען פֿאַרשטייערס פֿון פֿאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן וויכּוחים. צו דער גרופּע האָט זיך גערעכנט, צום בײַשפּיל, פֿראַנעק קאַרפּ, יאַשע יונגמאַן, יוסף בורשטין און אַנדערע.

זייער פּאָפּולער ביי די מיטגלידער זענען געווען די פּרעסע־איבערזיכטן, ווייל נישט יעדער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קויפן אַ צייטונג. אַ סך פון די מיטגלידער פלעגן שפּעטנוויינ פאַרברענגען אויף קאַשטשושקאָ גאַס, ווו דער ענדעקישער „גלאָס לובעלסקי" און דער „קוריער לובעלסקי" פלעגן אַרויסגעהאַנגען ווערן יעדן טאָג. זומער איז נאָך געווען צום דערליידן, אָבער אין די פרעסט איז דאָס לייענען דאָרט געווען אַ מאַטערניש. מ'פלעגט פאַר־שטיינערט ווערן פון דער קעלט.

די טעטיקייט פון דעם יידישן אַקאַדעמיקער־פאַרבאַנד האָט אַרויס־גערופן אינטערעס אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פלעגן שיקן זייערע מיטגלידער און פאַרבעטן אונדזערע צו זיך. צו די אָרגאַניזאַציעס האָט געהערט, צום ביישפּיל, דער ספּאָרט־קלוב „וויענאַוואַ", אַנגערופן נאָכן נאָמען פון דער פאַרשטאָט, ווו דער קלוב האָט זיך געפונען. איינער אַזאַ פאָרטראָג דאָרט איז געווען געווידמעט דעם דערמאָנטן בוך פון שאָלאָכאָוון; געלייענט האָט אים קאַמיען, דער לאָקאַל איז געווען געפּאַקט. דער עולם האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט דעם פרעלעגענט און דערנאָך אים באַוואָרפן מיט פראַגן.

די דרייסיקער יאָרן זענען געווען די צייטן פונעם אַזוי גערופענעם איינהייטלעכן־ און פאָלקספראָנט. צווישן די יידישע און נישט־יידישע מאַסן זענען געוואַקסן האָפענונגען, אַז אייראָפּע שטייט פאַר ענדערונגען צום בעסערן, אַז עס געפינען זיך כּוחות, וועלכן קענען אָפּהיטן פון דער דראָענדיקער מלחמה־געפאַר, פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. קעגן די גע־פאַרן האָבן זייערע כּוחות קאָנצענטרירט די פּראָגרעסיווע מאַסן אין אייראָפּע. צוויי קאָנגרעסן, וועלכע האָבן געדאַרפט קעגנווירקן די שוואַרצע כּוחות, זענען דעמאָלט פאָרגעקומען: איינער — צום באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, און דער צווייטער — צו קאָנסאָלידירן אַלע שלום־כּוחות אויף דער וועלט. צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם צווייטן קאָנגרעס האָבן זיך געפונען דער באַוווּסטער פילאָזאָף און געלערנטער, בערטראַן ראַסעל, דער פראַנצויזישער שרייבער אַנדרע זשיד און פּאָל סאַרטר. אין פּוילן זענען אין שפּיץ געשטאַנען וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, אַנדזשעי סטרוג און אַנדערע. גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען זענען אַדורכגעפירט געוואָרן איבער גאַנץ אייראָפּע, און ס'זענען געזאַמלט געוואָרן אונטערשריפטן פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

אין יענער צייט האָט דער ייִדישער אַקאַדעמישער פאַרבאַנד געאַרבעט באַגייסטערט און אומדערמידלעך. די מיטגלידער האָבן אָנטיילגענומען אין זאַמלען אונטערשריפטן, די רשימות פון מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן זענען גאַנץ שנעל געוואַקסן. וואָס שייך דעם קאָנגרעס קעגן אַנטיסעמיטיזם האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט אַ ברייט־פאַרנעמיקע אַקציע. אַ פאַרזאַמלונג צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס און ייִדישע שולן, איז דורכגעפירט געוואָרן אויף ריבנע־גאַס אין לאָקאַל פון דער „קולטור־ליגע", וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון „בונד". פריִער האָבן זיך געפירט לאַנגע פאַרהאַנדלונגען מיט די אָרטיקע פירערס פון "בונד". אייניקע פאַרשטייערס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער בשותּפותדיקער אַקציע מיט די קאָמוניסטן. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט צו זיי געהערט די באַקאַנטע טוערין, בעלאַ שפּיראַ ; צווישן די אָנהענגערס פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן, איז געווען אַ צווייטער באַקאַנטער בונדישער לאַנגיאָריקער טוער, אַהרון ניסענבוים. געוווּנען האָבן די צווייטע. אָפּגעשטימט איז דער פאַרשלאַג געוואָרן אויף אַ זיצונג פון דעם אַזוי גערופענעם קוראַטאָריום פון דער ייִדישער פאָלקסשול, ווו פּייזול קאַמיען און איך האָבן רעפּרעזענטירט דעם ייִדישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. ס'איז באַשטימט געוואָרן איינצולאַדן אויך פאַרשטייערס פון דער „פּוילישער גאַס". און אַזעלכע פאַרשטייערס זענען טאַקע געקומען, צווישן זיי, אַ גרופּע פון „טור", פון אייזנבאַנער־פאַראיין און אַנדערע פאַרשטייערס פון פּוילישע אַרבעטער און אינטעליגענץ. אויף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאַרגעקומען ביי אַ געפּאַקטן זאַל מיט אַ פאַרשטייער פונעם „לובלינער טאַגבלאַט" אין דער פּערזאָן פון יאַנקעלע ניסענבוים און הערנהוט פון דער „לובלינער שטימע". פאַר דער דערעפענונג פון דער פאַרזאַמלונג איז נאָך געקומען צו אַ קאָנפליקט מיט בעלאַ שפּיראַ. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט איינגיין צו באַנוצן אויך די פּוילישע שפּראַך, צוליב די אָנוועזנדיקע פּוילישע געסט, אַפילו אויף קיין באַגריסונג אויף פּויליש האָט זי נישט געוואָלט איינשטימען. די מיטגלידער פון אַקאַדעמישן פאַרבאַנד האָבן געמוזט אין גאַנג פון דער פאַרזאַמלונג שטילערהייט איבערזעצן די רעדעס און די רעזאָלוציע פאַר די פּוילישע געסט.

אין די זעלבע יאָרן, ד.ה. אין די דרייסיקער, איז געלונגען צו באַווירקן

און אינספּירירן די אָנפירונג פון פּ.פּ.ס. און די רעדאַקטאָרן פון זייער אָרגאַן „ראָבאָטניק", איינצופירן אַן ענדערונג אין דער צייטונג, און געמלעך: די לעצטע זייט זאָל געווידמעט ווערן דעם אַרטיקן לובלינער מאַטעריאַל. דורך דעם יידישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד האָט די לינקע ריכטונג געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויפן צוזאַמענשטעל פון דער לובלינער זייט. גענוי ווי ס'איז צוגעגאַנגען די צוזאַמענאַרבעט געדענק איך נישט, אָבער איין וויזיט אין דער דרוקעריי פון דער לובלינער זייט איז מיר יאָ פאַרבליבן אין זיכרון. איך בין מיטגעגאַנגען אַהין מיט פּיוול קאַמיען, און ער האָט דורכגעלייענט דעם מאַטעריאַל און אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

פאַרן פאַרמאַכן דעם צווייטן לאָקאַל איז דעם פאַרבאַנד געלונגען דורכצופירן נאָך איין גרויסע קאַמפּאַניע קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. צו דער פאַרזאַמלונג זענען געקומען פאַרשטייערס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען ביי דער יידישער יוגנט, אַפילו פאַרשטייערס פון „בית״ר" (אָנהענגערס פון זשאַבאָטינסקי) מיט זייער אָנפירער, צבי זילבערבערג, וועלכן מ'האָט געקענט אונטערן צונאָמען „ציקלאָפּ", צוליב זיין איינציק געזונט אויג. ס'זענען אַרומגעגאַנגען וועגן אים נישט קאָנטראָלירטע קלאַנגען, אַז ער האָט מיטגעאַרבעט מיט דער פּאָליציי. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פיינטלעכקייט צו דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף דער פאַרזאַמלונג זענען אָנגעגאַנגען לאַנגע שטרייטן וועגן פאָרמולירן די רעזאָלוציע קעגן אַנטיסעמיטיזם, אָבער צום סוף האָט די רעזאָלוציע פון די אָרגאַניזאַטאָרן געזיגט. דעם זיג זייערן האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן זייער הויך אָפּגעשאַצט. די לעבהאַפטע טעטיקייט פון דעם אַקאַדעמישן פאַרבאַנד האָט דערפירט דערצו אַז דער לאָקאַל איז צום צווייטן און לעצטן מאָל פאַרמאַכט געוואָרן, און דערמיט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אויפגעלייזט. דער פאַרלוסט איז געווען אַ גרויסער און האָט שטאַרק געטראָפן די יוגנט־קרייזן און די לינקע באַוועגונג. ס'איז אָפּגעווישט און ליקווידירט געוואָרן אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ גאַנץ גרויסן איינפלוס אויף פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג. די ליקווידאַציע איז געקומען אין אַ גאָר שווערן מאָמענט. די צווייטע וועלט־מלחמה איז געשטאַנען ביי דער טיר. היטלער איז מיט גרויסע שריט געגאַנגען פאָרויס און האָט פאַרניכטעט וואָס מער כוחות, וועלכע האָבן זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט. און ער האָט שוין געהאַט דעראָבערט וויכטיקע פּאָזיציעס. אין איטאַליע האָט געהערשט דער פאַשיזם

מיט זיין טעראָר, אָבער ס׳האָט נאָך געקעמפט דער שוצבונד אין עסטרייך און די פאָלקסמאַסן אין שפּאַניע זענען נאָך געשטאַנען אין קאַמף קעגן פראַנקאָ. אין פּוילן האָבן דאַן די רעאַקציאָנערישע ריכטונגען אויפגעהויבן די קעפּ, אָרגאַניזירט מאַסן־אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק אא״וו. אויף די אוניווערסיטעטן האָבן די רע־אַקציאָנערסטע גרופּעס סטודענטן אָרגאַניזירט ברוטאַלע אָנפאַלן אויף די יידישע סטודענטן. אויף די לובלינער גאַסן, ספּעציעל אויף קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע, זענען געשטאַנען פּיקעטן און האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים אין די יידישע געשעפטן. אין זאַקסישן גאָרטן פלעגן די אָנהענגערס פון קאַצן שלאָגן יידן. מיין ברודערס אַ חבר האָט געקראָגן מיט אַ מעסער אין דער פּלייצע.

אין אָנבליק פון די געפאַרן איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי וויכטיק ס׳איז געווען צו שאַפן אַ ווידערשטאַנד. צו דעם צוועק האָבן געזאָלט דינען די צוויי דערמאָנטע קאָנגרעסן. דער יידישער אַקאַדעמישער פאַרבאַנד האָט צוגעטראָגן זיין צושטייער צום קאָנסאָלידירן די אַנטיפאַשיסטישע כוחות. זיין ליקווידאַציע האָט אָפּגעשוואַכט די לינקע און אַנטיפאַשיסטישע טעטיקייט אין לובלין. ס׳איז געבליבן נאָר די אומלעגאַלע אַרבעט, וועלכע האָט געהאַט קלענערע מעגלעכקייטן און קלענערע עפעקטן.

נאָכן פאַרמאַכן דעם לאָקאַל זענען אייניקע מיטגלידער איבערגעגאַנגען צו אומלעגאַלער אַרבעט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין יוגנט־פאַרבאַנד, און מ.אָ.פּ.ר. די טעטיקייט האָט געהאַט פאַרשידענע פאָרמען און איז געפירט געוואָרן אין קליינע גרופּעס. הויפּטזאַכלעך האָבן זיי זיך פאַר־נומען מיט זעלבסטבילדונג, אָדער מיט אָדורכפירן פאַרשידענע אַקציעס, ווי פונאַנדערקלעפּן פּלאַקאַטן, פאַרוואַרפן פענער אויף פאַרשידענע גאַסן, זאַמלען פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע פאַמיליעס, און אַנדערע פאָרמען.

איך וויל דאָ דערמאָנען געוויסע מענטשן וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער טעטיקייט. דאָס ערשטע אַזוי גערופענע קעמערל, מיט וועלכן איך האָב אָנגעפירט, איז באַשטאַנען פון עטלעכע דינסטמיידלעך. זיי פלעגן זיך זאַמלען אין אַ וווינונג אויף טאַרגאָווע, אַנטקעגן אונדזער הויז. דאָס דינסט־מיידל פלעג אויסנוצן די צייט, ווען אירע בעלי־בתים זענען נישט געווען אין דער היים. ס׳פלעגן זיך דאָרט צונויפזאַמלען אַ פיר מיידלעך. אַלע האָבן

געשטאַמט פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך. זיי זענען געקומען קיין לובלין זוכן אַרבעט, און קיין אַנדערע, אַחוץ שטובאַרבעט נישט געפונען. זייער אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. זיי פלעגן מוזן אַרבעטן גאַנצע טעג און אויסשטיין אַלע קאַפּריזן פון די אַרבעטגעבערס און זייערע קינדער. זיי האָבן געמוזט זיין שטענדיק צו זייער דיספּאָזיציע, זעלטן געהאַט פאַר זיך אַ פרייע מינוט, שוין אָפּגערעדט וועגן אַ פרייען טאָג. זיי זאָלן מעגן ערגעץ זיך אַדורכגיין, אָדער טרעפן באַקאַנטע. אונדזער ציל איז געווען זיי צו אָרגאַ־ניזירן, זיי זאָלן קענען אויסקעמפן אַ ביסל בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דאָס קעמערל האָט מיר אָנפאַרטרויט יהודה שטערנפינקל. דעצידירט האָט מיין יִדיש קענען, מינדלעך און אויך אין שריפט. איך האָב פאַר די דינסט־מיידלעך געקענט לייענען די ליטעראַטור אין דער יִדישער שפּראַך.

אַ צווייטע גרופּע, וועלכע איך פלעג פירן, איז באַשטאַנען פון יונגטלעכע שניידער־יִנגלעך. אויך זייערע באַדינגונגען זענען געווען גאָר נישט קיין לייכטע. די מייסטערס פלעגן זיי אויסנוצן גאַנץ אָפט צו באַדינען די פאַמיליע, צוהעלפן זייערע פרויען אין אַלע שטוב־אַרבעטן. דער טרעפפונקט מיט זיי פלעגט זיין אויף די טשעכעווער לאָנקעס. פאַר זיי האָב איך דאָן פאַרגע־לייענט אַן אַקטועלע בראָשור וועגן עסטרייכישן שוצבונד. די גרופּע פלעג זיך אויך אַ מאָל טרעפן ביי איינעם פון זיי מיטן נאָמען שטשעטשיניאַזש. ווען זיין מוטער, אַן אַלמנה, איז נישט געווען אין דער היים. די מוטער זיינע האָט „געהאַנדלט״ מיט בייגל און אָפט געווען אין גאַס. איין מאָל איז זי אומגעריכט אַהיימגעקומען און האָט פון שרעק פאַר די פאָלגן פון די צוזאַמענטרעפן פון דער גרופּע, געמאַכט אַ געשריי וואָס האָט געקענט וועקן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי און דערפירן צו אַן אַרעסט. האָבן אַלע שנעל פאַרלאָזט די שטוב און געווען צופרידן, וואָס ס'האָט זיך פאַר־ענדיקט פרידלעך און אָן שום שווערע קאָנסעקווענצן.

צו אַן אַנדער „קעמערל״ האָט געהערט יחיאל בלייך, אַ מצבה־קריצער. ער האָט צוזאַמען מיט זיינע ברידער געירשנט דאָס פאַך פון זייער פאָטער. זייער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אויף לובאַרטאָווסקע, נישט ווייט פונעם אַריינגאַנג אויף רוסקע. צו דער זעלבער גרופּע האָט נאָך געהערט אַ שניידער פון פאַך און נאָך צוויי אַנדערע, וועמעס נעמען איך געדענק נישט. און מעג־לעך, אַז איך האָב זיי אין גאַנצן קיין מאָל נישט געקענט צוליב מאָטיוון פון קאָנספּיראַציע. טרעפן פלעגן מיר זיך ביי דער פאַמיליע בידערמאַן אויף

צירוליטשע, אָדער ביי די בלייכעס, ערגעץ־ווּ אויף דער שעננע גאַס.

אַ גרופּע פון קאַרסעטן־מאַכעריננס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אויף שווענ־טאַדוסקע, ביי אַ מיידל מיטן נאָמען באַרענשטיין, וועלכע איז געווען די אַממערסטן טעטיקע. צו דער גרופּע האָט געהערט בלומע פּערלמוטער, פון דער לובאַרטאָווסקע פון שיפּס הויז. אויף איר אַדרעס פלעגן מיר באַקומען פּאָסט פאַר דער לובלינער אָרגאַניזאַציע פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון וואַרשע. ביי איר איז אויך געווען די „פּזשעיאַזדוווקע״, דאָס הייסט, אַן אָרט ווּ די דעלעגאַטן פון וואַרשע פלעגן האָבן אַ קאָנטאַקט־אַדרעס. צו דער דערמאָנטער גרופּע האָט אויך געהערט די שפּעטערדיקע פרוי פון משה שטערנפינקל, פרימעטאַ, וועלכע איז אויסגעוואַקסן ביי אירע קרובים (אירע עלטערן זענען וואַרשיינלעך פרי געשטאָרבן). זי איז געווען אַ זייער שיין און סימפּאַטיש מיידל. נאָך איין מיטגליד איז געווען עווא ראָזענבלום, איינע פון עטלעכע שוועסטער וואָס האָבן געשמט מיט זייער שיינקייט. די אַנדערע זענען געווען די טאָכטער פונעם באַקאַנטן אין לובלין שניידער, זיסמאַן, פון דער ניעצאַלע, און אַ טאָכטער פון אַן אייגנטימער פון אַ טאַבאַק־געשעפט אויף דער ערשטער־מאַי גאַס (איר נאָמען האָב איך נישט פאַרגעדענקט). געווען איז זי אַ הויך מיידל, מיט קורצע האָר פון אַ טונקל־ברוינעם קאָליר. אַ דאַנק איר איז ווערבירט געוואָרן ווינטער, אַן אייגנטימער פון אַ געוועלב פון עלעקטרישע מאַטעריאַלן, וועלכער איז געווען, ווייזט אויס, אַן עלעק־טריקער פון פאַך. זיין הילף איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע זיין געוועלב פאַר צוזאַמענטרעפן — זייער אַ וויכ־טיקע זאַך אין יענע באַדינגונגען — און אַחוץ דעם פלעגט ער אויך רעגולער איינצאָלן גרעסערע סומעס געלט. ביידע זאַכן זענען געווען זייער וויכטיקע, אין אַ צייט, ווען זעלטן ווער פון די טוערס האָט געאַרבעט און פאַרדינט. איך האָב געהאַט געלעגנהייטן צו באַקענען זיך מיט די מיטגלידער אויף זיצונגען פון דעם שטאָטישן קאָמיטעט פון „מאָפּר״ (די רויטע הילף). דאָרט זענען אָנוועזנדיק געווען אַ פאָרשטייער פון קרייז־קאָמיטעט פון לובלינער ראַיאָן, פּעלינסקי, דער סעקרעטאַר פון שטאָטישן קאָמוניסטישן יוגנט־קאָמיטעט, חיים אָרענשטיין־אַרסקי, און אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַ יונגע פרוי מיטן פּסעוודאָנים אָלגאַ. אין דעם קאָמיטעט זענען דאָן אַריין רחל פּאַרביאַזש, מיין חברטע פון דער „הומאַניסטישער״ גימ־נאַזיע, יעקל דרעקסלער, אַ זון פון אַ באַקאַנטער אין לובלין בעקערין (פון

שעראָקע, אָדער קאָוואַלסקע) מיטן נאָמען סימעלע, אַהרון דאַווידסאָן, וועל־כער איז שוין געהאַט אָפּגעזעסן אין תּפיסה אַ פּסק־דין פון 6 יאָר פֿאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. דער צוזאַמענטרעף איז דאַן פֿאַרגעקומען אויף ביכאַווסקע גאַס. די אַנוועזנדיקע זענען געווען געצוווּנגען צו בלייבן איבער נאַכט אין יענער שטוב, צוליב פֿאַרזיכט־מיטלען.

צו די אַזוי גערופֿענע טעכנישע אויספֿירערס פון דער אַרבעט, ספּעציעל, דאָס שיקן פּעקלעך מיט עסן און ליטעראַטור פֿאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע פֿאַמיליעס, האָט געהערט ריווטשע נאָמבערג, די פֿרוי פון הענעך נאָמבערג און שוועגערין פון שׂרה נאָמבערג. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט אירע גרויסע פֿעיִקייטן און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט. פֿאַר איר איז קיין מאָל גאָר נישט געווען שווער. זי איז שטענדיק געווען גרייט אַלץ צו לאָזן שטיין אין געוועלב מיט רימער־צודאַטן, און לויפֿן אויספֿירן יעדע אָנגעוויזענע אַרבעט. צוגעהאָלפֿן האָבן איר אין פֿאַרשידענע צייטן פֿאַר־שידענע פּערזאָנען. איינע פון זיי איז געווען אַ פּוילישע פֿרוי מיטן נאָמען וויזאָר, אַ פֿריינדין פון וויטאָלד יוזוויאַק, אַ לאַנגיאָריקער קאָמוניסט, און אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן איינע פון די אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן. די וויזאָר איז געווען אָנגעשטעלט אין ל.ס.ס. („לובעלסקאָ ספּולדזיעלניאָ ספּאָ־זשיווצזאַ", אַ סאָרט קאָנסומענטן־קאָאָפּעראַטיוו). דאָרט פֿלעגן זיי אויך מאַכן די פּעקלעך אין אַ געוועלב אויף לובאַרטאָווסקע, און פון דאָרט פֿלעגן די קרובים פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע נעמען די פּעקלעך און זיי איבער־געבן אין תּפיסה אַריין.

די פּעקלעך האָבן נאָך געהאַט אַ צווייטן ציל. אַחוץ די שפּייזמיטלען פֿאַר די אַרעסטירטע, האָט מען דורך זיי געקענט פֿאַרשטענדיקן זיך מיט די אַרעסטירטע, זיי איבערגעבן פֿאַרשידענע אָנווייזונגען און אינפֿאָרמאַציעס פון דער פּאַרטיי־שער טעטיקייט. אין די פּעקלעך פֿלעגט מען אַריינלייגן פּאַרטיי־ליטעראַטור, וואָס מען פֿלעגט פֿאַרשטעקן אין די טאָפּעלע דנאָען פון קאָנסערוון־פּושקעס, אָדער אַריינבאַקן אין אַ לעבל ברויט. טייל מאָל פֿלעגט מען איינבייען אין ספּעציעל אָפּגעשמועסטע ערטער. זייער פּאָפּולער איז געווען צו שיקן און באַקומען אַזוי גערופֿענע „גריפּסן". אַזוי האָט מען גערופֿן אינפֿאָרמאַציעס אָנגעשריבענע אויף דינינקן פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר, לויט אַ ספּעציעלן שליסל, אַן אָפּגעשמועסט וואָרט. אַנשטאָט אותיות פֿלעג מען שרייבן צוויי ציפֿערן, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן אַן אות פון דעם אָפּגע־

שמועסטן וואָרט. געקענט האָבן דאָס וואָרט נאָר די וועלכע האָבן געוואָלט שרייבן, אָדער לייענען. אַזעלכע אינפאָרמאַציעס האָט מען אַ געוויסע צייט איינגעניית אין אַ זוימל פון אַ ציכל.

אַ לאַנגע צייט האָט מען אויף איינעם פון די אופנים באַוויזן איבערצושיקן דעם פאַרטיי־אָרגאַן „נאָווי פּושעגלאָנד", ד.ה. אין אַ פּושקע פון קאָנסערוון מיט אַ טאָפּלטן דנאָ.

פון דעם געוועלב פון דער ל.ס.ס. איז געווען באַקוועם צו שיקן די פּעקלעך, ווייל דאָרט פלעגט מען די פּראָדוקטן קענען קויפן אויפן אָרט, זיי גלייך פּאַקן און אַדרעסירן. פון דאָרט האָבן די פאַמיליעס זיי געקענט נעמען, נישט וועקנדיק קיין פאַרדאַכט ביי דער פּאָליציי, ווייל זיי האָבן שטענדיק געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן אַלץ אַליין געקויפט פאַר אייגן געלט. די ל.ס.ס. פלעגט אויך שטענדיק צושטייער געבן צו די פּעקלעך אין אַ גרויסער מאָס.

געוויסע סומעס פלעגן קומען פון דער באַקאַנטער טוערין פאַר דער רויטער הילף, די סעמפּאָלאָווסקאַ. הערש פּערל, מיין שכנס אַ זון, פלעגט זאַמלען געלט אין פראַנקרייך, וווּ ער האָט שטודירט מעדיצין. די געזאַמלטע סומעס פלעגט ער רעגולער איבערשיקן אויף אַן אָנגעוויזענעם אַדרעס. פון דער שטיצע פלעגן אויך געניסן אַרעסטירטע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פאַמיליעס איבערצוּווייזן זיי די צוגעגרייטע פּראָדוקטן. פאַר זיי האָט מען געמוזט געפינען פּרייווויליקע צו גיין אין תּפיסה אַריין מיט די פּעקלעך. קיין לייכטע אויפגאַבע איז דאָס נישט געווען, ווייל אַזאַ פּערזאָן איז באַלד געוואָרן פאַרדעכטיקט אין קאָמוניסטישער טעטיקייט, און דאָס האָט געקענט האָבן שווערע קאָנסעקווענצן.

שטיצע אין פאָרם פון געלט אָדער פּראָדוקטן פלעגן אויך קריגן די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע. עטלעכע אַזעלכע פאַמיליעס האָבן געליטן אַ ספּעציעלע נויט און געווינט אין די ערגסטע באַדינגונגען אין דער האַלב־איינגעפאַלענער געביידע פון דער אַמאָליקער קראַסוסקעס פאַבריק אויף קראָוועצקי. איין פאַמיליע, וועלכע האָט קיין שום מיטלען צום לעבן נישט געהאַט, נאָכן אַרעסטירן דעם פּרנסה־געבער, איז געווען די פאַמיליע פונעם שוסטער שליווקע. זייער נויט איז געווען אומבאַשרייבלעך. די שטיצע, וועלכע זיי פלעגן באַקומען, איז געווען ווייט נישט קיין גענוגנדיקע. אָבער די רעסורסן, וועלכע די הילפגעבערס האָבן געהאַט אין זייער רשות, זענען געווען זייער באַגרענעצטע. נישט ווייט פון שטאָטזייגער האָבן געווינט

צוויי קינדער, וועלכע זענען געבליבן אַליין, נאָכן אַרעסט פון די עלטערן, ביידע, אַקטיווע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (צום באַדויערן, געדענק איך נישט זייער נאָמען). מיט די קינדער האָט זיך ריוועשע זייער שטאַרק אָפּגעגעבן, און זיי אַ סך געהאָלפן. איר פּאַרדינסט איז אויך געווען דאָס וואָס זי האָט געפונען אַ פאַמיליע, וועלכע האָט זיך מיט די קינדער פאַרנומען ביז די עלטערן זענען באַפרייט געוואָרן. נאָך אַ פּערזאָן וועלכע האָט באַקומען שטיצע, נאָכן אַרויסקומען פון תּפיסה, איז געווען אַ יונג מיידל וואָס האָט געהייסן רוזשע (דעם פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט). געוווינט האָט זי אויף לובאַרטאָווסקע 30, אָדער 32. ווען זי איז אַריין אין תּפיסה איז זי געווען אַ זייער שיין און יונג מיידל. ווען איך האָב זי געזען נאָכן אַרויסקומען, האָט זי אויסגעזען געפּערלעך צעבראָכן און אַלט. בלויז די לעבעדיקע אויגן אירע האָבן דערמאָנט אין איר פריִערדיקן אויסזען. ס׳קען זיין אַז זייער גלאַנץ האָט זיך גענומען פון איר שווערער קראַנקייט, טובער־קולאָז, אַן אָנדענק פון אָפּגעזעסענעם פּסק־דין.

צו די לאַנגיעריקע זיצערס אין די תּפיסות האָט געהערט גזשעגאָזש ווייסקאָפּ (ער איז צוויי מאָל פאַרמשפּט געוואָרן צו 6 יאָר). ערשט די מלחמה האָט אים באַפרייט, ווען די אַדמיניסטראַציע האָט די תּפיסה געלאָזט אָן אָן אויפזיכט, און איז אַנטלאָפן אין פּאַניק. אַהרון דאַווידזאָן איז אויך געווען פאַרמשפּט צו 12 יאָר און גענאָסן פון דער הילף.

ווייסקאָפּ, פּייערטאַג און גראָסבאָך, האָבן זיך באַרימט געמאַכט צווישן די קאָמוניסטישע טוערס מיט זייער אַרויסטרעטן פון „בונד" און מיט זייער אַריבערגיין צו דער עקסטרעם לינקער ריכטונג. זייער אַרויסטריט פון „בונד" האָט אַרויסגערופן אַ סך קאָמענטאַרן, די קאָמוניסטן האָבן דאָס אָפּגעשאַצט ווי זייערן אַ נצחון. די ליסטע פון די יידישע קאָמוניסטן וואָלט געקענט זיין גאָר אַ גרויסע, אָבער נישט אַלע נעמען געדענק איך, נישט אַלע האָב איך געקענט, אָבער עטלעכע וועל איך נאָך דערמאָנען. צו זיי האָט געהערט שׂרה נאָמבערג, יאַנינאַ ביִער, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט. זי האָט צוויי מאָל געקראָגן תּפיסה־טערמינען. נאָך יעדן מאָל אָפּזיצן איר שטראָף, פלעג זי באַלד צוריק אַריינוואַרפן זיך אין אַקטיווער אַרבעט. אויך אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט זי נישט איבערגעריסן איר טעטיקייט און איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט אַלס קעמפּערין קעגן די נאַציס. אַדאַם בראָמבערג האָט אויך זיין פּאַרציע באַקומען פאַר זיין טעטי־

קיט, און עטלעכע יאָר אָוועקגעגעבן דעם לובלינער „זאַמעק", די דעמאָל־טיקע לובלינער תּפֿיסה.

אויב מען רעדט וועגן לובלינער קאָמוניסטן, מוזן מען דערמאָנען דעם לערער פֿון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע, איינער צווישן די באַליבטסטע אין שול. ווען איך בין אָנגעקומען אין גימנאַזיע, איז ער שוין דאָרט נישט געווען, ער איז דאַן געזעסן אין תּפֿיסה אַ פֿאַראורטיילטער אויף לאַנגע יאָרן. זיין פֿרוי האָט ווייטער געאַרבעט.

אין דער שלאָס־תּפֿיסה אין לובלין זענען געזעסן אויך קאָמוניסטן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. פֿון זיי געדענק איך פֿון יענער צייט שמעון ליטמאַן, וועלכער האָט געגאַסן פֿון די פֿעקלעך געשיקטע דורך דער לובלינער אָפּ־טיילונג פֿון דער „רויטער הילף".

בערל פֿאָזנאַנסקי איז געקומען קיין לובלין אַלס שליח פֿון דעם צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון מ.אָ.פּ.ר. נאָך אַ קאָנפֿערענץ אין לובלין איז ער געפֿאָרן מיט אינסטרוקציעס קיין לענטשנע. די רייזע האָט זיך פֿאַר אים געענדיקט גאָר טראַגיש, די געהיים־פּאָליציי האָט אים באַלד ביים אָנקומען אַרעסטירט, געפּערלעך צעממיתט און אַרויסבאַקומען ביי אים ידיעות וועגן דער לענטש־נער אָרגאַניזאַציע, דערפֿירנדיק אַזוי צו צאָלרייכע אַרעסטן. איך האָב דער־נאָך געלייענט דעם טראַגישן חרטה־„גריפֿס" פֿון בערל פֿאָזנאַנסקי, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט נישט געקענט אויסשטיין די פּייניקונגען און ער האָט אויסגעגעבן חברים. ער האָט צוגעזאָגט צו פֿאַרגיטיקן דאָס אָפּגעטאָענע, און אויפֿן משפּט געלייקנט שטיין און ביין. איך געדענק זיין פּראָצעס, אויף וועלכן ער האָט טאַקע אַלץ צוריקגעצויגן, דערציילט פֿאַרן געריכט וועגן די „מעטאָדן" פֿון דער פּאָליציי, וועלכע צעברעכט און מאַכט אויס מענטשן פֿון אירע קרבנות פֿיזיש און גייסטיק. זיין רעדע האָט גע־דויערט עטלעכע שעה און ער האָט געצילט אַנשטאָט זיך צו פֿאַרטיידיקן, אָנצוקלאָגן די מאַכט. די רעדע פֿון דעם קליינוווקסיקן יונגנמאַן, געוועזענעם שילער פֿונעם לערער־סעמינאַר אין פּלאָצק, האָט געמאַכט אַ טיפֿן רושם אין שטאָט. אָבער ער האָט דערמיט נישט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פֿון תּפֿיסה נישט זיך, נישט די אָנגעקלאָגטע פֿון לענטשנע. איינער פֿון זיי איז געווען שמעון ליטמאַן, דער איינציקער פֿאַרדינער אין זיין צאָלרייכער פֿאַמיליע, וועלכע איז, נאָך זיין אַרעסט, געבליבן אָן מיטלען צום לעבן.

פֿון די יוגנטלעכע קאָמוניסטישע טוערס מוז מען דערמאָנען גדליהו

שפּירא, פון סטאַשיצאַ גאַס, אַן אַביטוריענט פון דער סטאַשיץ־גימנאַזיע, וועלכער האָט געירשנט, נאָך זיינע עלטערנס פּריצייטיקן טויט, אַ געוויס פאַרמעגן, און ער האָט אַלץ, וואַרשיינלעך, אַוועקגעגעבן די קעמפערס אין שפּאַניע. ער האָט פאַר זיין געלט געקויפט אַן עראָפּלאַן און מיט אים גע־קעמפט. ער איז אויך געפאַלן אין שפּאַניע.

אַ צווייטער יוגנטלעכער, וועלכער האָט אויך זיין לעבן אַוועקגעגעבן אין שפּאַניע, איז געווען יחזקאל האַניקשטיין. וועגן זיין העלדישקייט האָבן די שפּאַניער פאַרפאַסט אַ ליד. יחזקלען האָב איך געקענט פון דער צייט, ווען אונדזערע פאַמיליעס פלעגן פאָרן קיין נאַוואַדוואָר אויף די זומער־וואַקאַציעס. איך האָב מיר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס לייכטזיניקע און זאָרגלאָזע יינגל מיט די רויטע האָר, וואָס איך האָב דעמאָלט געקענט, וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן מיט העלדנטאַטן.

דער דריטער לובלינער, וועלכע איז אַוועק קעמפן קיין שפּאַניע, איז געווען מאַנדעלטראַוב־מאַלינאָווסקי, פון לובאַרטאָווסקע 24. ער האָט געהאַט מזל. ער איז צוריקגעקומען, געוווינט נאָך דער מלחמה אין וואַרשע, די לעצטע יאָרן זיך באַזעצט אין שטאָקהאָלם, שוועדן.

אין פאַרשידענע תּפיסות פון פּוילן האָט מען געקענט געפינען לובלינער קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך יאָרן פון זייער לעבן, טרוי־מענדיק, אַז זיי וועלן איבערמאַכן — אויב נישט די גאַנצע וועלט — איז כאָטש פאַרבעסערן די לאַגע אין לאַנד בכלל, און פון די יידן בפרט.

איך בין נישט בכּוח אויסצורעכענען אַלע, אָבער אייניקע וויל איך דערמאָנען, וואָס וועגן זייערע ליידן אין יאַנאָווער תּפיסה, האָט מען געלייענט אין די מעלדונגען פון דער דעמאָלטיקער פּאַרטיי־ליטעראַטור.

כּדי צו צעברעכן די אַרעסטירטע, האָט די תּפיסה־פאַרוואַלטונג אָנגע־ווענדט מעטאָדן, מיט וועלכע די היטלעריסטישע רוצחים, וואָלטן זיך שפּע־טער נישט פאַרשעמט. זי האָט אָנגעווענדט צוואַנג־דערנערונג ווען די אַרעס־טירטע האָבן באַשלאָסן צו הונגערן אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דעם ברוטאַלן תּפיסה־רעזשים. דאָס דערנערן מיט צוואַנג האָט אויסגעזען אַזוי: אַ וועכטער אָן וועלכע נישט איז קענטעניש פונעם אַנאַטאָמישן געבוי פונעם מענטשן, און אָן שום מעדיצינישער צוגרייטונג, האָט אַריינגעזעצט מיט כּוח אַ רער אין האַלדז פונעם שטרייקער און דורך דער רער אַריינגעגאָסן דאָס עסן. נאָך אַזאַ „אָפּעראַציע" זענען עטלעכע פערזאָן געשטאָרבן. די, וועלכע האָבן

איבערגעלעבט, האָבן זיך שווער נישט דערשטיקט. דער פריער דערמאָנטער ליטמאַן, איז נאָך דעם „צוואַנג־עסן" אויף שטענדיק געבליבן מיט אַ וווּנדיקן האַלדז און מער נישט געקענט נאָרמאַל עסן און אַפילו טרינקען. ער פלעגט זיך ביי דעם שטענדיק שטיקן. אַן אָפּעראַציע האָט אויף עטלעכע יאָר פאַר־לענגערט זיין לעבן, אָבער דער יאַנאָווער תּפיסה־וועכטער האָט אויסגעפירט אויף אים אַן אָפּגעלייגטן אויף שפּעטערע יאָרן טויט־אורטייל. נח קאַמיען האָט מיר דערציילט, אַז אים האָט „אָפּגעגליקט" צו איבערצייגן דעם וועכ־טער ער זאָל אים די רער אַריינזעצן דורך דער נאָז, אַנדערש וואָלט ער זיך דערשטיקט, צוליב זיין כראָנישער האַלדז־קראַנקייט.

צו די וועלכע זענען אַדורכגעגאַנגען די יאַנאָווער „קוראַציע" מיט דעם אַריינגעבן דאָס עסן דורך אַ רער, האָט אויך געהערט גזשעגאָזש ווייסקאָפּ און יאַשע יונגמאַן. אין יאַנאָוו האָט די תּפיסה־אַדמיניסטראַציע אָנגעווענדט נאָך אַ „גלענצנדיקן" אופן פון פייניקן די אַרעסטירטע. זיי האָבן דורך די פענצטער אַריינגעגאָסן שטאַרקע שטראָמען וואַסער, אַזוי, אַז די מענטשן זענען געלעגן טאָג און נאַכט אין וואַסער, זייענדיק געצוווּנגען צו שלאָפן אויסגעווייקטע אין נאַסע קליידער אויף די נאַסע שעניקעס מיטן נאַסן שטרוי.

די באַרימטע בערעזע־קאַרטוזקע האָט צווישן אירע „איינוווינער" אויך געהאַט צוויי לובלינער : פּיזול גראַנאַטשטיין־גראַנאַט און רוער, ביידע איצט אין ישׂראל. וועגן דיליידן אין דעם דאָזיקן לאַגער האָבן שוין אַנדערע געשריבן.

יאָרן תּפיסה, אָדער אָפּקומען אין דעם בערעזע־לאַגער, האָט מען גע־קענט כאַפּן פאַר די קלענסטע מעשׂים. ס'איז גענוג געווען צו פאַרוואַרפן אַ רויט פענדל אויף די טעלעפאָן־דראָטן, פּראָדוצירן אַ פלוגבלעטל מיט אַ ידיעה וועגן דער לאַגע פון די אַרעסטירטע, אויפקלעפּן אַ נעקראָלאָג פון אַן אומגעקומענעם חבר אין תּפיסה, אָדער דערמאָנען וועגן דער געפאַר פון אַ מלחמה וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן, צי גאָר וועגן די קאַמפן אין שפּאַניע קעגן דעם דיקטאַטאָר פראַנקאָ, אַז מען זאָל אַריינכאַפּן אַן אורטייל פון 7 ביז 10 יאָר. די לעצטע יאָרן זענען פאַרגעקומען מאַסן־פּראָצעסן. דער באַרימטער פּראָצעס פון די 40 איז געווען אַ „גוטער" ביי־שפּיל, וועלכער האָט געדאַרפט אָפּשרעקן און צעקלאַפּן עד חרמה די לינקע ריכטונג אין שטאָט.

איידער איך פאַרענדיק דאָס קאַפּיטל וועגן דער לינקער באַוועגונג,

וויל איך נאָך אַ מאָל דערמאָנען די ל.ס.ס. און דער עיקר — די ביבליאָטעק, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם גייסטיקן פֿורעמען די יידישע און נישט-יידישע יוגנט. ווי איך האָב שוין עטלעכע מאָל באַמערקט, זענען געווען אַ סך יוגנטלעכע אָן אַרבעט און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפֿן אָדער אַפֿילו לייען-ביכער פֿון אַ ביבליאָטעק. דער דורשט צו לייענען און בילדן זיך איז געווען גרויס. אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז די ביבליאָטעק אַנטקעגן געקומען די באַדערפֿענישן. אין דער ביבליאָטעק האָט מען נישט שטרענג געפֿאָדערט דעם מאָנאַטלעכן אָפּצאָל, מ'האָט געקוקט דורך די פֿינגער, ווען איינער האָט דעם צווייטן אָפּגעטרעטן זיין אַבאָנאַמענט; די קאָוציע און דער מאָנאַטלעכער אָפּצאָל זענען געווען קליינע. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט די לינק-געשטימטע יוגנט, דאָרט האָט זי געהאַט אַ טרעפֿפּונקט, און געקענט קריגן אויך מאַרקסיסטישע און בעלעטריסטישע ליטעראַטור, וועלכע די יוגנט פֿלעגט ממש שלינגען. דאָרט פֿלעגט מען אויך דיסקוטירן די געלייענטע ביכער, אַרויסזאָגן אַ מיינונג און קריגן אַ רעקאָמענדאַציע וועגן אַ ווערטפֿול ניי-דערשינענעם בוך. אין דער ביבליאָ-טעק זענען געווען די בעסטע ווערק פֿון דער דייטשישער, פֿראַנצויזישער, אָדער סאָוויעטישער ליטעראַטור. ס'האָבן זיך געשעמט יוגנטלעכע, אויב זיי האָבן נישט געהאַט געלייענט, צום ביישפּיל, קעלערמאַנען, האָופּטמאַנען, פֿויכטוואַנגערן — פֿון דער דייטשישער ליטעראַטור, ראָמען ראָלאַן, אַנדרעי זשיד, אַנרי באַרביס — פֿון דער פֿראַנצויזישער, אָדער פֿון דער סאָוויעַ-טישער ליטעראַטור, אַלעקסאַנדראַ קאָלאָנטיי, גלאַדקאָוו, פּילניאַק, שאָלאָכאָוו, פֿאַדיעיעוו און אַנדערע, דאָסגלייכן פֿון די רוסישע קלאַסיקערס: טאָל-סטאָי, גאָגאָל, אָדער דאָסטאָיעווסקי. צו לייענען מאַרקסיסטישע ביכער, ווי למשל, פֿון פּלעכאַנאָוו, קאָוטסקי, לענין, און פֿאַרשטייט זיך, דעם „קאַפּיטאַל" פֿון מאַרקסן — איז געווען כּמעט ווי אָבליגאַטאָריש. פֿלעגט דעריבער די ביבליאָטעק כּסדר איינקויפֿן נייע ביכער און די רשימה פֿון לייענערס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין אַ קליינעם לאָקאַל, אין אַ היגטערשטיבל פֿונעם קליינעם שפּייזגעוועלב פֿון ל.ס.ס. ביים שטאָטזייגער. דערנאָך האָט זי זיך געשאַפֿן אַ גרעסערן לאָקאַל אויף קרולעווסקע, ביים אַריינגאַנג צו דער זאַמאָיסקע. דאָרט איז שוין געווען אַ סך באַקוועמער צו פֿאַרגרעסערן די צאָל ביכער און אויך צו באַדינען די וואַקסנדיקע צאָל לייענערס. די ביבליאָטעק האָט אויך געהאַט

אַ גרופּע פּריוואַטע מיטהעלפערס וועלכע האָבן געאַרבעט אַן לוין. צו זיי האָבן געהערט די באַקאַנטע אין לובלין טוערין פּאַפּיעסקאַ, זאַפּיאַ גאָלד־פינגער, אַן אייניקל פונעם דערמאָנטן פּ.פּ.ס.ישן טוער און דירעקטאָר פון דער האַנדלס־גימנאַזיע, קוניצקי, און דוד רוער.

די קראָקאָווער פאָרשטאָט — די יום־טובדיקע גאַס

די קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע, אָדער ווי די ייִדן פלעגן זי רופן קראָקאָווער פאָרשטאָט, האָב איך עטלעכע מאָל דערמאָנט, אָבער ווייט נישט באַשריבן איר ראָל אין אונדזער שטאָט. געצויגן האָט זי זיך פון איין זייט פון שטאָטזייגער, פון דער צווייטער זייט האָט זי זיך פאַרענדיקט ביים זאַקסישן גאָרטן. נאָך דעם גאָרטן איז נאָך געלעגן אַ לאַנגע גאַס, וועלכע האָט שוין געטראָגן אַן אַנדערן נאָמען — אַלעע ראַצלאַוויצקע. די לעצטע איז פּאַקטיש שווער געווען צו באַצייכענען אַלס אַ נאָרמאַלע באַוווינטע גאַס. זי האָט מען געבונדן מיט די קאַשאַרן, גאָר ווייט פון שטאָט, מיט דער נייער וואַסער־לייטונג און מיט דעם ניי אויסגעבויטן הויז פאַר דער סטאַשיץ־גימנאַזיע. דאָרט פלעגן גיין אויף אַן אומגעשטערטן שפּאַציר פאַרליבטע פּאָרלעך. די קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע האָבן נישט אַלע ייִדן באַזוכט, די אָרעמע שיכטן פלעגן דאָרט זעלטן זיך באַווייזן, דאָרט איז מען געגאַנגען אויף אַ „בעסערן" שפּאַציר. מ'האָט געמוזט זיין שענער אָנגעטאָן, פרויען פלעגן אַ סך יאָרן זיך דאָרט נישט באַווייזן אָן אַ הוט אויפן קאָפּ. אויף דער גאַס איז מען נישט סתּם געגאַנגען, אַהין האָט מען זיך „געקליבן". זי איז געווען אַ ביסל אַ יום טובדיקע גאַס. געוווינט האָבן דאָרט נישט קיין סך ייִדן, ס'האָבן זיך אָבער געפונען הייזער, געשעפטן, אָדער וואַרשטאַטן מיט ייִדישע אייגנטימערס. באַלד ביים שטאָטזייגער, נישט ווייט פון זיין וואַנט, אין אַ ווינקל, האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט דער באַקאַנטער אין שטאָט פּסח רייזפעלד, איינער פון די בעסטע שניידערס. די אָנצוגן וועלכע זענען אַרויסגע־קומען פון זיין וואַרשטאַט האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע מאַרקע. צו די באַקאַנטע שניידערס האָט געהערט דער אייגנטימער פון דער פירמע „וואָלאָסטאָוויצער".

זיינע אַן עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט, דעם נאָמען האָב איך פאַרגעסן. נישט ווייט פון דעם וואַרשטאַט, אויף דער זעלבער זייט, האָט זיך געפונען אַ צווייטער אייגנטימער פון אַ באַקאַנטן שניידער־וואַרשטאַט, ביידע אייגנטימערס האָבן געהאַט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען אַקערמאַן. דער לעצטער איז געווען אַ ברודער פון מיין שכנה, טשאַרנע האַלצהעקער, פון דריטן שטאָק. קוראַפּאַטוועס שיכגעוועלב אויף דער קראָקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע געדענקען געוויס אַ סך לובלינער. דאָס צווייטע יידישע שיכגעוועלב האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו מען איז פון דער שוויענטאָדוסקע אַרויסגעקומען אויף דער קראָקאָווסקע פּזשעד־מיעשטשע. דער אייגנטימער האָט געהייסן העשע בילעט (איך בין נישט זיכער צי בילעט איז נישט קיין צונאָמען). אין שכנות מיט העשע בילעטן האָט זיך געפונען אַ יידיש פוטער־געשעפט. דער צווייטער פוטער־סוחר האָט, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, געהאַט זיין געשעפט אַנטקעגן דעם אַריינ־גאַנג אויף סטאַשיצאַ.

די דעמאָלטיקע שוליוגנט געדענקט געוויס די צוויי בוכהאַנדלונגען, איינע — פון דער פרוי זינגער, קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע 11, אָדער 13, און קעסטענבבערגס, שפּעטער געעפנט געוועלב, נישט ווייט פונעם אַריינגאַנג אויף קאַלאַנטאַיאַ, אַנטקעגן דעם פּלאַץ ליטעווסקי. דאָס געשעפט איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען אַן אָביעקט פון די פּיקעטן פון קאָצס אָנהענגער, וועלכע האָבן אַהין נישט דערלאָזט אַריינגיין קיין קונים.

פון די הויז־אייגנטימערס געדענק איך נאָר צוויי: איזראַעליטן פון נומער 51, און ד״ר זיידמאַן. זיין הויז איז געווען פון די ערשטע וואָס זענען באָמבאַרדירט געוואָרן, ווייל אין קינאָ „סטילאָווי״, וועלכעס האָט זיך דאָרט געפונען, איז גראָד געגאַנגען אַ פילם וועגן דייטשישן שפּיאָנאַזש, אונטערן נאָמען „אָס וויוויאַדו״.

די קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע האָט געהאַט אַ סך פּונקטן וועלכע האָבן געוועקט אונדזער נייגער. דאָרט האָבן זיך געפונען די איינציקע צוויי גרעסערע האָטעלן, „אייראָפּאַ״, און „וויקטאָריאַ״, וועלכע פלעגן מיך און אַ סך אַנדערע קינדער, און אַפילו דערוואַקסענע, אינטריגירן מיט די אַזוי גערופענע „פּאָסלאַנצעס״ (שליחים מיט זייערע ספּעציעלע אוניפאָרמען מיט די מעשענע קנעפּ און רויטע קיילעכיקע היטלען), וועלכע האָבן דאָרט שטענדיק געוואַרט אויף קליענטן. זיי פלעגן אָפּטראָגן בריוו, קליינע און

גרעסערע פעקלעך, ידיעות. זיי פלעגן פֿאַרטרעטן אַ סך מאָל די פּאָסט, אָדער דעם טעלעפֿאָן, וועלכער האָט נאָך געהערט צו די זעלטנהייטן. ביסלעכווייז האָבן זיי אָנגעהויבן נעלם ווערן, ווען די פּאָסט און דער טעלעפֿאָן האָבן אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט.

וועגן דריטן האָטעל מיטן נאָמען „סאַסקי" האָט מען אין שטאָט ווינציקער געוווּסט, הגם ער האָט זיך געפֿונען אויף דער זעלבער גאַס.

אויף קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע האָבן זיך אויך קאָנצענטרירט די גרעסטע בענק: באַראַדאָווי, אויפֿן ראָג ביי דריטער־מאַי גאַס, און די לאָדזשער באַנק, וייטער אַרויף אויף דער גאַס. מיט די דאָזיקע בענק האָבן ייִדן קיין סך געשעפֿטן נישט געפֿירט.

די אַמאָליקע קראַנקן־קאַסע האָט זיך אויך געפֿונען אויף דער זעלבער גאַס, נישט ווייט פֿון באַנק לודזקי. צווישן אירע קליִענטן האָבן זיך אויך קיין סך ייִדן נישט געפֿונען.

אַנטקעגן דעם פּלאַץ ליטעווסקי איז אויסגעוואַקסן די גרויסע פּאָסט־געביידע. מיט דער געביידע האָבן די לובלינער שטאָלצירט, אַזוי ווי מיט דער געביידע פֿון דער סטאַשיץ־גימנאַזיע. די געביידעס זענען געווען פֿון די איינציקע, וועלכע זענען צוגעקומען אין שטאָט. הייזער זענען צוגעקומען זייער זעלטן.

די פּאָסט האָט נאָך געהאַט אַן אַנדער ספּעציעלע פֿונקציע, וועלכע איר אַדמיניסטראַציע האָט נישט פּלאַנירט. זי פֿלעגט ווינטער דינען ווי אַן אָרט וווּהין פֿאַרפֿרוירענע שפּאַצירערס פֿלעגן אַריינלויפֿן זיך אַ ביסל אָנצוּוואַרעמען.

געלאָקט האָט נאָך אויף דער גאַס רוטקאָווסקיס צוקערניע מיט איר לאָקאַל, און מיט אירע גוטע צוקער־געבעקסן, מיט לאָדעס, מיט אַ גלאָז טיי, קאַווע, אָדער גאָר אַ גלאָז לימאָנאַד. ווינטער זענען די אויסדערוויילטע, וועלכע האָבן זיך דעם לוקסוס געקענט דערלויבן, געזעסן אינעווייניק, זומער איז אַ גרויסע צאָל פֿון דער קליִענטעלע געזעסן אויף דער וועראַנדע פֿאַרן לאָקאַל, אונטערן שוץ פֿונעם גלעזערנעם דאַך און די אַרומיקע שטאַכעטן. די אַרבעטסלאָזע יוגנט, וועלכע האָט כּסדר שפּאַצירט אַהין און צוריק, האָט נישט געקענט איבעררייסן דאָס „שלייפֿן" דעם ברוק און זיך צוזעצן ביי אַ טישל, עפּעס באַשטעלן און זיך אַ ביסל אָפּרוען. די צוקערניע איז צוגלייך מיטן שטאָטזייגער געווען אַ פּונקט, וווּ פֿאַרלעך פֿלעגן זיך אָפּשמועסן צו

טרעפן. פאַר דעם לאָקאַל פלעגן זיך אויך טרעפן די וועלכע האָבן קיין מאָל נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דעם לאָקאַל.

קאָנקורירט מיט רוטקאָווסקין האָט סעמאַדעניס צוקערניע, וועלכע איז געלעגן נישט ווייט פון האָטעל „איראָפּאַ". די צוקערניע האָט געהאַט אַ ספּעציפישע קליענטעלע. צום מיינסטן האָבן זיך דאָרט געטראָפן גוטבאַ־זיצערס. אַנדערע געסט האָבן זיך דאָרט באַוויזן זעלטענער.

אַן אומזיסטער זאַמלפּונקט פאַר יוגנט איז געווען דער סקווער אויפן פּלאַץ ליטעווסקי. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע צענדליק בענק, ווו מ'האָט זומער געקענט זיך אָפּרוען צווישן דעם ביסלביימער און כאַפּן אַ בליק אויף דעם היסטאָרישן דענקמאָל פון דער פאַראייניקונג צווישן פּוילן און ליטע. דער דענקמאָל איז געווען אַרומגעצוימט און אַרום — באַזעצט מיט בלומען. אויף דעם פּלאַץ האָט זיך אויך געפונען אַ דענקמאָל פון די שפּעטערע יאָרן, אויפגעשטעלט לכבוד דעם „אומבאַקאַנטן זעלנער".

די גאַס איז, בכן, געווען אַ טראַדיציאָנעל אָרט, ווו מען פלעגט גיין שפּאַצירן, פאַרברענגען אין דער פרייער צייט, טרעפן באַקאַנטע און שליסן נייע באַקאַנטשאַפטן.

דער זאַקסישער גאָרטן

דער זאַקסישער גאָרטן איז געווען אַ באַליבט שפּאַצירטאָרט פאַר אַ גרויסן טייל פון דער לובלינער באַפעלקערונג. ער איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי גרויסע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער גאָרטן האָט געהאַט פאַרשידענע פּונקטן, ווו ס'פלעגן זיך זאַמלען פאַרשידענע גרופּעס. נישט ווייט פונעם אַריינגאַנג האָט זיך אַ מאָל געפונען אַ ספּעציעלע געביידע, ווו זומער פלעגט שפּילן אַן אָרקעסטער. באַצירט איז דאָס אָרט געווען מיט פּרעכטיקע בלומען, וועלכע מ'האָט געפלאַנצט מיט קפדנות און אָפּגעהיט. איך ווייס נישט ווער ס'איז געווען דער איניציאַטאָר, אָבער דאָס אָרט פאַר דעם אָרקעסטער האָט מען שפּעטער ליקווידירט און געמאַכט דאָרט אַ פאָנ־טאַן. דאָס אָרט איז פריער, און שפּעטער, נאָך די ענדערונגען, געווען באַזעצט אַרום און אַרום מיט עלטערן און קינדער, וועלכע האָבן זיך ליב געהאַט דאָרט

צו שפּילן. דער אָרקעסטער איז נישט פּולקאָם פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם גאָרטן, מ׳האָט נאָר געביטן זיין פּלאַץ און אָנגעהויבן געבן קאָנצערטן טיפער אין גאָרטן אין דער דאָרט אויפגעבויטער קאָוויאַרניע, ווו מען האָט שוין געמוזט באַצאָלן פאַר אַ פּלאַץ, כּדי זיצנדיק צו הערן אַ קאָנצערט, ווען פריִער האָט מען געקענט זיצן אויף דער פרייער לופט, אָן אַן אָפּצאָל און געניסן פון דער מוזיק. די קאָוויאַרניע האָט אַ געוויסע צייט געדינט דער שוליוגנט אין עלטער פון 13—14 יאָר, יינגלעך און מיידלעך וועלכע פלעגן דאָרט אָנצאָליקע מאָל און שפּעטנוויז מאַרשירן אַרום דעם לאָקאַל און מאַכן באַ־קאָנטשאַפטן צווישן זיך. ס׳איז געווען זייער שווער אַדורכצוגיין, אַזוי געפּאַקט איז געווען דאָס שטיקל פּלאַץ.

די טונקעלע אַלעע איז ווייטער געווען אָקופּירט דורך דער עלטערער יוגנט, וועלכע פלעגט פאַרלעכוויז פאַרנעמען די אויפגעשטעלט בענק. ס׳האָט עקזיסטירט אַ מין שטילער אָפּמאַך צווישן די פּאַרלעך, נישט צו זעצן זיך אויף אַ באַנק, וועלכע אַ צווייט פּאָרל האָט פריִער פאַרנומען. די פּאָרלעך זענען געווען לאָיאַל איינס לגבי דעם צווייטן, דערפאַר אָבער זענען די וועכ־טערס פון גאָרטן געווען ווייט פון לאָיאַליטעט. זיי זענען שטרענג געשטאַנען „אויף דער וואַך פון דער מאָראַל״, אַז אַ פּאָרל זאָל זיך, חלילה, נישט געבן אַ קוש. פאַר אַזאַ מין „פאַרברעך״ האָבן די וועכטערס געהאַט רעכט צו באַשטראָפן מיט אַ געוויסער סומע. זיי פלעגן אָנווענדן אַ ספּעציעלע טאַקטיק, כּדי צו כאַפּן די „פאַרברעכערס״. זיי פלעגן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער און ווען זיי האָבן באַמערקט אַזאַ „פאַרברעך״, פלעגן זיי אַרויסשפּרינגען מיט אַ טאַשן־לעמפּל, באַלייכטן די געכאַפּטע און זיי באַשטראָפן.

אַ שטענדיקע אַטראַקציע אין גאָרטן זענען געווען די עטלעכע וועווער־קעס, וועלכע פלעגן זיך אַ מאָל באַווייזן צווישן די צווייגן. די גרעסטע סענסאַציע פלעגט אַרויסרופן דאָס באַווייזן זיך פון אַ פּאַווע, ווער שמועסט נאָך ווען זי האָט געוואָלט זיך באַווייזן מיט דעם פונאַנדערגעשפּרייטן, פּרעכ־טיקן וויידל. אַן אָביעקט צו באַוווּנדערן איז אויך געווען דער זומער־זייגער, געמאַכט פון געוויקסן, אַזוי געפלאַנצט, אַז זיי האָבן געבילדעט די צוועלף שעהען פון ציפערבלאַט.

אין גאָרטן האָט זיך לאַנגע יאָרן געפונען אַ וואָג, אויף וועלכער מ׳האָט, פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל, זיך געקענט דערוויסן וויפל מען וועגט.

אין אַלגעמיין איז דער אַריינגאַנג אין גאָרטן געווען פריי, אָבער אַ צרה

איז געווען, ווען מ׳פלעגט איינאָרדענען אימפּרעזעס. דאָן האָט מען שוין געמוזט באַצאָלן, און אַ סך האָבן געמוזט רעזיגנירן פונעם אַריינגיין. צרות האָבן אויך געהאַט קינדער און יוגנטלעכע אונטער 18 יאָר. זיי האָבן געמוזט האָבן אַ דערוואַקסענעם באַגלייטער כּדי צו קענען אַריינגיין. די וואָס האָבן פּאַרשפּעטיקט און נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פאַר עלף אין אָוונט, האָבן אויך געהאַט אַ פּראָבלעם צו געפינען דעם וועכטער, ער זאָל זיי וועלן עפענען דעם אַרויסגאַנג.

ווינטער האָבן די ליבהאָבערס פון אַ גליטש געקענט געניסן פון אַזאַ פאַרגעניגן אויף איינער פון די אַלעען, וואָס זענען געווען ספּעציעל צוגע־פּאַסטע צו דעם צוועק. דערצו האָט מען אָבער געמוזט האָבן אַ שליטן.

סוף 1939 איז דער באַליבטער גאָרטן, אין אַ גרויסער מאָס, צעשטערט געוואָרן. מען האָט דאָרט געגראָבן שוץ־גרובנס, וועלכע האָבן צום באַדויערן קיינעם נישט באַוויזן צו באַשיצן.

*

און מיט איין מאָל האָט זיך אָנגעהויבן דער סוף פון דעם פאַרביקן לעבן פון דעם יידישן לובלין. דעם 18טן סעפּטעמבער זענען די דייטשן אַריין אין שטאָט, נאָך דעם ווי זיי האָבן זי עטלעכע מאָל באָמבאַרדירט, און דערנאָך, באַשאָסן זי אַ גאַנצע נאַכט מיט אַרטילעריע. זיי האָבן געמאַכט לעכער און צעשטערט צאָלרייכע הייזער. שווער געטראָפן איז געוואָרן די לובלינער קאַטעדרע.

דעם 18טן, גאַנץ פרי, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשן אויף דער לובאַרטאָווסקע, איך האָב זייערע גרוי־גרינע מונדירן באַמערקט דורך אונ־דזער פענצטער. זיי האָבן געוואָרפן אומרויִקע בליקן אין אַלע ריכטונגען, האַלטנדיק די ביקסן גרייט צום שיסן. איך האָב מיר נאָך געוואָלט איינרעדן, אַז אפשר איז אַ טעות, און אַז דאָס זענען פּוילישע זעלנער, און נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אַלץ איז געענדיקט און אַז קיין פּוילישע אַרמיי עקזיסטירט שוין נישט. ס׳האָבן זיך באַשטעטיקט די פאַרויסזאָגונגען פון מיין פאָטער, אַז די פּוילישע מאַכט איז זיך צעפאַלן. ער האָט געדענקט די צייטן, ווען די רוסישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן. ענלעכע סימפּטאָמען האָט ער געזען אין פּוילן. דעם זעלבן טאָג האָט זיך באַוויזן די רעגולערע דייטשי־שע אַרמיי אויף דער לובאַרטאָווסקע. זיי זענען געפאָרן מיט אַ געפּערלעכער

שנעלקייט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די איינצלנע דורכגייערס. דער ערשטער קרבן פון זייער אַריינפאַר איז געווען אַ יידישע פרוי. בעתן אַריי־בערגיין די לובאַרטאָווסקע גאַס פון איין זייט אויף דער צווייטער. אויטאָמאָ־בילן און מאָטאָציקלען זענען אַריבערגעפאָרן איבער איר קערפּער. קיינעם פון די זיגערס איז נישט איינגעפאַלן דעם קערפּער אָוועקצונעמען פון וועג. ער האָט זיי נישט געשטערט.

באַלד האָבן זיך באַוויזן אין לובלין מעלדונגען, אַז אַלע מענער, פון 14 יאָר אָן, מוזן זיך צושטעלן ביים שטאָטזייגער אונטער דער דראָונג פון דער העכסטער שטראָף.

פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מענער צום זאַמלפּונקט. די דייטשן האָבן זיי אויפגענומען מיט די ערגסטע זידלערייען. פונעם שטאָט־זייגער האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן יאָגן צום פּלאַץ ביי די קאַשאַרן. איך בין דעם גאַנצן וועג מיטגעגאַנגען און מיט ווייטיק זיך צוגעקוקט ווי זיי יאָגן די אומגליקלעכע מענטשן, זיי זאָלן זיך רירן שנעלער, באַגלייך מיט די באַ־גלייטערס, וועלכע זענען געפאָרן אויף מאָטאָציקלען. צווישן די געיאָגטע האָב איך באַמערקט מיין פעטער שלמה פערנאַנד, וועלכע האָט מיט זיינע שוואַכע פיס זיך באַמיט צו דעריאָגן די באַגלייטערס. פון זיין פּנים מיטן פאַררוקטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, האָט דער שוויים זיך געגאָסן מיט גרויסע טראָפּנס. איך האָב אויך געזען מיין שכן חיים־יאַנקל שפּיעוואַק ווי ער האָט מיט טויטשרעק אין די אויגן, הינקענדיק, באַמיט זיך צו גיין גענוג שנעל. אַלע מענער, יידן און קריסטן, האָבן די דייטשן פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ פאַר די קאַשאַרן, אונטערן נאַקעטן הימל. אַ טייל זענען דאָרט געבליבן איין טאָג, אַנדערע — עטלעכע טעג. קיין עסן האָבן זיי נישט געגעבן, געצוווּנגען אַלע צו זיצן אויף דער גאָלער ערד, אונטער אַ גאָס רעגן. זיי האָבן די מענטשן כּסדר געהייסן פאַרמירן זיך אין רייען, מכּלומרשט כּדי זיי אַרויסצולאָזן, אָבער ווען די רייע איז שוין געווען גענוג לאַנג האָט מען זיי געצוווּנגען זיך צו זעצן צוריק. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָט מען זיי ווידער געהייסן פאַרמירן זיך אין רייען און פון דאָס ניי איבערחזרן די זעלבע פּראָצעדור. אַזוי האָבן זיי זיך „געוויילט" שעהענווייז. מיין פאָטער האָט זיך אויך געפונען אין דעם צייטווייליקן לאַגער, אָבער אים האָט געגליקט. דעם ערשטן טאָג האָט מען אים באַפרייט, צוזאַמען מיט אַלע מענער אַריבער 55 יאָר. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַרן טויער, און גליקלעך

דערוואַרט זיך צו דערזען מיין פאָטער אַרויסקומען. געבליבן איז אָבער נאָך דאָרט מיין ברודער אשר, און איך האָב מאַכטלאָז געמוזט גיין אַהיים, ווייל ס׳האָט זיך דערגענטערט פינף אַ זייגער אין אָוונט, ווען ס׳איז שוין געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגיין פון שטוב. פאַר נישט פאָלגן די פאַראָרדענונג, האָבן זיי באַלד דערשאָסן. קיינער פון אונדז איז אין יענער נאַכט נישט געשלאָפן, וויסנדיק, אַז אשר געפינט זיך אין לאַגער און זיין גורל ליגט אין די הענט פון די רוצחים. פאַר טאָג, ווען איך האָב מיך קוים דערוואַרט די שעה ווען מ׳האָט שוין געמעגט אַרויסגיין אין גאַס, בין איך גלייך אַוועק צו די קאַשאַרן מיט עסן פאַר מיין ברודער. ס׳איז מיר געלונגען אַריינצוגיין. אין דעם ערשטן לאַגער אין שטאָט האָבן זיי די ערשטע טעג אַריינגעלאָזט מיט עסן. נאָך דער דאָזיקער נאַכט איז מיר געווען שווער צו דערקענען מיין ברודער. זיין פנים איז געווען שוואַרץ, די אויגן איינגעפאַלן. ער האָט זיך איבער דער נאַכט פאַרעלטערט. אָבער דאָס מאָל האָט אויך אים ווי דעם גרעסטן טייל אַנדערע נאָך צוגעשפילט דאָס מזל. זיי האָבן אים באַפרייט אויפן דריטן טאָג. פאַר־האַלטן האָבן זיי נאָר מיליטער־פעיקע מענער. מיין ברודער איז נאָך דעמאָלט געווען צו יונג צו ווערן מאָביליזירט.

אין די ערשטע פאַר טעג האָבן די דייטשן באַראַבעוועט דעם גרעסטן טייל געוועלבער. די סחורה האָבן זיי געזאַמלט אויף דער גאַס און פון דאָרט, מיט לאַסטאויטאָס, טראַנספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד. צום אָנלאָדן די אויטאָס האָבן זיי געכאַפּט מענטשן אויף דער גאַס. צו דער אַרבעט האָבן זיי גענומען נאָר פּאָליאַקן. מיין קוזין, העניעק פערנאַנד, האָט זיך געפונען צווישן די „אויסדערוויילטע״. ער האָט געהאַט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן און זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ פּאָליאַק. אין די ערשטע טעג האָבן זיי אויך געמאַכט די ערשטע סעגרעגאַציע ביים צעטיילן צוקער. אויף דער שווענטאָ־דוסקע, ביי פּאָדשאַדלאָווסקין אין געוועלב, האָבן זיי צוגעלאָזט צו פאַרקויפן צוקער. יידן האָבן אָבער געקענט קריגן בלויז אַ פערטל קילאָ, פּאָליאַקן — אַ האַלבן קילאָ. זיי האָבן פאַראָרדנט צו שטעלן זיך אין צוויי באַזונדערע רייען, איינע — פאַר יידן, די צווייטע — פאַר פּאָליאַקן. איך בין געווען אַן עדות ווי זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטיטשקן ייד וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי פון די פּאָליאַקן, און זיי האָבן אים אומרחמנותדיק צעשלאָגן. אין יענע טעג איז איינע פון די שטערנפינקלס דערשאָסן געוואָרן אין הויף אויף דער בראָוואַרנע.

אין לובלין האָבן זיך דעמאָלט געזאַמלט אַנטלאָפענע פון גאַנץ פוילן. מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן. זעלנער פון דער צעפאַלענער פוילישער אַרמיי זענען געגאַנגען איבער די שטיבער בעטן אַ ביסל עסן, אָדער וואַסער. אַ פאַרצווייפלונג האָט אַרומגעכאַפּט דעם ייִדישן ישוב. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן וואָס זיי דערוואַרט. אַ סך מענטשן האָבן געצויגן אויף מזרח... אָבער נישט אַלע האָבן געגלויבט, אַז די דייטשן וועלן מאַכן אַ סוף פון אַ גאַנץ פאָלק און אויסמאָרדן מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן מיליאָנען מענטשן.

איך האָב לובלין פאַרלאָזט דעם 7טן נאָוועמבער, צוזאַמען מיט מיין מאַן, מיט דעם אַדוואָקאַט זיידמאַן און זיין פרוי (פון דער היים גאַליס). מיר זענען אַריבער די גרענעץ קיין רוסלאַנד.

*

ווען מיר זענען אין 1946 צוריקגעקומען קיין לובלין, אין דער שטאָט, ווו איך האָב געהאַט אַזוי פיל קרובים, באַקאַנטע און פריינד, בין איך געגאַנגען פון דער סטאַציע ביז דער לובאַרטאָווסקע און נישט געטראָפן קיין איינציק באַקאַנט פנים. דאָס הויז אויף לובאַרטאָווסקע איז געבליבן גאַנץ, אָבער קיינעם פון מיין פאַמיליע, אָדער שכנים, האָב איך דאָרט נישט געטראָפן. אין אונדזער געוועזענער וווינונג האָט זיך געפונען אַ פאַמיליע, וועלכע האָט גאָר נישט געוווּסט וועגן די פריִערדיקע לאָקאַטאָרן. אַפילו די צימערן האָבן זיך געענדערט. פון די צוויי מיט אַ קיך האָט ווער געמאַכט אײן צימער. ס׳זענען אויך פאַרשווונדן די צוויי פראָמוגעס, ווו מיינע עלטערן האָבן איינגעמויערט די שענק צו שיצן זיך פאַרן שטייעראַמט. עטלעכע חדשים שפּעטער, נאָך מיין צוריקקומען, האָב איך ביי אַ נייעם שכן פון הויז געפונען איין צעבראָכענע שטול פון מיינע עלטערנס מעבל...

אינהאַלט

5 עטלעכע ווערטער וועגן דעם בוך און זיין מחברטע — נחמן בלומענטאַל
7 פאָרוואָרט
9 לובאַרטאָווסקע 21, איר הויף, די בעלי־בתים, די לאָקאַטאָרן, מיין משפחה
40 דער קאַמף מיט דער פּאָליציי, די צענגיקעס און די סאַניטאַרע קאָמיסיע
51 לובאַרטאָווסקע 19 מיט אירע שיינהייטן
55 לובאַרטאָווסקע 23
57 שיפּערס הויז
59 דאָס געוועלב מיט די קוואָס־ און געפּרווירענע עפּעלעך. די „טשאָפּעס"
61 די „פּאָושעכנע"
71 די שילערינס אין דער „פּאָושעכנע"
84 לענגאוים דער לובאַרטאָווסקע
88 דאָס יידישע שפּיטאָל
89 די ישיבה
95 די רוסקע גאַס
110 דאָס יאַטקע־געסל
111 א שפּאַציר איבער דער קאַלינאָווטשיזנע
113 שעראָקע 52, מיין זיידע־באָבע און אַנדערע לאָקאַטאָרן
122 די וועגן צו דער צירולימשע
123 די צירולימשע, אירע איינוווינערס און מעשיות
133 די יידישע זומער־קאָלאָניע אין נאָוואָדוואָר
142 דער שפּעראָווס גימנאַזיע
144 די לערערס
153 די שילערס
159 די גאַסן זאַמאָיסקע, בערנאַרדינסקע, לובאַרטאָווסקע, נאָווע — דער שטאָטזייגער
165 די הומאַניסטישע גימנאַזיע
168 די לערערס
180 די שילערינס
186 די שילערס
189 די מאַטורע־עקזאַמענס
193 נאָך די מאַטורע־עקזאַמענס
196 מענטשן, טרוימען, מעשים
222 די קראָקאָווער פּאָרשטאָט — די יום־טובדיקע גאַס
225 דער זאַקסישער גאָרטן
בילדער פון פאַרמלחמהדיקן לובלין

בילדער פון פאַרמלחמהדיקן לובלין



די קראַוויעצקע — אויבן, דער שלאָס — (דעמאָלט אַ תפיסה)

לובאַרטאָווסקע 21 (היינט 47)

די שעראַקע — די ייִדן־גאַס

שעראַקע־גאַס

שעראַקע 2, ראָג צירוליטשע



שעראַקע־גאַס



שעראַקע 28



שעראַקע 28

שעראָקע 14



קאָוואַלסקע 2

קאָוואַלסקע־גאַס

קאָוואַלסקע 4

קאָוואַלסקע 4

קאָוואַלסקע 4

קאָוואַלסקע 4

קאָוואַלסקע 6

קאָוואַלסקע 8



קאָוואַלסקע 8

קאָוואַלסקע 14



די ברום אויף די זאַמקאָווע (אונטערן שלאָס)

נאָווע־גאַס

נאָווע־גאַס

נאָווע־גאַס



נאָווע־גאַס

נאָווע־גאַס

נאָווע 14

נאָווע 23



נאָווע 26



די קראַווי־עצקע־גאַס



אַ הויף אויף קראַווי־עצקע

שפערס גימנאַזיע, זאַמאָיסקע 12



די הומאַניסטישע גימנאַזיע, ניעצאַלע 3